STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08025

DI MIRAZSHN FUNEM AMOK-LOYFER OSKAR GRIK

Meir Yelin

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאיר יעלין

די מיראַזשן פונעם אַמאָק־לויפער אָסקאַר גריק

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון
פאַראיין פון ייִדישע שרײַבערס און זשורנאַליסטן אין ישׂראל
אליעזר פינעס־פאַנד פאַר קולטור און ליטעראַטור
קרן תל־אביב לספרות ולאמנות

ה. לייוויק־פאַרלאַג
בײַם פאַראיין פון ייִדישע שרײַבערס
און זשורנאַליסטן אין ישׂראל

תל־אביב * 1981

מאיר יעלין

די מיראַזשן פֿונעם אַמאָק-לויפֿער אָסקאַר גריק

נאָוועלע

מ א י ר י ע ל י ן

די מיראַזשן פֿונעם אַמאָק־לויפֿער אָסקאַר גריק

(נאָוועלע)

ה. לייוויק־פֿאַרלאַג, תל־אביב, רח׳ דב הוז 30

©

כל הזכויות שמורות למחבר

נדפס בישראל 1981, תשמ״א

נסדר בלינו־טור, רח׳ יסוד המעלה 39, ת״א

נדפס בדפוס מ. ערבה, רח׳ לבנדה 36, ת״א





פאַמעלעך עפנט זיך די צימערטיר. פאַמעלעך באַוועגט זי זיך צום קאָרידאָר צו. און שטיל, אָן דעם מינדסטן שאָרך אין די שאַרנירן. ווי אַ הילצערנער פויגל וואָלט פויל צעפירט זײַנעם אַ פירעקיקן פליגל...

אינעם קאָרידאָר איז צונויפגעפרעסט אַ טונקל בלויע שײַן. פון איר שפּאַלט זיך אָפּ אַ פּאַסמע און דורך דער אויפגעגאַנגענער טיר־עפענונג פאַלט זי שטום אַרײַן אין דער געדיכטער סומנעקייט פונעם צימער.

אַ פאַרזונקענער אין דער אָ סומנעקייט, שפּירט ניט אָסקאַר גריק דעם באַוועג פונעם טירפליגל. שפּירט ניט, אַז אַרום אים ציטערט־אויף די אַרײַנגעפאַלענע שײַן ווי אַ שטיק בלויער גליווער און צעגייט. די עלנבויגנס אײַנגעשפּאַרט אין די קני, ס'פּנים פאַרגראָבן אין די דלאָניעס, איז ער אָפּגעטונקט, אָסקאַר, אין אַ קאַלטער און זייער קלעפּיקער מאַסע, וואָס פאַרליאַפּעט זײַן מוח און אַלע חושים.

— זאָ, איר קאָנט זיך איצט אַמיזירן, — זאָגט עמעצער טרוקן. זאָגט אין דײַטש, און הינטער אַן אַרײַנגעקומענער פרוי גליטשט זיך אַוועק דער בלויער טירפירקאַנט, אַרויסשלעפנדיק פון צימער דאָס ביסל העלערע שײַן.

די אומגעריכטע שטים, די ווערטער וואָס ער באַנעמט ניט זייער זינען, הייבן אַרויף אָסקאַרן פונעם קאַלטן און זייער קלעפּיקן גרויען אײַנזינקעניש. צאַפּלט ער אויף: „שוין? האַלבע נאַכט? פון פרײַטיק אויף שבת?" און רײַסט פונאַנדער די אויגן־לעפלעך: אינעם האַלב־טונקל, בײַ דער טיר איז אַרײַנגעשטעלט אַ פרוי.

זײַן פרוי!

מיט שרעקלעכן קלעמעניש רופט ער אויס איר נאָמען:

— מאַרגי!!!

זי, זי! אין איר נײַעם, זייער עלעגאַנטן קאַרשן־פאַרביקן ווינטער־מאַנטל, מיטן אַריבערגעוואָרפענעם זילבערפוקס אויף די פלייצעס. איר ווײַסע שאַל פון פוכיקער אַנגאָרע־וואָל, איר אייגענע שטריקערײַ, — אויפן קאָפּ.

זי, זי און ניט קיין אַנדערע!

נעמט אָסקאַר אויפשטיין, דומפּ פּרעפּלענדיק:

— מאַרגי, מאַרגי, מאַרגי...

ס'געדויערט ביז ער שטייט אויף און גלײַכט זיך אויס אין פולן וווקס. ער גלײַכט זיך אויס, ניט אויפהערנדיק קוקן אויף זײַן שלאַנקער, שטאַלטנער, שטענדיק שיינער, אויף זײַן וווּנדערלעכער, אָן אויפהער געליבטער פרוי, וואָס שײַנט אַפילו אין דער אַרומיקער טונקלעניש.

זײַן מאַרגי! אויך זי האָט מען געפירט אַהער צו דורכן אומענדלעך לאַנגן, אומענדלעך בלויען, טונקל בלויען קאָ־רידאָר. אויף איר וואַרט עס דער טאַפּטשאַן פון דער אַנדע־רער זײַט טישל. דרײַ וואָכן געוואַרט. ניט געהאָלפן דאָס געראַנגל, די מאַנעוורס...

— אָסקאַר! — פאַלט מאַרגי צו אים צו און גיסט זיך אָפּ מיט טרערן.

ער הערט זי ניט, פילט זי כמעט ניט. ער איז אויפגערו־דערט. ניט געראָטן איז אים צו איזאָלירן מאַרגין! אַרײַנ־געפירט האָט מען זי אין דער פײַנלעכסטער פאַזע פון דער קאַץ־און־מויז־שפּיל. די קלעמען זאָלן האַרבער, זאָלן אַכזר־יותדיקער אים, אָסקאַרן, אַרומכאַפּן און פּרעסן, פּרעסן...

שטאַרקער זיך צוגעטוליעט צום מאַן, צעהעשעט זיך מאַרגי:

— אָסקאַר, מיר זענען...

האַסטיק פאַרמאַכט איר אָסקאַר דאָס מויל מיט זײַן דלאָניע. קיין וואָרט, קיין אומקאָנטראָלירט וואָרט ניט אַרויסברעכגען! דער רירעוודיק־פלינקער און דעצידירט־שאַרפער מוח זײַנער איז געקומען צו זיך און באַוויזן אָפּצו־געבן דעם באַפעל: פאַרהאַלטן די געבורט פון אַ וואָרט, וואָס קאָן איבערשנײַדן דעם האָר, אויף וועלכן עס הענגט איבער זייערע ביידנס קעפּ די גורל־האַק — די נאַצישע האַק, וואָס קעפּט פאַרמישפּטע און פאַרטיליקט ייִדן. מען ווייסט, געוויס ווייסן זיי שוין דאָרטן ניט ווינציק וועגן זיי ביידן. זאָלן אָבער בלײַבן וואָס מער פרעגצייכנס, וואָס מער ווײַסע פלעקן און אומקלאָרקייטן, אין וועלכע מען קאָן זיך פלאָנטערן...

באַפרײַט איר פּנים פון זײַנע הענט, פּרוּווט מאַרגי איבער גוואַלד עפּעס זאָגן.

— מען הערט אונטער, — שעפּטשעט איר אָסקאַר אַרײַן אין אויער אין אַ געבראָכן אונגאַריש און לאָזט זי אָפּ.

מאַרגיס פּנים, בלוילעך־גרין ווי וואַסערדיקע מילך, באַ־האַלט זיך אינעם אויפגעפּוישטן פעלץ פונעם זילבערפוקס, וואָס אַרום איר האַלדז. בלויז אירע אויגן — גרויסע, מיט שוואַרצן פײַער ברענענדיקע אויגן — קוקן אַרויס פונעם לאַקער און נעמען עפּעס זוכן.

גרוי, כמאַרנע. אַלץ איז דריקנדיק גרוי אינעם גערוימען צימער: די ווענט, די צוויי טאַפּטשאַנעס, דאָס הוילע טישל וואָס צווישן זיי, די בענקלעך לעבן טישל. אויך דאָס שמאָלע, אין דער ברייט אויסגעצויגענע פענצטער וואָס אונטערן סו־פיט, איז שמוציק־גרוי. ליידיק איז דאָס צימער, נאַקעט — זײַנע גלאַטע, מײַזיש־גרויע ווענט. קיין טשוואָק, קיין האָקן, קיין טירל, קיין עפענונג. ווער קאָן דאָ אונטערהערן?

פאַרלוירן בלאָנקען מאַרגיס אויגן. כאַפּט זיך אָסקאַר זיי אַרויסצוהעלפן — טײַטלט מיט אַ פינגער אויף די ווענט

און ווײַזט דערנאָך אויף זײַנע אויערן. ווי איינער זאָגט: „ווענט האָבן אויערן".

אַז ס'איז אַזוי, האָבן אים געהאַט איבערצײַגט שפּאַלטן און... דער בלוטיקער נאַצישער שפּירהונט, דער ברודיקער אַלקאָהאָליקער און געמיינער געטראַנקען־שנאָרער, ריינ־גאָלד... נאָכן אַרײַנקערן אַ שפּאָרע פּאָרציע שטאַרקן דײַ־טשישן ווײַנבראַנד, וואָס ער, אָסקאַר, האָט אים אונטער־גערוקט, האָט דער דײַטש ניט אײַנגעהאַלטן די צונג און גענומען זיך באַקלאָגן אויף זײַן נודנעם דינסט פון זיצן אין אַ טאָפּלוואַנט און אונטערהערן. אונטערהערן, וואָס די פײַנד פונעם דריטן רײַך און זײַן פּירער אַדאָלף היטלער רעדן צווישן זיך; פּאַרגעדענקען און איבערדערציילן זייערע פּלאַפּלערײַען... די שפּאַלטן אינעם טינק אַרום אַ קוואַר־וואַנט. אָסקאַר האָט זיי באַמערקט, ווי נאָר מען האָט אים אַרײַנגעלאָזט אַהער. באַטאַפּט די חשודיקע וואַנט און אײַנ־געפונען, אַז זי איז ניט קיין מאַסיווע. דערבײַט האָט מען זי שפּעטער... ווי האָט זיך נאָך באַקלאָגט רײַנגאָלד: „אַן אָפּגעשטאַנענקייט אַזאַ, אַז מען באַנוצט אַ געוועזענעם קול־טורהויז פאַר נײַע, גאָר וויכטיקע צוועקן"...

ס'האָט זיך געלוינט די אינוועסטיציע אין רײַנגאָלדן... איצט, מיט מאַרגין, האָט די טאָפּלוואַנט באַקומען איר באַטײַט. געוויס הערט מען זיי אונטער. און מעגלעך, אַז טאַקע רײַנגאָלד אַליין.

פּאַרלוירן גליווערן אין דער דריקנדיקער סומנעקייט בייד־דע — אָסקאַר און מאַרגי, ביז ס'ציטערט אויף איר פּרע־טענזיע:

— וואָס וויל מען פון אונדז?

איר דײַטש רעדן מיטן ווייכן, זינגעוודיק־צעצויגענעם אונ־גאַרישן אַקצענט קלינגט זיס און לאַשטשעוודיק. אויב רײַנ־גאָלד הערט זיי אונטער, קערן זיך אים איבער די געדערעם.

גוט וואָס מאַרגי האָט אַרויסגעבראַכט איר פּרעטענזיע. בלויז צו שטיל האָט זי גערעדט. ענטפערט אָסקאַר הויך אויפן קול (זאָל הערן דער, וואָס הערט זיי אונטער!), ענטפערט האָפערדיק און, פאַרשטייט זיך, אין דײַטש:

— ס'אַן אומפאַרשטייעניש, און דאָס גאָר! זעץ זיך, מאַרגי, מאַרגלײַן מײַנס! אַלץ וועט זיך אויסקלאָרן. אַלץ! און די גערעכטיקייט וועט אַרויפשווימען אויבן אויף. זי וועט קריגן די אייבערהאַנט ווי אין אונדזער אַלט־געמאַני־שער ניבעלונגען־זאַגע.

ער האָט אַליין ניט געוווּסט, אָסקאַר, וואָס ער וויל אויס־ברענגען. גערעדט, ווײַל מען דאַרף רעדן, דעמאָנסטרירן אַ זיכערן אין זיך אָנשטעל... אָנגענומען מאַרגין פאַר דער טאַל־יע, פירט ער זי צו צום פרײַען טאַפּטשאַן.

אַרום זיי איז אַ גרויע געדיכטעניש, פול אימה. ווי וועלנ־דיק זיך ראַטעווען פון אַ סכנה, כאַפּט מאַרגי אַרום אָס־קאַרס האַלדז, בייגט אַראָפּ זײַן קאָפּ און באַשיט מיט קושן איין זײַט פּנים, די צווייטע זײַט. קושט און מורמלט אויף אונגאַריש:

— כ'האָב זיך געוווּנטשן... כאָטש איין מאָל פאַרן טויט... יאַנוס מײַנער!

קאַלט בלײַבט אָסקאַר צום צערטלעכקייט־אויסבראָך. ער איז אָנגעשפּאַנט, ער איז פאַרפּלאָנטערט, ער איז ערגעץ פאַרפלויגן. צו וואָס רעדט מאַרגי וועגן טויט? זיי ביידע געהערן ניט צו דער קאַטעגאָריע שטאַרבערס. און ווידער דער אַלטער „יאַנוס". דער טאָפּל־פּנימדיקער רוימישער גאָט פון אַרײַן־ און אַרויסגאַנג... „יאַנוס!" ס'קאָן אַרויסרופן נײַע חשדים, נײַע קאָמפּליקאַציעס, פירן צו נײַע פאַנטאַז־מאַגאָריעס... זאָל עס! זאָל זיך דרייען אַ קאַרוסעל — דער שווינדל, די אויסטראַכטעניש, דאָס ווילדע ניט־געשטויגן. וועלן אים אײַנפאַלן נײַע גענג, ס'וועט מעגלעך ווערן אַ נײַ

אַנטלויפן... און ביז וואָס־ווען — אויפהאַלטן דעם גוטן טאָן אין דער זייער פאַרנעפּלטער פּאַטאַלער שפּיל!

ער מוז שמועסן מיט מאַרגין, ווי קיין זאַך וואָלט ניט האָבן געשען, ווי דער טויט וואָלט זיי ניט געהאַלטן אין זײַנע קלעמען. זאָגט ער צו איר און מער נאָך צום דריטן, וואָס הערט זיי אונטער:

— איך קאָן זיך ניט באַקלאָגן. מיט מיר באַגייט מען זיך איידל, מיט אָפּשײַ, מיט רעספּעקט. מען קאָן זאָגן — דער־ליקאַט. געבעטן אַ האַרטן קישן צום שלאָפן, ווי כ׳האָב ליב, האָט מען באַלד געבראַכט. יאָ, ווײַבל מײַנס! כ׳פאַרשטיי, דאָס זענען אַומאָנגענעמלעכקייטן. ביסט פאַרמאַטערט. קיין וווּנדער ניט. ווי איך שפּיר, ביסטו אויך צעטומלט. קיין וווּנדער ניט. אַז עס קומט ווי אַ דונער אין מיטן העלן טאָג. און מיט אַ פאַרזע טרעפט דיך דער דונער. אָבער, אָבער ניט פאַרצווייפלען! אַלץ וועט זיך אויסקלאָרן און קומען אויף זײַן פּלאַץ... איך גאַראַנטיר!

„אַלץ וועט זיך אויסקלאָרן“, — דער דאָזיקער געדאַנק אַליין שווידערט אויף מאַרגין. אַ נידערגעשלאָגענע זינקט זי אַראָפּ אויפן טאַפּטשאַן, קוטעט אײַן איר פּנים אין דער שאַל.

צעקלעמט און שולדיק שטייט אָסקאַר לעבן איר. אַ רגע בלויז. און שוין הייבט ער ווידער אָן מיט אַ געמאַכטער, אָבער עכט קלינגעוודיקער פאַרריסנקייט:

— טו אויס דעם מאַנטל, ווײַבל מײַנס. שפּיר זיך פרײַ. מיר זענען ניט אין קיין געפענקעניש. אַן אויפקלערונג אַזאַ. און דערצייל, וואָס איז דאָרטן אויף דער אונטערנעמונג. צי גייט ניט אַלץ מיט דער פּוטער אַראָפּ? דרייט זיך די ראָד? און וואָס מאַכסטו? און ווי האָסטו איבערגעלאָזט די וווינונג אונדזערע? די אַרײַנגאַנג־טיר צוויי מאָל פאַרשלאָסן? און די שליסלען? פרויען ווייסן קיין מאָל ניט, וווּ זיי טוען אַהין שליסלען...

און אַז ער דערמאָנט זיך אין זייער וווינונג, ווערט ער אָנגעשפּיצט: מען האָט געזוכט און, מעגלעך, געפונען די איַינגענייטע אינעם אונטערשלאַק פון די טשעמאָדאַנעס ווערטזאַכן, ווערטפּאַפּירן, די פּאָליסעס פון דער שווייצאַרי־שער באַנק. געפונען אויך זייערע אָריגינעלע דאָקומענטן... און צום ערשטן מאָל דערפרייט ער זיך, וואָס זיי האָבן מיט מאַרגין קיין קינדער ניט געהאַט.

דאָ נעמט ווידער זיך עפענען די צימערטיר. שטיל, סודות־פול־פּאַמעלעך. דורך אַ בלויען שפּאַלט רוקן זיך אַריַין פינגער פון אַ האַנט. נאָך זיי — אַ שוואַרצער מאַנזשעט. ס׳טוט אַ קנאַק אַן עלעקטריע־איַינשליסער. אין מיטן סופיט, שטיַיף צו אים צוגעפּרעסט, טויכט אויף אַ בלוי לעמפּל און הויכט אָן דאָס צימער מיט אַ שמוציקלעך בלויער שיַין, אין וועל־כער ס׳ווערן בולטער די עטלעכע דאָ פונאַנדערגעשטעלטע חפצים. דאָס שמאָלע, אין דער ברייט אויסגעצויגענע פענצ־טער וואָס בײַם סופיט, טיילט זיך אויס — דער ווינטער־אָונט האָט עס פאַרקלעפּט מיט אַ מאַטער, שוואַרץ־בלויער הויט.

ס׳איז קריגסצײַט און קעגנערס קאָנען אָנפליִען, איז באַ־פוילן צו פאַרהענגען די פענצטער פאַרן אָנצינדן ליכט אָדער — ברענען טונקל בלויע לעמפּלעך. דאָס פענצטער איז ניט פאַרהאַנגען, און אויפן סופיט מאַטערט זיך אַן אַסטמאַטיש־בלוי לעמפּל, ווי אַ זיך שטיקנדיקע אָנדענקליכט נאָכן אַוועק־געגאַנגענעם טאָג. וואָס וועט זיי, די צוויי מענטשן, אָפּגע־טונקענע אין דער שמוציק־בלויער שיַין, ברענגען די אַריַינ־געטראָטענע אין אירע רעכט לאַנגע ווינטערנאַכט?

מאַרגי נעמט פון זיך אַראָפּ דעם זילבערפוקס, טוט אויס דעם מאַנטל און בלײַבט אינעם אָראַנזשעווען קאָפּטל, וואָס איז שטאַרק ליב אָסקאַרן. דאָס קאָפּטל ציט שטיַיף אַרום איר פּרוייִש־אַריסטאָפּערישן ביוסט און שלאַנקע טאַליע. זי

לאָזט פאַלן אויף אירע פּלייצעס די ווײַסע שאַל און, אויס געוווינטשאַפט, גיט זי קאָקעטיש אַ שויבער אירע אין דויער־לאָקן אײַנגעלייגטע שוואַרצע האָר. די זעלבע ווײַבלעך־רייצנדיקע, מענערישן גלוסט אָנצינדנדיקע מאַרגי. נאָר אַנ־שטאָט לײַכטער קאָסמעטיק איז אויף איר פּנים אַרויפגע־טאָן צער. און די שטענדיק ליב אויפגעהויבענע ליפּ, וואָס דעקט אָפּ אַ שנירל ווײַסע ציין, איז אַראָפּגעקוועטשט. ניטאָ די ציין, ניטאָ אויפן פּנים דער שטענדיקער שמייכל מיט די גריבעלעך אין די באַקן.

געלאָזט ליגן דעם מאַנטל, אַזוי ווי ער איז אַראָפּגעפאַלן אויפן טאַפּטשאַן, טוט זי אַ כאַפּ אָסקאַרן פאַר די הענט און ציט אים צו צו זיך.

לאַנג בלײַבן זיי אַרומגענומען, צונויפגעהאָפטן, צונויפגע־שמאָלצן. ווען זייערע ליפּן טיילן זיך אָפּ, נעמט מאַרגי קעמען מיט אירע פינגער אָסקאַרס טשופּרינע אַש־בלאָנדע האָר. ווי וועלנדיק זיך איבערצײַגן, אַז ס'איז טאַקע ער, איר אַסי־מעטריש־פּנימדיקער אָסקאַר, באַרירט זי זײַנע ברעמען — די איינע אַ העלערע, גלעט די אויגן — דאָס איינע אַ ביסל שעלמיש צוגעזשמורעטע, צערטלט זײַנע באַקן — די איינע אַן אײַנגעפאַלענע, און מורמלט שטיל: „בלויז איין מאָל, יאַנוס מײַנער!" זי באַטאַפּט זײַן באַליבטן, פון דיקן ווייכן וואָל געשטריקטן ברוינעם סוועטער, וועלכן ער טראָגט שטענדיק אָן אַ רעקל. ס'איז ניט קיין אויסדאַכטעניש, ס'איז אָסקאַר!

איין מאָל, כאָטש נאָך איין מאָל אין לעבן אים זען, איז געווען איר איינציקער באַגער. בלעזלט זיך אין איר קעל אַ צעקלעמטע פרייד: ניט בלויז זי זעט! אָט נעמען זיי זיך ווידער אַרום, פילן ווידער איינער דעם צווייטן, הערן איינער דעם צווייטנס פאַרשנעלערטן אָטעם. ניט טראַכטן ווי לאַנג דאָס וועט געדויערן! ניט טראַכטן וואָס ווײַטער וועט זײַן!

געניסן פון דער געשאָנקענער מינוט! פון אָסקאַרס פּנים איז שווער עפּעס קאָנקרעטס אָפּצולייענען. איין העלפט קאָן זײַן פאַראומערט, בעת די אַנדערע שטראַלט. דערווײַלע איז געגנוג, וואָס זי פּילט ווידער זײַנע צעשפּרייטע פליגל איבער זיך. די פליגל וואָס וועלן אפשר זיי ביידן, ווי ביז איצט, אַרויסטראָגן פון אַלע סכּנות.

מען זאָל זיך איבערצײַגן, אַז זיי זענען ניט אײַנגעבראָכן, ניט פאַרצווייפלט, דאַרפן זייערע ליבע־צערטלעכקייטן קריגן אַ הילכיקן אויסדרוק. (זאָל הערן דער וואָס הערט זיי אונטער!) האַלדזט אָסקאַר מאַרגין, קושט הילכיק זײַן באמת געליבטע פרוי, וואָס אירע חן־פינטעלעך אין וועלכע ער האָט זיך פאַרליבט, זענען אים מחיה די גאַנצע צײַט פון זייער צוזאַמענלעבן. ער פאַרגעסט ניט, אַז ס'איז איצט וויכטיק מאַרגי זאָל זיך ניט אַרויסכאַפּן מיט קיין אומ־נייטיק וואָרט. באַפרײַט ער זיך פון אירע אָרעמס, לייגט צו אַ פינגער צו זײַנע ליפּן און צעלאַכט זיך. לאַכט פון דער משונהדיקער שפּיל, וואָס מען פירט מיט אים, מיט זיי ביידן, און אין וועלכער זיי זענען די הויפּטראָליסטן. ס'שאַדט ניט, זאָל דער וואָס הערט זיי אונטער, הערן זײַן לאַכן!

אין די אויגן בײַ מאַרגין — אַ שרעקלעכער דאָרשט צו פרעגן. אָסקאַר באַמערקט עס. צו דערציילן האָט ער איר ניט ווייניק, אָבער... די טאָפּלוואַנט. ער איז צעקלעמט, צע־טומלט, פאַרלוירן און דערקענט זיך ניט.

ניט וויסנדיק וואָס צו זאָגן, וואָס צו טאָן, שטייט ער אויף און טראָגט אַוועק מאַרגיס מאַנטל צום בענקל לעבן דער טיר, אויף וועלכן עס ליגן שוין זײַן מאַנטל און רעקל. ניטאָ אין צימער קיין האָקן, ניטאָ קיין פענצטער־קליאַמקע. ניטאָ אויף וואָס עפּעס אויפצוהענגען. מען זאָרגט זיך ווען לעבן פון די צימער־אײַנוווינערס... צערעדט זיך ווידער אָסקאַר, ווי קאָרעקט מען באַגייט זיך מיט אים. יעדן טאָג ווערט

ער גערײַזירט מיט אַן עלעקטרישן אַפּאַראַט, דאָס לעצטע וואָרט פון דער טעכניק. גוט איז דאָס עסן. און מען דאַרף געדענקען, אַז ס׳איז קריגסצײַט. דאָס דײַטשישע פאָלק זיצט אויף שפּײַזקאַרטלעך און מאַכט אַזאַ שווערן נאַציאָנאַלן אָנשטרענג. יאָ, אַפילו די טיר פון צימער — האָט ניט קיין אייגל אויף אַרײַנצוקוקן און איז ניט אָפּגעשלאָסן. מען פאַרשטייט, אַז ס׳געשעט דאָ אַן אומזיניקער פאַרזע...

און אַז ער איז ווידער לעבן מאַרגין, ווערט זײַן קול פול זאָרגעוודיקער ליבשאַפט:

— דײַן אָוונט־עסן, מאַרגי, וואַרט שוין. נאָך איידער ביסט געקומען האָט מען סערווירט אַ צווייטע פּאָרציע מילך, אַ צווייטן זעמל, אַ צווייט פּעקעלע עמענטאַלער, וואָס מען האָט מיר אָנגעזאָגט ניט צו רירן. כ׳האָב געוואַרט אויף אַ גאַסט און זיך דערוואַרט... און קלעם זיך ניט צוליבן נאַרישן קוריאָז — די פליסיקייטן זענען אין קאַרטאָנענע בעכערס. אויך די טעצלעך זענען פון קאַרטאָן. אַ ווייך שטעקעלע אַנשטאָט גאָפּל־מעסער... זעט אויס, אַז קיינער זאָל דאָ זיך ניט דערוועגן פאַרענדיקן מיטן לעבן. לעכערלעך! צו וואָס? האָבן מיר דען אַוועלכע ניט איז פּרעטענזיעס צום לעבן? האָט אונדז עפעס אויסגעפעלט?

מאַרגי רירט זיך ניט צו צום עסן.

— ווי שפּעט איז שוין? — פרעגט זי פּלוצעם און הייבט אַ קאָפּ אויף אָסקאַרס לינקן אַרבל.

איר געשאַנק, דער גאָלדענער האַנטזייגער איז אָן דעם גלעזל און אָן די ווײַזערס!

— ווי אַזוי? — ציטערט זי אַזש אויף.

— ס׳פּאַסירט, — באַרויִקט זי אָסקאַר. — ער גייט אָבער. זעסט, דער סעקונדע־ווײַזער... באַוועגט זיך, לעבט. מירן דעם זייגער פאַרריכטן און דײַן געשאַנק וועט מיר נאָך דינען יאָרן, יאָרן...

מאַרגי צעהעשעט זיך און פאַרשטיקט איר שטים אין אָסקאַרס שויס: „ס'אַ צייכן, אוי, ס'אַ צייכן!"

לאַנג, לאַנג האַלט ער צוגעדריקט איר קאָפּ צו זיך.

— שפּאַר זיך צו, — זאָגט ער ענדלעך. — וועל איך דיר נאָכטאָן. און קלעם זיך ניט. די זאַך וועט אויסגעקלאָרט ווערן. ענדע גוט — אַלעס גוט!

ווידער אַ געמאַכטע האָפערדיקייט, אַ שוועבן אין אילוזיע־ספערעס, ווײַל איבערצײַגט איז ער, אַז בלויז אַזוי קומט מען בײַ שווערקייטן. אַזוי, און בלויז אַזוי קאָן מען לעבן אין דער אָ וועלט!

מאַרגי פאָלגט אים. האָט ליב אים צו פאָלגן. און שטענ־דיק מיט ניט ווייניק באַוואָרעניש. שטיל לייגט זי זיך, ניט קיין אויסגעטאָנענע. פאַרדעקט זיך מיט דער גרויער קאָלדרע. באַהאַלט זיך מיט איר האַרצקלעמעניש. קוטעט זיך אײַן אין דער שטיקנדיקער אַרומיקער בלויקייט, וואָס צווינגט אַרויף שלאָף.

אָסקאַר קאָן זיך ניט באַהערשן. ווידער צערטלט ער, האַלדזט זײַן הייסגעליבטע לעבנס־באַגלייטערין. פּרוּווט זי אויסטאָן. פּרוּווט פאַרפירן אַן אינטימע ליבעשפּיל. אים דאַכט זיך אַלץ, אַז מען דאַרף עס אויך צוליבן דריטן וואָס לאָקערט. זאָל ער האָבן צו דערציילן זײַנע שעפן... אין אַ מענטש וואָס האַלט זיך ניט פאַר פאַרלוירן, דאַרפן וואַך זײַן אַלע נאַטירלעכע אינסטינקטן.

— אַן אַנדערש מאָל, אָסקאַר. איך בין אַזוי מיד, אַזוי מיד, — מורמלט מאַרגי.

באַטראַכט זיך אָסקאַר: גערעכט איז זי ווידער. טאָמער ס'איז רײַנגאָלד אין דער טאָפּלוואַנט, ווערט ער דאָרטן צע־פרעסן פון גלוסטעניש, קינאה און ווילדן פאַרדראָס. קרענ־קען טאָר מען אים ניט. זײַנס אַ וואָרט קאָן אויך האָבן אַ שטיקל וואָג. ער פלעגט אויסגיין, רײַנגאָלד, נאָך מאַרגיס

אַ פֿרײַנדלעכן שמייכל און האָפֿן האָט ער געהאָפֿט אויף עפּעס מער. און זויפֿן פֿלעגט ער — פּאַרטרינקען זײַן ניט געשטילטע לײַדנשאַפֿט און דאָס ערגערניש פֿון אַ שלימזל. איצט, פֿון דעם וואָס געשעט, מוז אַ צעמישעניש אין גאַנצן איבערקערן זײַן שלאַבעריקן געהירן.

גערעכט איז דאָס מאָל מאַרגי. און מעגלעך, אַז ס'האָבן געהאַט אַ זינען אויך אירע פֿריִערדיקע באַוואָרענישן. אים, אָסקאַרן, האָבן זיי געשטערט. ער האָט אַלץ געטאָן ווי זײַן שׂכל פֿלעגט דיקטירן. ניט אָפּגעטראָטן איז ער אין אַ זײַט און קיין מאָל ביז אַצינד האָט אים זײַן שׂכל ניט פֿאַרפֿירט.

און אויך זײַן אײַנפֿאַל איבערצוכאַפּן אָטעם. וועט מען זען, ווי ס'וועט זײַן אין דער האַלבער נאַכט פֿון פֿרײַטיק אויף שבת...

דערווײַלע איז מאַרגי דערשינען... אוי, מאַרגי, מאַרגי! ער דערמאָנט זיך, אָסקאַר: אין אַ זייער קריטישער סיטו־אַציע האָט ער טעאַטראַליש געקניט פֿאַר איר און געבעטן פֿאַרגעבן, וואָס אים האָבן געבוירן ייִדישע עלטערן. האָט זי ליב געשוויבערט זײַנע האָר און געענטפֿערט: „און ווען דו ביסט ניט קיין ייִד, וואָלסטו מיך געקאָנט מאַכן פֿאַר אויס ייִדישקע!"

ווידער גערעכט איז מאַרגי. — אײַנגעהאַלטנקייט, רו. מען מוז האָבן אַ שטיקל אָפּרו פֿאַר אַ פֿאַרמעסט. און זי ווייסט ניט, אַז אים שטייט פֿאָר אַ גאָר שווערער פֿאַרמעסט.

ציט ער זיך אויס אויף זײַן געלעגער. דאָס פּנים אַרויף, די הענט פֿאַרלייגט הינטערן קאָפּ, די אויגן־לעפֿלעך — אַראָפּגעלאָזט. די ליפּן — פֿאַרפּרעסט. ער פּרוּווט אַרויפֿ־צווינגען אויף זיך רו. אָבער די געדאַנקען, אויפֿגעיִוירטע, אויפֿגערודערטע, אָנערקענען ניט קיין אַרויפֿגעצוווּנגענע רו. לאָזן ניט אָפּ, מישן אויף געשעענישן, נישטערן אין די פֿאַר־שיידענע פֿאַרלויפֿענישן. און פֿון זיי אַלע סטאַרטשעט גאָר

אַרויס זײַן האַנטזייגער אָן די ווײַזערס, מאַרגיס געשאַנק...

ווען מען האָט אים, אָסקאַרן, געבראַכט אַהער, האָבן פרעמדע הענט זיך געריִעט אין זײַנע קעשענעס, אַדורכגענישטערט זיי און אַלץ אַוועקגענומען — יעטווידן פאַפּירל, דאָס געלט, דעם חתונה־רינג אַראָפּגעצויגן פון פינגער. מען האָט אים באַטאַפּט פון קאָפּ ביז פוס. אויסגעטאָן דעם שניפּס, דעם רימען, דעם זייגער. „ס'איז אַ געשאַנק. פון מײַן פרוי", — האָט ער אינסטינקטיוו זיך קעגנגעשטעלט.

פאַרנומען האָבן זיך מיט אים צוויי גרין־גרוי אוניפאָרמירטע, פאַרביסן שווײַגעוודיקע דײַטשן. אַ דריטער, אַ העכערער אין ראַנג, אַן אָפיציר, אַ זייער בלאַסער, מיט אַ קאַלט פּנים און אַ צוגעשפּיצטן קין, איז בעת דער פּראָצעדור געשטאַנען ווי געטראָפן פון עפּעס, און אויך קיין וואָרט ניט אַרויסגעבראַכט. זײַנע אָנגעשטרענגט פאַרגלײַזטע אויגן — אַרײַנגעלאָזט אין אָסקאַרן. דערהערט אָסקאַרס ווערטער, האָט ער אַ נעם געטאָן דעם זייגער. מיטן קלינגל פון אַ טאַשן־מעסערל זיך געעפֿנט אין אים. אַראָפּגענומען ס'גלעזל, די ווײַזערס. אַ ווײַלע זיך פאַרטראַכט, צוריק אַרויפגעזעצט דעם סעקונדע־ווײַזער און אויסגעשטרעקט אָסקאַרן דעם זייגער: „אויב ס'אַ געשאַנק פון דער פרוי"...

נאַ, ס'גלעזל — מיט אים קאָן מען זיך די אָדערן איבערשנײַדן. צו וואָס אָבער אַראָפּגענומען די ווײַזערס? צו וואָס דעם סעקונדע־ווײַזער צוריק אַרויפגעזעצט? בכדי ער, אָסקאַר, זאָל פון איצט אָן מעסטן דאָס לעבן מיט סעקונדעס אַנשטאָט שעהען? אָדער, אָדער — ער זאָל קיין מאָל ניט וויסן די גענויע צײַט?

דאָס איז געשען מיט דרײַ וואָכן צוריק. און איצט, איצט? אָסקאַר זעצט זיך אויף, בלײַבט אָנגעשפּאַנט זיצן. ער קאָן ניט רוען.

אויף יענער זײַט פונעם טישל, אויף יענער זײַט פון דער

רעאַלער וואָר זויגט מאַרגי גיריק דעם עליקסיר, וואָס אַ טיפער שלאָף האָט איר צוגעטראָגן צו די ליפּן. זי שלאָפט מיטן פּנים אַרויף. מיטן פּראָפיל צו אָסקאַרן — דער שיינער שטערן, די פון אַ גרויסן מײַסטער געפורעמטע ליניע — נאָז, ליפּן, קין. ווענערע? אַפּראָדיטע? אָלימפּיע? ניין — מאַרגי! זײַן מאַרגי. ס'איז אַ פּריווילעגיע צו היטן איר שלאָף. היט ער. וואַכט ער. גרייט זיך ווײַטער צום געראַנגל, צו מאַנעווּרירן, ציִען, פאַרציִען, געווינען צײַט. איז נאָך געבליבן צײַט צו געווינען צײַט?

מחשבות זענען אַ מקור פון ספיקות.

שטענדיק איז ער געווען זיכער, אַז דאָס וואָס ער טוט, מוז אַבסאָלוט אַזוי און נאָר אַזוי געטאָן ווערן. דאָס לעבן אַליין האָט עס ביז איצט געהאַט באַשטעטיקט. ביז איצט. ער איז שטענדיק געגאַנגען אַנטקעגן סכנות לויטן אַלטן כּלל, אַז אָנגרײַפן איז די בעסטע פאַרטיידיקונג. און איצט, איצט? ער האָט אָפּטרעטנדיק, געפינענדיק זיך אין דעפּענסיווע, זיך פאַרפלאָנטערט אין אַן אויסטערלישן קאַמופלאַזש, אין אַ טראַנספאָרמאַציע וואָס ער ווייסט ניט איר באַטײַט. אַן אַרויפגעצוווּנגענע מאַסקע דאָס מאָל. ווי לאַנג קאָן מען איבער הויפּט טראָגן אַ מאַסקע? ער האָט צוגעשטימט צו אַ נײַער פײַנלעכער שפּיל, וואָס ער ווייסט ניט אירע געגנג און פּרינציפּן, וואָס ער ווייסט ניט ווּהין זי וועט פאַרפירן. אַבי געווינען צײַט!

אָסקאַר טוט זיך אַ וואַלגער אויפן געלעגער, איבערלאָזנדיק הענגען זײַנע מחשבות אין דער שמוציק־בלויער שײַן, וואָס טאָר גאָר קיין שײַן ניט זײַן, נאָר בלויז אַ פאַרטונקלעניש.

די פאַרטונקלעניש, אַדורכגעזאַפּט מיט דער שטיקעניש פונעם אַרויפגעצוווּנגענעם שווײַגן אין דער רגע פון העכסטער שפּאַנונג — ווערגט, דריקט, וואַלגערט אום איטלעכן, וואָס

ראַנגלט זיך און האַלט אין לויפן, האַלט אין אַנטלויפן פון זײַן גורל.

געלאָפן איז ער ביז אַצינד, אָסקאַר, געטריבן פון אַ פּאַנאַ־טיש הייסן אימפּעט. עפּעס אַ זעקסטער חוש פלעגט אים ערב יעדער סכנה אַ הייב טאָן פון אָרט, צווינגען צו אַנטרינען און בלינד טרײַבן פאָרויס. פּיפּיק האָט ער אויסגעמיטן שטרויכלונגען און שטענדיק, צוזאַמען מיט מאַרגין, דער־לאָפן צום ציל. נאָר אָט, אויף זײַן לעצטער לויפדיסטאַנץ, ניט דערגרייכנדיק דעם פינישׁ, ליגט ער אויסגעשעפּט און דערדריקט. ליגט אונטערטעניק אין אַ שטיקנדיקן נעפּל...

„אַמאָק!" — פאַלט אים אײַן, און דער נעפּל אַרום אים ווערט נאָך געדיכטער, נאָך שווערער און שטיקנדיקער. אַן אַמאָק־לויפער! ווי אין דער באַרימטער נאָוועלע פונעם באַ־רימטן ווינער שכן זײַנעם, סטעפאַן צווײַג... אָפט פלעגט ער זען דעם גאַלאַנטן, אויסגעאײדלטן שרײַבער מאַיעסטעטיש פאַרטראַכט אַרומבלאָנקען איבער די שאָטנדיקע אַלעעס פונעם ווינער פּראַטער. שאָטנדיקע אַלעעס, טונקעלע אַנאַלן, פאַרלויפעניששן, געשעעניששן, אויספּרוון...

אַמאָק! פון יענער לײַדנשאַפטלעך־ווײפּולער געשיכטע, וואָס אַלע האָבן אַ מאָל מיט האַרצציטער געלייענט, פון איר טאָקע ווייסט ער, אָסקאַר, אַז דאָס אַמאָק־לויפעניש איז אַ מאַניע, אַ האַלוציננאַציע, אַ טראַנס אַזאַ. אין אַן איבער־געזעטיקטער לופט מיט טערפּקער דושנעקייט און הייסער שטיקעניש ווערט דער מענטש באַזעסן פונעם אַמאָקטשאַד. עס דריקט, עס יאָגט, עס טרײַבט ערגעץ דעם באַנומענעם מענטש, וואָס זוכט זיך צו ראַטעווען.

אַ ווײַלע פאַרטשאַדעט, און דאָ — ניכטער אויסגעטשר־כעט, פאַרשטייט איצט אָסקאַר, אַז אויך אים האָט עס די גאַנצע צײַט געדריקט, געשטיקט און בלינד געטריבן. קיין מעסער, ווי די געוויינטלעכע אַמאָק־לויפערס, האָט ער ניט

געהאַלטן פאַרקראַמפּט אין פויסט און ניט געשטאָכן האָט ער יענע, וואָס האָבן אים דעם וועג פאַרשטעלט. ער האָט אין די הענט געטראָגן זײַן הויל לעבן, מאַרגיס לעבן, און אויפן רוקן — דעם קרייץ וואָס מען האָט אויף אים אַרויפגע־וואַלגערט — זײַן ייִדישן אָפּשטאַם. לויפנדיק האָט ער ניט צעריסן קיין שיך, ניט פאַרבלוטיקט די פיס און ניט מיט קיין פאַרשמאַכט האַרץ איז ער געלאָפן. די באַן האָט אים געטראָגן, אויטאָס האָבן אים געפירט, דראָשקעס — געהוי־דעט. ער און מאַרגי פלעגן אײַנשטיין אין קאָמפאָרט־האָ־טעלן, פלעגן וווינען אין שיין מעבלירטע צימערן. זיי האָבן גוט געגעסן און געטרונקען. זייערע יוּוועליר־אַנטיקן, וואַ־לוטע, איידלשטיינער האָט ער פאַרכאַפּט מיט זיך בײַם אַנטלויפן פון ווין, ווי נאָר היטלער האָט באַזעצט די עסטרײַ־כישע הויפּטשטאָט. פאַרכאַפּט אויך די דעפּאָזיט־ און ווערט־פּאַפּירן, די פּאָליסעס, וואָס אויף זײַן קאָנטאָ אין אַ שווייַ־צאַרישער באַנק. דער דאָזיקער פאַרמאָג האָט געקאָנט קלעקן אויף לאַנגע געלאַף־דיסטאַנצן...

ניט קיין ווײַט־מיזרחדיקער, ניט קיין טראָפּישער — אַן אייראָפּעיִשער, אַ הײַנטצײַטיקער אַמאָק־לויפער איז ער געווען. בלויז געווען ?

אַן אַמאָק־לויפער ! עס שווידערט אים אויף. ער ווייסט דאָך, אָסקאַר, אַז אומבאַשטראָפט בלײַבט ניט אַן אַרומ־געכאַפּטער פונעם אַמאָקטשאַד — ער פאַלט אויסגעשעפּט, קומט אום.

ווי אַן אָנגעשפּאַנטע פּרוזשינע וואָס לאָזט זיך פּלוצעם אָפּ, אַזוי בלײַבט אָסקאַר ליגן אויפן האַרטן טאַפּטשאַן — שלאַבעריק, אָפּהענטיק, אויסגעליידיקט. בלײַבט ליגן אין אַן אָנבּרעגיקער גרוי־בלויער ווּיסטעניש מיטן זוכערישן בליק אײַנגעבויערט אין די ווײַטענישן. מאָדנע, ערשט איצט נעמט ער זיך אַרומקוקן. צום ערשטן מאָל זעט ער לויפט מיט

אימפעט און אַ פּאַרכאַפּטן אָטעם. און ווי אין יעדערער אָנ־ברעגיקער ליידיקייט, אַזוי אויך אין דער פּלוצעם פאַר אים אויפגעטויכטער גרוי־בלויער וויסטעניש, ברעכן זיך שטראַלן אינעם האָריזאָנט־ראַנד, ברעכן זיך און הייבן אַרויף די פאַרזונקענע אונטער דעם דאָזיקן ראַנד רעאַלע וואָר.

מיראַזשן, מיראַזשן פאַרן דאָרשטיקן בליק פונעם אויס־געשעפּטן לויפער.

אָסקאַרס מיראַזשן — זײַנע לויפענישן, פאַרלויפענישן, פאַרשײַטע דעציזיעס אויף די צעהוידעטע צײַטכוואַליעס. האַסטיק רוקן זיך אָן מיראַזשן, וואַלגערן זיך אָן איינער אויפן אַנדערן. עס מישן זיך צונויף לענדער, שטעט און מענטשן, מענטשן. וועגן, באַנען, בריקן... ס'לויפן טעלעפאָן־סלופּעס, לאַמטערן־מאַסטן און שטיבער. און ווידער מענ־טשן — קריפּלס און ריזן ראַנגלען זיך ביטער. פליסנדיק וואַסער פאַרוואַנדלט זיך אין בלוט און גאָלד. און דאָרשטיק אויסגעשטרעקטע הענט... שאָטנס פון אָקסן און עקסצענ־טרישע קרעאַטורן שטויסן זיך צונויף. שטומע באַשעפענישן, אָן אַ קלאַנג אַרויסצולאָזן, צאַפּלען זיך, ווי מען וואָלט זיי אויסגעשניטן די צינגער. און נעפּלען, געדיכטע נעפּלען טוען מיט גוואַלד אַלץ פאַרנעפּלען...

מיראַזשן — לופטבילדער, זעונגען. ס'איז אַלץ ניט רעאַל און דאָך רעאַל.

אָסקאַר דרינגט אַרײַן אין דעם אָ אומרעאַל־רעאַלן וויר־וואַר, שטעקט אַדורך דעם קאָפּ אינעם נעפּל־פּאַנצער. אַזוינע קאָנקרעטע מיראַזשן, ניט קיין אויסדאַכטעניש. פאַרהאַלט איינעם, אַ צווייטן. און קומט ווידער צום ניכטערן אויספיר: באַרעכטיקט ז'געווען זײַן אַנטלויפן. אַנדערש האָט ער ניט געקאָנט. אַ פאַקט — ס'איז אים געראָטן צו האַלטן די גאַנצע צײַט זײַן אייגענעם גורל, מאַרגיס גורל אין די אייגענע הענט. ניט זײַן שולד, וואָס אַ שווערע לונגען־אָנצינדונג האָט איבער־

געהאַקט אויף אַ ווײַל דעם געלאַף. און שרעקלעך איז געווען דער רעזולטאַט: היטלער האָט באַוויזן אים אָנצויאָגן.

און אַז אַרײַנגעפאַלן צו די נאַציס, איז ער ווידער געלאָפן, ווי נאָר ער האָט זיך געשטעלט אויף די פיס. אָן אַנדער אַנטלויפן איז עס איצט געווען. און ווידער איז אים געראָטן. ביז... ווען האָט ער געשטעלט דעם פאַלשן טראָט, ביז וועלכן ער איז געשטרויכלט געוואָרן? צי דען שטעקט שוין זײַן פאַרזע גלײַך בײַם נײַעם אָנהייב?...

פון הינטערן האָריזאָנט, ווו זי איז געווען אַראָפּגעזונקען, הייבט זיך אַרויף די רעאַלע וואָר — אַ זייער קלאָרער, אַ זייער רעאַלער

מיראַזש וועגן דעם ניט גיין אין געטאָ — — —

— מיר וועלן אין געטאָ ניט גיין! — האָב איך, אָסקאַר גריק, אַרויסגעבראַכט מײַן פעסטן באַשלוס. — וואָס פאַראַ ייִדן זענען מיר?!

מאַרגי האָט מיך אָנגעקוקט אַ ביסל צעשראָקן, אַ ביסל ליב־פאַרלעגן, פרעגנדיק מיט דער אויגנשפּראַך: „צי זענען מיר דען ניט קיין ייִדן?"

זי האָט זיך שוין געגרייט צום טרויעריקן וואַיאַזש אין געטאָ אַרײַן: אײַנגעפּאַקט דאָס אייגנס, וואָס האָט אונדז ביז איצט געטרײַ באַגלייט און געדינט אויפן וואַנדערוועג, באַהאַלטן אין די קלוגע טאָפּלדעקן און קונציקע אונטער־שלאַקן פון די לעדערנע, שוין גוט אָפּגעניצטע טשעמאָדאַנעס. דרײַ יאָר זענען די דאָזיקע טשעמאָדאַנעס אַריבער ניט איין מלוכה־גרענעץ און דורכגעמאַכט מיט דער באַן, מיט אויטאָס, פורן און דראָשקעס הונדערטער, הונדערטער קילאָ־מעטערס. צוגעגרייט דאָס געפעק, האָט מאַרגי געוואַרט.

און דאָ — אַזאַ באַשלוס! ניט ווייניק געלעגנהייטן האָט זי געהאַט זיך צו איבערצײַגן, אַז איך בין ענערגיש, קאָפּ־

ברעכעריש דרייסט און שטענדיק גערעכט. אויך דאָס מאָל איז זי גרייט געווען זיך צו פאַרלאָזן אויף מיר און פאָלגן. אָבער איר מידער בליק און איַינגעגראָבן קנייטשעלע אינעם מויל'ווינקל האָבן אַרויסגעגעבן אויפגעקומענע צווייפלען און באַוואָרענישן.

— מיר וועלן אין געטאָ ניט גיין! — האָב איך נאָך אַ מאָל באַטאָנט.

פילנדיק אַז מאַרגי באַגיטיקט ניט מיטן גאַנצן האַרץ מיַין באַשלוס, האָב איך אים גענומען אַרגומענטירן:

— רעכטלעך־פאָרמעל זענען מיר עסטרײַכער. איצט באַ־טיַיט עס — בירגער פון גרויס־דיַיטשלאַנד, פונעם, אַזוי גערו־פענעם, דריטן רײַך. גייען אונדז ניט אָן די געזעצן וואָס גילטן פאַר די אָרטסגעבירטיקע, פאַר די אָסטיודן. אין דיַיטשלאַנד און עסטרײַך זענען קיין געטאָס ניט איַינגעפירט.

געזאָגט האָב איך עס זייער איבערצײַגעוודיק און, ווי גע־ווײנטלעך, אַליין באַלד געגלייבט אין דער וואָרהאַפטיקייט פון מיַינע אויספירן.

כ'בין ניט פויל געווען און אַוועק זען, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר די געטאָ. און געקומען צום אויספיר: מען קאָן ניט פאָדערן, אַז דיַיטשישע אָדער עסטרײַכישע בירגערס זאָלן זיך באַזעצן אינעם ענגן, דומפיקן און שמוציקן אַלטשטאָט־פערטל, אין דער מיטל־עלטערלעכער געטאָ, וואָס איז אויף דאָס נײַ אָפּגעשפאַרט געוואָרן פון דער גאָרער וועלט. איצט — דורך אויסגעמויערטע ציגלווענט פאַרקווער געסלעך און אַן אָנגעצויגענעם אויף סלופּעס שטעכלדראָט־צוים. דערזען עס און אויפן אָרט באַשלאָסן, אַז ניט פאַר מיר און מאַרגין איז צו וווינען אין איינעם פון די צונויפגעקוועטשטע, דורכ־געשימלטע, פון עלטער צעקרישלטע צוויי־ און דרײַגאָרנדיקע מויערן, וואָס אין זייערע דרויסנדיקע ווענט זענען אין אומ־אָרדענונג צעשטעקט קרומע טיר־און־טויער, צעפוילטע פענצ־

טערראַמען, אָנגעגלאָזטע מיט געשטוקעוועטע שײַבלעך. דער שטויב און שמוץ פון יאָרהונדערטער איז געווען אָנגעוואַקסן אויף זיי. ניט פאַר אונדז, אײַנוווינערס פון אַן אַריסטאָ־קראַטישן ווינער קוואַרטאַל, איז דאָס געפלאָנטער פון געס־לעך, ווו צוויי אַנטקעגן פאַרנדיקע פורלעך קאָנען זיך קוים אויסמײַדן אויפן שמוציקן שטיינערברוק. פאַר די היגע ייִדן, די אָסטיודן, איז עס פאַרויסגעזען. איך וועל ניט, ווי אין אַ כאָמעט און דוהע, אַרײַנשטעקן מײַן קאָפּ אין די אַרקעס, אַריבערגעוואָרפענע איבער געסלעך פון איין מויער צום צווייטן. זאָלן די אָסטיודן זיך לאָזן פאַרנאַרן. זיי אײַלן אַהער צעדולט, מיט געלע שטערן אויף דער ברוסט און אויפן רוקן...

אָנגעפאָרן זענען מיר געווען מיט מאַרגין אַהער, אין דער אַלטער ליטוויש־פּוילישער שטאָט, עטלעכע וואָכן פאַר היט־לערס אָנפאַל אויף די סאָוועטן. געדונגען אַ צימער בײַ אַן עלנטער און קרענקלעכער קריסטלעכער פרוי, ווען עס איז ניט אָנגעגאַנגען, וואָס אין דער וועלט געשעט און וואָס אירע נײַע קוואַרטיראַנטן שטעלן מיט זיך פאַר. סײַ ווי האָט זי מיט אונדז ניט געקאָנט זיך צונויפרעדן — ניט אויף ליטוויש, ניט אויף פּויליש אָדער רוסיש. מיר האָבן זיך פאַרשטענדיקט מיט האַנטצייכנס און אַ דאַנק דעם באַגאַזש פון עטלעכע פּוילישע ווערטער, וואָס איך האָב זיך אײַנגע־שאַפט אויף אונדזער אָפּשטעל אין וואַרשע. דער עיקר — איך האָב געפלעפט אונדזער באַלעבאָסטע מיט דעם אין פאָרויס באַצאָלטן פעטן קוואַרטירגעלט, און זי האָט קענ־טיק בלויז גענומען ציילן די טעג ביז צו דער נײַער צאָלונג־דאַטע.

און דאָ האָט מיך אַ שווערע לונגען־אָנצינדונג אָוועקגע־לייגט געגוי אין דער נאַכט פון אַ פרײַטיק אויף שבת. און זונטיק באַגינען איז היטלער אַוועק אויף מיזרח — „נאָך

אָסטן". ניט אַרומגעקוקט זיך, און שוין זענען מיר געווען אַריַינגעפאַלן. אונדזערע דאָקומענטן אַרויסצופאָרן קיין יאַ־פאַן וואָס מיר האָבן אָפּגענומען אין טאָג פון מיַין קראַנק ווערן, און די היפּשע סומע וואָס דער שווייצאַרישער קאָנסול האָט מיר אין זעלבן טאָג דערלאַנגט אויפן חשבון פון מיַין קאָנטאָ אין אַ דאָרטיקער באַנק, זענען געבליבן אין מיַין בוזעם־קעשענע.

צוליב מאַרגיס „ניט אַרישן" אויסזען האָב איך פאַרלאַנגט, זי זאָל זיך ניט באַוויַיזן אין גאַס. פאַר אונדזער באַלעבאָסטע, אַ שוויַיגעוודיקער און דערשלאָגענער שטוב־זיצערין, האָט עס געהייסן, אַז מאַרגי פּילט זיך ניט מיט אַלעמען. איך בין יאָ אַרויס אין גאַס, ווי נאָר כ'האָב זיך געשטעלט אויף די פיס.

און אין גאַס — בלוטיקע פּאָגראָמען אויף ייִדן ביַי טאָג און ביַי נאַכט. נאָך אַנאַנדיקע כאַפּעניש און אַרויספירעניש פון ייִדן. אַוועק זענען קלאַנגען, אַז מען צעשיסט זיי אין אַ וועלדל הינטער דער שטאָט. איז געבליבן פאַר די ייִדן איין אויסוועג — גיין אין געטאָ.

געווען איז די זאַך טערמינירט, און ס'האָט זיך דערנענטערט דער טאָג פון שליסן די געטאָ־טויערן. פונאַנדערגעקלעפּטע אין די גאַסן בלוט־רויטע פּאַפּיר־פּירקאַנטן האָבן געוואָרנט: „טויט יעדן ייִדן, וואָס וועט זיך איַינגעפינען אין שטאָט!" פון דעסטוועגן בין איך באַשטאַנען אויף דאָס מיַיניקע:

— מירן אין געטאָ ניט גיין! נעם אַרויס, מאַרגי, פון דעם קלוגן אויסבאַהאַלט די אַלטע גוטע עסטריַיכישע פּעסער און פאַרניי אַהין אַלע אונדזערע ניַיע דאָקומענטן. פּאַפּירלעך טאָרן ניט פאַרלוירן גיין, אַזוי לאַנג ווי מען לעבט. און לעבן וועלן מיר אייביק!

דער אימפּעט האָט מיך ווידער גענומען טריַיבן. כ'האָב

געמוזט אָנהייבן עפּעס טאָן. וויפל מאָל בין איך שוין געווען געלאָפן פון די נאַציס און אַנטרונען! איצט וועל איך אַנט־רינען פון זייערע געזעצן, אויסמײַדן זיי, ווי זיי וואָלטן פאַר מיר ניט עקסיסטירט.

— מיר וועלן אין געטאָ ניט גיין! — האָב איך פאַר מאַרגין און צו גלײַך פאַר זיך געהאַלטן אין איין קאַטעגאָרישן באַ־טאָנען. — כ'זאָג דיר עס ווידער: וואָס פאַרוואָ ייִדן זענען מיר? ניט מיר גלייבן אין זייער גאָט, ניט מיר רעדן זייער שפּראַך, ניט מיר האַלטן זיך בײַ זייערע טראַדיציעס. בלוט, אָפּשטאַם, ראַסע זענען אויסטראַכטענישן פון מיזאַנטראָפּן. מוז מען זיך אַנטקעגנשטעלן בייזוויליקע אינסינואַציעס. מײַן פאָטער פלעגט זאָגן, אַז פאַרשאָלטן איז אונדזער פאָלק. אייגנטלעך — זײַן פאָלק. ער איז געווען דער לעצטער ייִד אין אונדזער שטאַם און ניט דערלעבט די היַנטיקע צײַטן. קלאָר, פאַרשאָלטן איז דער ייִד, וואָס רײַסט ניט איבער, וואָס קאָן ניט מאַכן שלוס... וואַרט נאָר, מאַרגי, וואַרט. פאַרלאָז זיך אויף מיר!

עס האָט מיך דערלאַנגט אַ הייב, אַ טראָג אַרויס פון שטוב. כ'בין ווידער געווען גרייט ערגעץ צו לויפן. בין פּאַקטיש גע־לאָפן, דורכלייגנדיק זיך אַ וועג אינעם מענטשן־געווימל, וואָס אויף דער גאַס.

ייִדן האָבן געאײַלט אין געטאָ אַרײַן. ווער — נאָכגייענדיק אַ פור, אָנגעלאָדן מיט שטובזאַכן, ווער — מיט קלומיקלעך אויף די פּלייצעס, מיט אַ בענקל, אַ שטול צי אַ טשעמאָדאַן אין האַנט. און אַלע — מיט די געלע שטערן אויף דער ברוסט און רוקן. כ'האָב ניט פאַרשטאַנען, ווי האָבן עס מענטשן געקאָנט אָנהעפטן זיך די שאַנדצייכנס אויפן רוקן. ס'האָט מיך אַזש אויפגעעקלט. איך בין ניט קיין היגער ייִד און וועל זיך ניט לאָזן אָפּשטעמפּלען מיטן צייכן פון טויט!

„אַ טויט די ייִדן!" — דער דאָזיקער טויט, וועלכן איך

האָב געזוכט אויסצומײַדן, איז מיר איצט נאָכגעגאַנגען פוס־טריט, געשריִען צו מיר פון רויטע פלאַקאַטן אַראָפּ, פון צײַטונג־קעפּלעך. איך האָב אים געהערט, דעם טויט, אינעם געקלאַפּ פון די געקאָוועטע זוילן פון דײַטשישע זעלנערשיך און שטיוול.

כ'בין ניט געווען קיין שרעקעוודיקער. אָבער אַלץ וואָס האָט דערמאָנט אין טויט, האָב איך אַ לעבן לאַנג אויסגע־מיטן מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם און מיט צוגעזשמורעטע אויגן, ווי וועלנדיק עלימינירן דעם באַגריף „טויט" פון מײַן לעבן־ספערע. איצט האָב איך זיך געמאַכט ניט זעענדיק, ניט פילנדיק — ניט די דײַטשן, ניט זייערע „פאַראָרדענונגען", ניט די אָפּגעשטעמפלטע ייִדן...

נאָך האַסטיקער האָב איך גענומען רודערן קעגן דעם מענטשנשטראָם אין דער ריכטונג צו דער הויפּטגאַס, און נאָך שטאַרקער איז געוואָרן מײַן באַשלוס צו געפינען און פאַר־נעמען אַן אײַנגעאָרדנטע וווינונג אין צענטער שטאָט. ניט ווייניק פאַרלאָזענע ייִדישע וווינונגען זענען ליידיק געשטאַנען דאָרטן.

כ'האָב געמאַכט אַן אײַנדרוק אויף די הויזפאַרוואַלטערס און הויזוועכטערס, צו וועלכע כ'האָב זיך געווענדט וועגן אַ „פרײַער, גוט מעבלירטער און מיט נייטיקע שטובזאַכן אויס־געשטאַטעטער וווינונג". איך ווײַז דערבײַ מײַן אַלטן עס־טרײַכישן פאַס און באַווירק די צעטומלטע אָרטיקע אײַנ־וווינערס און באַאַמטע מיט מײַן אָנשטעל — מיט מײַן אומ־געצוווּנגענער און זיכערער האַלטונג, מיט מײַן שפּראַך, גע־מישט מיט עטלעכע פּוילישע ווערטער, מיטן גוט אויסגע־פּרעסטן געקעסטלטן ספּאָרטרעקל און די אַריבערגעפּאַלענע גאָלפהויזן. איך ווירק מיט די העל ברוינע לוקסוסשיך און מיטן בונטן אייבערהעמד מיטן קווערשלייפל, אין וועלכע כ'האָב זיך אויסגעפּוצט. כ'האָב געוווּנען אַלעמענס סימ־

פּאַטיע אַ דאַנק די ראַפינירטע מאַנירן אין מײַן האַלטונג און דעם פאַרריסן אָנגעשטימטן טאָן פון מײַן רעדן. ניט צו לעצט — מיט מײַנע אָנדײַטן „אָפּצורעוואַנשירן זיך" פאַר אַרויסגעוויזענע געפעליקייטן. איך דאַרף בלויז אויספּאַקן די געבראַכטע טשעמאָדאַנעס פון ווין...

מיט אַרטיסטישער עלעגאַנץ האָב איך געהויבן די האַנט צום „דײַטשישן גרוס", זיך געמיט, ווייך זאָל קלינגען אין מײַן אויסגערופענעם „הײַל היטלער!" דער האַרטער „ל" פונעם עסטרײַכישן דײַטש־דיאַלעקט. מײַן באַגריסונג פלעגט ווירקן מאַגיש. אַפילו אין דער דײַטשישער שטאָט־קאָמענ־דאַנטור האָט מען בײַ מיר ניט פאַרלאַנגט קיין לעגיטימאַציע און באַלד וויזירט דעם אָרדער אויף דער „אָן אויפזיכט גע־בליבענער וווינונג", וואָס כ'האָב זיך געהאַט צוגעקליבן און וואָס איז מיר, ווי אַ „פאָרשטייער פונעם דײַטשישן זיגער־פאָלק", געפעליק אויסגעשטעלט געוואָרן אין איינער אַ הויז־פאַרוואַלטונג.

ווען מען בעט בײַ מיר אין די דאָזיקע אַנשטאַלטן אַ וועלכן ניט איז דאָקומענט, וואָלט איך זיך געכאַפּט צו דער בוזעם־קעשענע: „אַך, אַנטשולדיקט, די דאָקומענטן־טאַש איז גע־בליבן אין אַלטן רעקל. כ'ברענג זאָפאָרט". און ווען מען פאַרלאַנגט אַן אַרבעט־צעטל און אַ שײַן, אַז כ'בין באַפרײַט פון מיליטער־דינסט? כ'האָב געטריבן פון זיך געדאַנקען, וואָס האָבן מיך געקאָנט צעטומלען און מאַכן אָפּהענטיק. כ'בין געלאָפן אין דער פאַרקערטער ריכטונג פון דער געטאָ, אויסרעכענענדיק אויף דער הילף פון לײַכטגלייביקע נאַראָ־נים און לעקישן, אָן וועלכע די וועלט קאָן ניט אויסקומען.

און אָט, אין טאָג פון שליסן די געטאָ, פאַר נאַכט צו האָבן מיר מיט מאַרגין און אונדזער געפּעק זיך געוויגט אין אַ דראָשקע — געפאָרן פאַרנעמען די וווינונג, פון וועלכער כ'האָב געהאַט דעם שליסל און דעם אויסגעשטעלטן אָרדער

אויף מײַן נאָמען, דעם אָרדער מיט די געהעריקע אונטער־שריפטן און מיטן פעט אָפּגעדריקטן קאָמענדאַנטור־שטעמפּל, אויף וועלכן דער דײַטשישער מלוכה־שפּאַרבער האָט גע־האַלטן אײַנגעקלאַמערט זײַנע נעגל אינעם האַקנקרייץ. דאָס דאָזיקע אײַנדרוקספולע פּאַפּירל האָט ניט בלויז גע־פּלעפט מאַרגין, נאָר זי אויך באַרויִקט. און אויך איבער־צײַגט, אַז מען קאָן זיך אויף מיר פאַרלאָזן. פול מיט קלאָר אויסגעדריקטער ליבשאַפט צו מיר, האָט זי זיך געלאָזט פאַרוויגן פון דער דראָשקע, וואָס האָט אויף ווייכע רעסאָרן געפירט אונדז אין דער אומקלאָרער צוקונפט אַרײַן.

כ'האָב געהאַט אַ ביסל אויפגעהויבן די דראָשקעבויד. ווי זיך צו שיצן פון דער זון, וואָס באַקט אין רוקן. פּאַקטיש בין איך אויסן געווען זיך צו שיצן פון אַ בייזווילִיק אויג. לויט דער לאָגיק האָבן זיך דאָ ניט געדאַרפט אײַנגעפינען קיין באַקאַנטע. ס'איז אָבער באַוווּסט, אַז גאָט שיצט דעם, וואָס היט זיך אַליין.

פּוסטלעך זענען געווען די גאַסן, כאָטש דער וואַרעמער און זייער לויטערער פאַרנאַכט האָט זיך געבעטן בײַ די מענטשן אַרויסגיין שפּאַצירן. די שטאָטישע אײַנוווינערס האָבן, קענטיק, באַשלאָסן אַז גלײַכער איז צו בלײַבן אין שטוב, איידער זיך צו פאַרלאָזן אויף דער דזשענטעלמעניש־קייט פון די פּאַטרולירנדיקע און די היין און הער אַרומ־שמײַענדיקע אוניפאָרמירטע דײַטשן און זייערע ליטווישע אַרויסהעלפערס.

כ'האָב געכאַפּט אַ קוק אויפן האַנטזייגער. שוין! די געטאָ־טויערן האָבן אָקערשט געזאָלט צוגעשלאָסן ווערן. ניטאָ קיין וועג צוריק! עס גילט מײַן אויסגעפּרוּווטער דעוויז: ניטאָ קיין שווערע אָדער לײַכטע וועגן, נאָר פאַראַן זענען שווערע און לײַכטע פיס.

ווען כ'האָב זיך געכאַפּט, אַז מיר קומען באַלד אָן צו

אונדזער נײַעם װױנאָרט, האָב איך פֿאַרהאַלטן די דראָשקע.

— יוש? אוזשע? שוין? — האָט דער גראָבערדיקער קו־טשער זיך אויסגעקערעוועט צו אונדז און געפֿרעגט אין פּוי־ליש, רוסיש, ייִדיש, צי מיר זענען שוין אויף אָן אָרט. און אָנווײַזנדיק אויף מאַרגין ווידער געמישט די דרײַ שפּראַכן:

— געטאָ... פּאַני זשידוווקאַ... דאָ געטאָ...

כ'האָב זיך צעלאַכט, אַ דריי געטאָן מיטן גראָבן פֿינגער בײַם שלייף, ווי איינער זאָגט: ער איז צעפּײַפּט, דער קו־טשער. ברייטגיביק האָב איך זיך מיט אים אָפּגערעכנט און געוואָרט, ער זאָל מיט די לייצעס אַ פּאַטש טאָן די זײַטן פֿונעם פֿערד און פֿאַרשווינדן. ערשט דעמאָלט האָבן מיר, איך און מאַרגי, זיך גערירט פֿון אָרט מיטן געפּעק.

פֿײַנדלעך האָט אויף אונדז אַ זעץ געטאָן די פֿאַרשטיקטע לופֿט אין די צימערן, וווּ מיר האָבן זיך געקליבן אײַנצו־קוואַרטירן. די אײַלעניש מיט וועלכער די פֿריִערדיקע אײַנ־וווינערס האָבן פֿאַרלאָזט זייער היים, איז געווען קענטיק אומעטום. אין אומאָרדענונג פֿונאַנדערגערוקטע שטולן, ניט קיין דערזופּטע טעצלעך קאַווע. אין קיך — טעפּ מיט פֿאַר־טריקנטע און פֿאַרשימלטע געקעכטסרעשטן, שמוציק גע־שיר... אויך זענען קענטיק געווען רויבערישע הענט — אויפֿ־געריסענע טירן פֿון אויסגעליידיקטע קליידערשענק, אַרויס־געשלעפּטע און אויסגעליידיקטע שופֿלאַדן.

מאַרגי האָט זיך קיין אָרט ניט געפֿונען און אַרויסגעבראַכט איר קלעמעניש און באַוואָרענישן:

— וועלן מיר, הייסט עס, טרעטנדיק אויף צעבראָכענע לעבנס צי גאָר אויף זייערע קבֿרים, אָנהייבן בויען אונדזער ווילשטאַנד? ווער ווייסט, מעגלעך אַז מיר האָבן געדאַרפֿט גיין מיט אַלעמען. ניט אויסטיילן זיך. גענוג אויסגעפּרוּווט דאָס גליק. מען טאָר ניט וועלן קליגער זײַן פֿון אַלעמען. דען ווער האָט אונדז באַרעכטיקט אויף ווילטאָג און זיכער־

קייט, אין דער צײַט ווען אַנדערע פון אונדזערס גלײַכן...

און נאָך האָט זי אויסגעדריקט איר ציטער: טאָמער נעמט מען זיך גריבלען, ווו וועלן מיר נעמען דאָקומענטן? גילטיקע פּעסער? ווי וועלן מיר דערקלערן אונדזערע ביז איצטיקע מאַרשרוטן? מען קאָן מיינען, אַז מיר זענען אין עפּעס שולדיק, קוים אַנטלויפן מיר שטענדיק...

מאַרגיס גרויסע אויגן — פּײַכטע, מידע — האָבן אומבאַ־האָלפן געקוקט אויף מיר מיט אַן אומקלאָרן פאַרלאַנג.

שטענדיק איז מיר ליב דער דאָזיקער בליק אירער. כ׳בין דעמאָלט גרייט צו נאָכגיביקייט. דאָס מאָל בין איך אָבער געווען איבערצײַגט, אַז ניט גערעכט איז זי. האָבן מיר דען געזאָלט מיט דער דראָשקע, מיט אונדזער אויסגעהיט אייגנס און אויסגעהיטע לעבנס אַרײַנפאָרן צום טערמין אין געטאָ אַרײַן? צוליב דעם האָט מען געדאַרפט איבערלאָזן אַ פאַר־מאָג אויף גאָטס באַראָט, לויפן פון היטלערן, מאַטערן זיך, ריזיקירן, וואָגלען גאַנצע דרײַ יאָר? איך בין געווען געווינט צו לעבן פרײַ און אין ווילטאָג. כ׳האָב זיך אַנדערש ניט געקאָנט פאָרשטעלן מײַן לעבן און בין ניט גרייט געווען צו ווערן אַ בירגער פון צווייטן קלאַס. ניט פאַר מיר און מאַרגין — געטאָס, צוימען, שאַנדצייכנס!

און פון וועגן דער ווינונג וואָס מיר האָבן פאַרנומען, האָב איך מאַרגין געבראַכט דעם קעגן־אַרגומענט, אַז אין ווין האָבן מיר איבערגעלאָזט אַ שענערע, באַקוועמערע, רײַכערע ווינונג...

— זאָג, ניט אויף אייביק אָרדענען מיר זיך דאָ אײַן? — האָט מאַרגי געזוכט אַ טרייסט.

— געוויס, געוויס, ניט אויף אייביק, — האָב איך זי פאַר־זיכערט. — דערווײַלע אָבער מוזן מיר אָנהייבן אַ נײַ לעבן. ווידער ניט אויף אייביק. ביז ער׳ט ברעכן האַלדז־און־נאַקן, דער, פון וועמען מיר זענען געלאָפן. און ברעכן וועט ער אים

איצט... דערוויַילע דאַרפֿן מיר פֿאַרגעסן, פֿאַרמעקן. דאַרפֿן, ווי מען זאָגט, אויף ס'נײַ געבוירן ווערן.

די הענט פֿאַרלייגט אויף הינטן, האָב איך גענומען שפּאַנען איבערן צימער און פֿילאָסאָפֿירן. איבערגעקײַט אַ טעזע פֿון איינעם אַ דענקער, אַז די וועלט איז אַזאַ ווי דער מענטש אַליין שאַפֿט זי, ווי זי שפּיגלט זיך אָפּ אין זײַן באַוווּסטזײַן. דאַרפֿן מיר אויסבויען אין אונדזער באַוווּסטזײַן אַזאַ וועלט, אין וועלכער מיר זאָלן געפֿינען אַן אויסבאַהאַלט.

כ'האָב גענומען פֿאַנטאַזירן אויפֿן קול און געפֿאָדערט פֿון מאַרגין צו פֿאַרגעדענקען, אַז זי איז אַ פֿאָלקסדײַטשקע פֿון אונגאַרן. פֿון דאָרטן שטאַמט זי דאָך טאַקע. נאָר אפֿשר בלויז פֿון איר מאַמעס זײַט — אַ דײַטשקע. אַזאַ פֿלאַמיקע ברונעטין ווי מאַרגי איז, זאָל עס הייסן, אַז מאַדיאַריש בלוט פֿון טאַטן פֿליסט אין אירע אָדערן. דאָס האַרמאָנירט אויך מיט איר אונגאַרישן דײַטש־אַקצענט. און בלײַבן וועט זי בײַ אירע פּריִערדיקע דאָקומענטן, ווו די רעליגיע־צוגעהעריקייט איז ניט אָפּגעמערקט, און בײַ איר אייגענעם נאָמען: מאַרגיטע גריק, פֿון שטוב — דאָלהיצי. דאָס איז עכט אונגאַריש, כאָטש ניט ווייניק בודאַפּעשטער ייִדן טראָגן אַזעלכע פֿאַמיליע־נעמען, און אירע עלטערן לעבן נאָך דאָרטן. איך וועל אויך בלײַבן בײַ מײַנע אַמאָליקע עסטרײַכישע דאָקומענטן און אייגענעם נאָמען — אָסקאַר גריק, בײַם נאָמען וואָס ברענגט אונדז שטענדיק גליק.

צוגעזעצט זיך צו מאַרגין אויפֿן ווייכן פּליושענעם דיוואַן, האָב איך גענומען אויפֿשטעלן אַ געשיכטע, מאַרגיס נײַע לעבנס־געשיכטע: איר פֿאָטער, אַן אונגאַרישער אָפֿיציר, אַ זון פֿון אַן אַדעליקן גוט־באַזיצער, איז געפֿאַלן נאָך אין יענעם וועלטקריג, קעמפֿנדיק אויף דײַטשלאַנדס זײַט אין דער עסטרײַך־אונגאַרישער אַרמיי. איר מוטער — אַן אָרעם פֿאָלקסדײַטשיש מיידל. איז אירע שוויגער־עלטערן ניט אָנ־

געשטאַנען די שנור. ניטאָ דער זון, האָבן זיי פאַרלאַנגט זי זאָל מיטן פּיצל קינד גיין פון זייער גוט. אויך זאָל עס הייסן, אַז מאַרגיס מוטער איז געשטאָרבן מיט אַ יאָר פופצן צו־ריק, און איך, אָסקאַר האָב גענומען מאַרגין — אַן אָרעמע יתומה, אַ פאַרקויפערין אין אַ קאָסמעטיק־געשעפט. ניט פרעמד איז איר דאָס געביט. כ'האָב באַטאָנט, אַז מאַרגי דאַרף זיך דערמאָנען אין פילמען און ביכער וועגן אונגאַרן, דערמאָנען זיך אין מאַדיאַרישע שפּײַזן, געטראַנקען און אָנ־טועכץ. דערמאָנען זיך אין קריסטלעך־קאַטוילישע רעליגיעזע צערעמאָניעס, וועגן וועלכע זי האָט געהערט אָדער געלייענט. ניט פאַרגעסן אויך די וועלטבאַרימטע אונגאַרישע טשאַר־דאַשטענץ און ציגײַנער־אָרקעסטערס. שמועסנדיק מיט מענ־טשן, זאָל זי אומבאַדינגט אַרײַנשטעלן אַ דעטאַל פון דעם אַלעם און אָפט אַ זאָג טאָן: „בײַ אונדז אין אונגאַרן". און איבערהויפּט — גלייבן, גלייבן אין דעם וואָס זי רעדט. אַנדערש וועט זי ניט אַרײַן אין איר ראָלע פון דער ערנסטער שפּיל, וואָס מיר האָבן אונטערגענומען, אַ שפּיל, ווו אין קאָן שטייען אונדזערעביידנס קעפּ.

— אַ, יאָ, — האָב איך זיך געכאַפּט נאָך אַ קליינעם איבער־רײַס. — אויך דײַן לײַדנשאַפט פאַר כיראָמאַנטיע פריש אָפּ. פאַר אַ מאַדיאַרין פון אָפּשטאַם פאַסט וואָרזאָגערײַ, צי־גײַנערין מײַנע!

מאַרגי האָט געוווּסט די קונסט פון אויסהערן. זי האָט אײַנגעזאַפּט יעדן ניואַנס פון מײַן שטים — מײַן זאָרג און ציטער. און איך האָב געפילט, אַז אַלץ וואָס איך זאָג, איז זייער וויכטיק. כ'בין געוואָרן בײַ זיך אויסגעוואַקסן, דער־הויבן, ווײַל בײַ מײַן זײַט איז די פרוי וואָס פאַרשטייט מיך. איך האָב צונויפגעדריקט מאַרגיס באַקן און אײַנגעבויערט זיך מיטן בליק אין צוויי שוואַרצע אויגן, ווי וועלנדיק אויס־טרינקען דאָס קלעמעניש, וואָס האָט זיך אין זיי געמיניעט.

אָפּגעלאָזט זי, בין איך ווידער אַוועק איבערן צימער. דאָס אַרומגיין מיט פֿאַרלייגטע הענט אויף הינטן פּלעגט באַפֿליגלען מײַנע געדאַנקען.

אויפֿגעבויט מאַרגיס נײַע ביאָגראַפֿיע, האָב איך גענומען אויסלייגן מײַנע: כ'בין שוין לאַנג ניט דער אַמאָליקער אָשערל. איצט געוואָרן אויך אויס זון פֿונעם אָרעמען וואַרשעווער שנײַדער, וואָס האָט נאָך יענעם וועלטקריג נאָכגעטאָן זײַנעם אַ גוטן פֿרײַנד און אַראָפּגעקומען קיין ווין זוכן אויסקומעניש. מײַן אָפּשטאַם וועט אויסזען אַזוי: אַן אומגעזעצלעך קינד פֿון געבורט בין איך, געבוירן אין דער עסטרײַכישער פּראָווינצשטאָט גראַץ. ס'האָט מיך אַדאָפּטירט דאָס פּראָפּאָלק פֿונעם שנײַדער־מײַסטער גריק, וואָס האָט קיין אייגענע קינדער ניט געהאַט. עס זאָל צו מיר ניט דערגיין, אַז איך בין אַ צוגענומען קינד, האָבן די גריקס געביטן זייער וווינאָרט. זיך באַזעצט אין ווין... און ווײַטער קאָן בלײַבן ווי ס'איז געווען.

און געווען איז אַזוי. אין ווין האָט מײַן פֿאָטער זיך אַרויפֿגעאַרבעט. געעפֿנט אַ געשעפֿטל פֿון פֿאַרטיקע קליידער. געגעבן מיר, זײַן איינציקן זון, בילדונג. כ'האָב געענדיקט גימנאַזיע, אָנגעהויבן שטודירן קאָמערציע. נאָך עטלעכע יאָר ווילינגערישן סטודענטעווען האָב איך געוואָרפֿן די הויכשול. אַרײַן אין פֿאָטערס געשעפֿט. שטאַרק אים אויסגעברייטערט. צוליב דעם פּלעגט מיר אויסקומען אַרומצופֿאָרן. אויף איינעם אַזאַ וואָיאַזש אין בודאַפּעשט האָב איך זיך באַקענט מיט מאַרגין. זיך פֿאַרליבט פֿון ערשטן בליק און געשלאָסן מיט איר אַן אייביקן בונד. ס'איז אונדז גוט געווען. געלעבט האָבן מיר אין ווילטאָג, גענאָסן פֿון לעבן און זײַנע גוטיקייטן. קאָנטאַקטירט מיט עסטרײַכער, געזוכט אַ העכערע געזעלשאַפֿט און ניט געוואָלט וויסן פֿון ייִדן און ייִדישקייט.

— און פאַרגעדענקען זאָלן מיר, — האָב איך ווידער אונ־טערגעשטראָכן, — אַז עסטרײַכער זענען מיר! קאַטוילן, ניט קאַטוילן, אויך ניט קיין פרײַדענקערס... און ניט געלאָפן זענען מיר פון היטלערן קיין וואַרשע, מײַן געבוירן־שטאָט. פון דאָרטן ניט געלאָפן קיין ווײַסרוסלאַנד, ווען היטלער האָט צעמאָלן פוילן, דערנאָך — קיין לעטלאַנד, ליטע... עסטרײַכער זענען מיר און ניט קיין אונטערמענטשן! אוי, מאַרגי, כ'האָב געציטערט פאַר דער קאָנפראָנטאַציע מיט די האַקנקרייצלערס. געציטערט איבער אונדזער לעבן. ווי קאָן מען זיי פאַרגעבן, די נאַציס? געמאַכט פאַר אויס מענטשן אונדז — גוטע דײַטשן און עסטרײַכער...

איך בין געבליבן שטיין אין מיטן צימער. שוין! נאָך אַ מאָל איבערגעהאַקט אַלע פעדעם, צעשטערט אַלע בריקן. ווידער הענגען מיר מיט מאַרגין איבער אַן אָפּגרונט. נאָר קיין מאָל איז דער אָפּגרונט ניט געווען אַזוי רעאַל און דראָענדיק, און דער אָנהאַלט אין וועלכן מיר קלאַמערן זיך, איז נאָך קיין מאָל ניט געווען אַזוי אומזיכער.

מאַרגי איז געזעסן אויפן ווייכן דיוואַן, אײַנגעשרומפּן און פאַרגליווערט. זי האָט מיך אויסגעהערט ווי אַ גוטע שילערין און זיכער פאַרגעדענקט, וואָס איך האָב אויסגעבראַכט.

— און וואָס ווײַטער? — האָט זי פּלוצעם געפרעגט מיט אַ פרעמדער שטים.

„וואָס ווײַטער, וואָס ווײַטער, וואָס ווײַטער?" — דער אָפּהילך פון דער דאָזיקער פראַגע האָט דומפּ געקלאַפּט ווי אין אַ לויזער פויק — — —

— —

— און וואָס האָט איר ווײַטער געטאָן?

בײַ אַ שרײַבטיש אין אַ סאַלאַט־גרינעם צימער, אײַנגע־נעפּלט אין שמעקעדיקן ציגאַרעטן־רויך, וואַרט, וואַרט אויף אַן ענטפער דער העל־בלאָנדער דײַטש מיט די צוגעפּלעטשטע

שיטערלעכע האָר, פאַרקאַמטע מיט אַ שרונט אין דער מיט. ס'וואַרט דער דייטש מיטן העלן פאַרגליווערטן דרײַעק־פּנים, צוגעשפּיצט צום קין צו. דער זעלביקער האָט עס אָסקאַרן צוריקגעקערט דעם זייגער אָן דעם גלעזל און אָן די ווײַזערס. קענטיק, ס'איז אַן אויספאָרשער און וואַרט אויף אַן ענט־פער. ער טראָגט אַ גרוי־גרינעם מונדיר מיט שוואַרצע ראָמבן אויףביידע שפּיצן פונעם אָפּגעלייגטן קראַגן. אויף איינעם פון זיי גלאַנצן די דרײַ זילבערנע ראַנגקוואַדראַטלעך פון אַ שטורמפירער און אויפן אַנדערן — די צוויי גאָטישע בליצ־רונען — עס־עס. אויפן לינקן אַרבל, איבערן מאַנזשעט באַמערקט אָסקאַר אַ שוואַרצן פּאַסיק מיט צוויי העלע גאָטישע אותיות — עס־דע. און ס'טוט אים שנײַדיק אַ טיאָכקע דאָס האַרץ: געסטאַפּאָ!

דער אויספאָרשער בײַם שרײַבטיש איז זאַכלעך־טרוקן. ניט צודרינגלעך און ניט ברוטאַל. פאַרקערט, ער זיצט אַ געהאַמעוועטער, פאַרציט אַ שמעקעוודיקן ציגאַרעט, ווענדט זיך צו אָסקאַרן העפלעך, אירצט אים. אין האַנט האַלט ער דעם אָרדער אויף דער וווינונג מיטן עכטן שטעמפּל און די עכטע אונטערשריפטן און וויל בלויז וויסן, אויף וועלכן גרונט האָט מען דאָס פּאַפּירל אַרויסגעגעבן. ווער האָט דערבײַ פאַרמיטלט, ווער — פּראָטעזשירט. אויך וויל ער וויסן, וואָס האָט ער, אָסקאַר, געטאָן נאָכן פאַרנעמען די וווינונג.

פאַרן דײַטש ליגט אויך אַ צווייטער דאָקומענט. דער בלאַנק און דער שטעמפּל זענען אויף אים עכט. די אונטער־שריפט — געפעלשט. פּאַקטיש איז עס גאָר קיין אונטער־שריפט ניט, נאָר סתם עפּעס אַ דריידל. דאָס דאָזיקע פּאַפּירל, כאָטש פאַרמעל אויסגעשטעלט מיט אַ דאַטע פון פאַרן אָר־דער אויף דער וווינונג, וואָלט געקאָנט דערציילן, וואָס אָסקאַר האָט געטאָן אויף מאָרגן נאָכן פאַרנעמען זי.

— גלײַך אויף מאָרגן בין איך אַוועק צו דער אַרבעט, — ענטפערט ער רויִק. — ווי דער הער שטורמפירער זעט פונעם דאָקומענט, האָט מען מיך קאָמאַנדירט צו דער היגער אײַזנ־באַן.

פונעם דאָקומענט... ווי ס'איז פאַקטיש געווען, ווען ער זאָל דערציילן... ווער וועט גלייבן ?

— —

דער מיראַזש וועגן דעם ניט גיין אין געטאָ האָט געהאַט אַ המשך — — —

— —

ברעכענדיק זיך דעם קאָפּ, וואָס אָנצוהייבן טאָן, האָב איך, אָסקאַר גריק, אַרומגעבלאָנקעט איבער דער פרעמדער שטאָט גלײַך אויף מאָרגן אין דער פרי נאָכן פאַרנעמען די וווינונג. אין דרויסן — אַ טרוקן־שטײַפע זונענשײַן פון אַ טאָג אין מיטן אויגוסט. מײַן קאָפּ — שטײַף פון איבערטראַכטע־נישן. און דאָ דערהער איך פריילעך אויסרופן מײַן נאָמען. צו גלײַך איז עמעצער צו מיר צוגעפאַלן, אַרומגעכאַפּט.

אַרנאָ־היינץ ! מײַנער אַן אַמאָליקער מיטשילער האָט מיך געהאַלטן פאַר די היפּטן און באַגייסטערט אָנגעקוקט.

נאָכן ענדיקן גימנאַזיע האָבן מיר זיך קיין מאָל ניט געהאַט באַגעגנט און ניט געוווּסט איינער פון צווייטן. איצט האָט אַרנאָ־היינץ געטראָגן די אוניפאָרם פון אַן אײַזנבאַן־באַאַמטן — אַ גראַנאַט־בלויען גאַרניטער מיט גאָלדענע קנעפּ און אַן אויפגעשטעלט קרעגעלע פון שוואַרצן סאַמעט, הויזן מיט אַ רויט שנירל לענג־אויס די זײַטיקע נעט. אַן אויף אַרויף פאַרריסן גראַנאַט־בלוי היטל מיט אַ שוואַרצן, ווי אַ שפּיגל גלאַנציקן דאַשעק, איז אים געזעסן נידעריק אויפן שטערן. כ'וואָלט אַרנאָ־הײנצן ניט דערקענט. אויב יאָ, וואָלט איך פון אים געלאָפן ווי פון פײַער.

דער זעלבער ווי אַ מאָל — מיטלוויקסיקער, ברייטלעכער,

צעפּאָלאָשעט־עקזאַלטירטער אַרנאָ־היינץ האָט געקוואָלן פון דער באַגעגעניש מיטן אַמאָליקן שולקאַמראַד. שטענדיק באַרעדעווידיק, איז ער אויך איצט ניט קאַרג געווען אויף ווערטער.

— אייגנטלעך, ווי איך געדענק, ביסטו יודע. ניט אַזוי? נאָר זאָלן מיר די נאַציס קושן אין יענעם אָרט, — האָט ער שטיל געזאָגט, אומקוקנדיק זיך אין די זײַטן. — גוט, זייער גוט וואָס איך טרעף דיך דאָ און ניט דאָרטן, ווי עס הייסט דאָרטן בײַ אײַך, אין געטאָ. אַהין וואָלט איך דאָך ניט געווען אַרײַן און דיך ניט געהאַט באַגעגנט.

איך האָב ניט געקאָנט שפּאַלטן דאָס מויל, און אַרנאָ־היינץ האָט ניט פּאַרמינערט זײַן קוראַזש, גערעדט מיט עמאָציע:

— פאַר מיר ביסטו מײַן שולקאַמראַד, אָסקאַר גריק, פון ווינער פראַנץ־יאָזעף־גימנאַזיום. ניט אַזוי? אייגנטלעך וואָלסטו געדאַרפט האָקן דאָרטן אין געטאָ, אָנטאָן די געלע דאַוויד־שטערן. איז זאָלן, ווי געזאָגט, די נאַציס אונדז ביידן איצט קושן אין יענעם אָרט. איך ווייס, איך געדענק — ביסט פיל צו קלוג, זאָלסט פרײַוויליק קריכן אין שטײַג אַרײַן. איז וואָס, ברודערלײַן, ווי קומסטו אַהער? און ווי דרייסטו זיך אונטער גאָטס הימלען?

האָבן צוטרוי צו דעם אָ פון הימל אַראָפּגעפאַלענעם מענטשל? פאַרבײַ זענען מער ווי אַ טוץ יאָר, זינט מיר זענען אַראָפּ פון דער שולבאַנק און אַוועק איטלעכער מיט זײַן וועג. כ׳האָב זיך דערמאָנט, אַז אַרנאָ־היינץ האָט שטענדיק געטרוימט צו ווערן אַן אײַזנבאַן־אינזשעניר, ווי זײַן פאָטער. אַזוי איז קענטיק אויך געשען. און מער האָט זיך קיין זאַך ניט געענדערט? איז ער נאָך אַלץ געבליבן דער גוטהאַרציק צעקוואַטשטער, דער מיטפילנדיקער און גרייט צו דינען אַלעמען, אַרנאָ־היינץ? „מעצענאַט” — האָבן מיר אים אַ

צונאָמען געגעבן. אין קלאַס פלעגט ער זײַן פרישטיק צעטיילן און קווען צוקוקנדיק, ווי אַנדערע קוויקן זיך מיט אַ גע־שמאַקן ביסן. ער פלעגט זײַן טאַשנגעלט אָפּגעבן אומבאַ־מיטלטע מיטשילערס, זײַן שפּילצײַג און ביכער — פאַרשענ־קען. איז עמעצער פון קלאַס קראַנק געוואָרן, פלעגט אַרנאָ־היינץ, אַ גליקלעכער צו זײַן ווילטויק, לויפן צום קראַנקן זיך צו דערווויסן, וואָס ער מאַכט און העלפן אים גרייטן די שטוב־פאַרגעבונגען. ער האָט ניט געקאָנט פאַרלײַדן אומגע־רעכטיקייט, זיך שטענדיק אײַנגעשטעלט פאַרן שוואַכערן... אַלץ אַ מאָל. און הײַנט, ווען היטלער דיקטירט די לעבנס־נאָרמעס ?

ס'האָט ניט באַהאַלטן זײַן יוירנדיקע פרייד אַרנאָ־היינץ, וואָס ער פירט אַ געוועזענעם מיטשילער צו זיך אַהיים. אונטערוועגנס האָט ער באַגײַסטערט געפּלאַפּלט וועגן זײַנע גוואַלדיקע אויפטוען אויף דער אײַזנבאַן, גלײַך אַ דאַנק זיי האָט דײַטשלאַנד די גרויסע מיליטערישע דערפאָלגן. ער פלעגט אָפּט מיך אָננעמען פאַרן אָרעם, אָפּט ליבלעך אַרײַנ־קוקן מיר אין די אויגן וועלנדיק דערגיין, צי זײַן גערייד מאַכט דעם געהעריקן אײַנדרוק.

בײַ זיך אין דער היים האָט ער מיך אויפגענומען ווי דעם אָנגעלייגטסטן גאַסט. אַרויפגעשטעלט אויפן טיש, וואָס ער האָט נאָר געפונען אין שטוב. מיר האָבן גוט אויסגעטרונקען, גוט צוגעביסן. ער האָט זיך פאַראינטערעסירט, ווי מיר גייט, און אַרויסגעלאָזט מיך מיט אַן אָפּגעקלאַפּטן אויף זײַן שרײַבמאַשין „דאָקומענט" — אויף אַ בלאַנק פון דער ווינער אײַזנבאַן וואָס האָט זיך בײַ אים אײַנגעפונען, איז געזאָגט געוואָרן, אַז דער ווינער אײַנוווינער אָסקאַר גריק ווערט קאָמאַנדירט צו דער דיספּאָזיציע פונעם קאָמיסאַרישן שעף פון דער היגער אײַזנבאַן, אַרנאָ־היינץ ווײַגעל... די דאַטע איז געשטעלט געוואָרן אַ פריִערדיקע, דעם שטעמפּל אַזוי

צוגעקוועטשט, אַז די נומער פון דער אײַזנבאַן־פּיליע זאָל אומדײַטלעך אַרויס. צו זיך אַליין קאָן דאָך אַרנאָ־היינץ ניט קאָמאַנדירן קיין מענטשן... אויך אַ פּעקל אינסטרוקציעס וועגן דער אַרבעט פון פּראַכט־סטאַנציעס אין קריגס־באַדינגונגען האָט ער מיר מיטגעגעבן, כ׳זאָל כאָטש אייבערפלעכלעך זיך באַקענען מיט די פונקציעס, וואָס דערוואַרטן מיך.

ווי אָפּגערעדט בין איך אויף מאָרגן אין דער פרי געווען אין אַרנאָ־היינצס קאַבינעט. זיך פאַרגעשטעלט, דערלאַנגט דעם „קאָמאַנדירונג־בריוו".

אַלץ איז פאָרגעקומען אין בײַזײַן פון נאָך דײַטשן אין אײַזנבאַן־אוניפאָרמס און אַ רויטהאָריקער סעקרעטאַרין, וואָס האָט איר אָנגעפּאָרבן פויגלש פּנים עטלעכע מאָל נײַגעריק, צו גלײַך פיל צוזאָגנדיק געהאַט אַ קער געטאָן צו מיר, דעם העפלעכסטן און גאַלאַנטסטן מאַנצביל אין צימער.

לויט אַרנאָ־היינצס אָנווײַזונג האָב איך אויפן אָרט אויסגעפילט עטלעכע פאָרמולאַרן און בין באַלד באַשטימט געוואָרן פאַר אַן אינספּעקטאָר פונעם פּראַכט־אָפּטייל אויף דער אָרטיקער אײַזנבאַן־סטאַנציע. אַ פּאָסטן אויף דער אײַזנבאַן האָט באַפרײַט פונעם מיליטער־דינסט...

דער אויספאָרשער אינעם סאַלאַט־גרינעם צימער, ער וואָלט געגלייבט, אַז אַזוינס און פאַנטאַסטישערע פאַרלויפעניש געשעען אויף דער וואָר און ניט בלויז אין די ראָמאַנען. און דווקא ער האָט דאָס אַלץ ניט געטאָרט וויסן. פאַרשטייט זיך, אַז אָסקאַר פאַרשווײַגט דאָס אַלץ און דער דײַטש — אײַנגעהאַלטן, אַזש גלײַכגילטיק — חזרט איבער איינטאָניקקאַלט :

— נאָכן פאַרנעמען די וווינונג וואָס האָט איר ווײַטער געטאָן ? זאָגט, דערציילט גענוי, און איך וועל פיקסירן.

אַ קליינע פאָרטאַטיווע שרײַב־מאַשינקע שטייט געעפנט

פאַר אים אויפן טיש, און זײַנע פינגער ליגן גרייטע אויף אירע קלאַווישן, ווי אויף סטאַרטשטענדיקע קעפּלעך פון טשוועקעס, וואָס נאָגלען צו מענטשלעכע גורלות צו זייער קרייץ.

קורץ, לאַקאָניש, דרייסט ענטפערט אָסקאַר שוין צום ווײפלטן מאָל, אויסדריקנדיק אינעם טאָן פון רעדן דעם פּאַראיבל, וואָס מען באַומרויִקט אים:

— איך האָב געהאַט, ווי איר זעט, אַ באַשטימונג אויף דער אײַזנבאַן. געטרײַ און איבערגעגעבן דערפיל איך מײַן פליכט, דין שטענדיק דעם גרויסדײַטשישן רײַך און זײַן פירער. דאָס אַלץ קאָן מען פעסטשטעלן...

— מיר ווייסן, ווייסן, — האַקט אים איבער דער אויס־פאָרשער און פאַררייכערט ווידער אַ ביז גאָר שמעקעוודיקן ציגאַרעט. — נאַ, גוט. מיר האָבן צײַט, ווי מען זאָגט, ביזן צוגאָפּגאַנג. פאַרשטייט זיך, ווען מיר אַלץ גרינטלעך קאָנ־טראָלירן. דײַטשישע פּינקטלעכקייט האָט אַ וועלטנאָמען. נאַ, גוט...

דער אויספאָרשער לאָזט אַראָפּ מיט אַ קנאַק דאָס דעקל פון דער שרײַב־מאַשינקע און לייגט אַרײַן אין אַ פּאַפּקע אָסקאַרס פּאָר דאָקומענטן, געפונענע, קענטיק, בעת דער הויזזוכונג בײַ אים אין דער היים.

כאָטש אויסערלעך בלײַבט אַלץ קאָרעקט, פאַרפּליעסקעט דעם דײַטשס שטים אַ קוים אײַנגעצוימטע גערייצטקייט, ווען ער זאָגט:

— נאַ, איר קאָנט גיין!

פאַרפלאָנטערן, פאַרוויקלען, פאַרדרייען, פאַרפירן, מיס־טיפיצירן, פאַלסיפיצירן, צעמישן, צעטומלען — אַזאַ סטראַ־טעגיע מוז ער אָננעמען, אָסקאַר. וועט אים דאָס געראָטן?

דער וואַכמאַן וואָס באַגלייט אים דורכן לאַנגן, לאַנגן, טונקל־בלויען קאָרידאָר, פויקט מיט זײַנע באַטשוועקלטע

זוילן און פאַרשטויסט אָסקאַרס דעציזיעס אין אַ טויבער וויַטעניש.

דעם וואַכמאַנס גרוי־גרינער אַרבל מיטן שוואַרצן מאַנ־זשעט עפנט פּאַמעלעך די ניט פאַרשלאָסענע און פּלומרשט ניט באַוואַכטע טיר פונעם גרויען צימער. ער ווייסט שוין, אָסקאַר, אַז ווי נאָר ער פאַרשווינדט הינטער דער טיר, נעמען זי פון דער וויַט באַוואַכן צוויי הויכוואוקסיקע עסעסישע בייַבאַקעס מיט גרייטע אויטאָמאַטישע פּיסטוילן. די ביידע זענען דאָ, ווען ער גייט אין טואַלעט. טוען אים באַגלייטן אַהין און צוריק. צו וואָס אין צווייען ? ער וועט ניט אַנט־לויפן. דערוויַלע זעט זיך ניט קיין פאַרטל צו קאָנען אַרויס־שלייַכן זיך פון דעם אַ געוועזענעם קולטורהויז.

אין צימער געפינט ער די אַלטע אָנגעשטרענגטע פּוסט־קייט, אַדורכגעמישט מיט אַ פרישער ווייטיקדיקער דער־וואַרטונג אויף דעם, וואָס דאַרף וויַטער געשען.

וואָס דאַרף וויַטער געשען ? און דאָס וואָס איז שוין גע־שען ? די סיבה ? ווער האָט אַ האַנט אין דעם ? ער ווייסט, אַז דער פּאַטום נעמט אָפּ צו דעם פאַרשטאַנד פון יענעם, וועלכן ער וויל אומברענגען. ווען און ווער האָט פון אים, אָסקאַרן, צוגענומען דעם פאַרשטאַנד ? אַלע מאָל פלעגט ער צו ערשט האַנדלען און דערנאָך ערשט באַטראַכטן, וואָס ער טוט. און קיין מאָל האָט אים די אינטויִציע ניט פאַר־פירט. טאָ ווי קומט עס פּאָרט ? ווער האָט אים פון דעסט־וועגן אַרויסגעגעבן ? געוויס ניט אַרנאָ־היינץ. אונטער די פליגל פון דאָזיקן גוטהאַרציקן צעדרייטן וואָלטן זיי ביידע, אָסקאַר און מאַרגי, געשטופּט די צייַט און איבערגעוואַרט דעם שטורעם. אויב ניט אַרנאָ־היינץ, איז עס דער „יודען־רעפערענט" האָרסט ברונער ? האָט זיך עס אים געלוינט ? רייַסט זיך אַריַן אין די געדאַנקען דער שאַנטאַזשיסט, דער דרוקער. ער ? און דאָס פּאָרפּאָלק הונשקע — די בלאָנדע

בעסטיע האַנעלאָרע און איר בירביַיכיקער, טעמפּקעפּיקער נעפּאָמוק; צי דען ברונערס נאָכפאָלגער האַנס פאָן קלוג; און ריַינגאָלד, דער דעגענעראַט ריַינגאָלד;! דער ייִדישער דאָקטער געוויס ניט. טאָ ווידער ריַינגאָלד; די שלימזלדיקע קאָרטנשפּיל; די אומגליקלעכע שׂרפה; זי האָט עס אָנגע־צונדן דאָס רויטע ליכט, וואָס האָט אים אָפּגעשטעלט אין מיטן געלאַף און אַראָפּגענומען פון לויפוועג; ווער, צום טיַיוול, ווער?

דער קריַיז שליסט זיך און קומט צוריק צו אַרנאָ־היינצן. ווען ניט ער... ווען ניט ברונער... און פון הינטערן האָריזאָנט, ווו ער איז געווען אַראָפּגעזונקען, הייבט זיך אויף מיט אַ סאָפּען, אַ פריַיכן און אַ הודעריַי, מיט אַ האַרט זיך קווי־לערנדיקן געקלאַפּ דער

מיראַזש וועגן די וואַגאָנען — — —

צו ערשט איז געווען דער גינציקער ווינט. דער גינציקער ווינט אין זעגלען, אָן וועלכן ס'איז ניט מעגלעך גרייכן צו אַ מער־ווייניק זיכערן ברעג. ווי אין די אַמאָליקע פּאַרמעסטן פונעם מענטש מיט דער סטיכיע, האָב איך, אָסקאַר גריק, אין מיַין בלינדן אַנטלויפן פון געפאַרן, דערפילט דעם גינציקן ווינט אין רוקן. געוווּסט האָב איך: דאָס גליק שפּילט מיר צו ווי שטענדיק. און גוט וועט זיַין!

אָן אומגעריכט אָנגעטראָגענער, אַ באַהילפיקער ווינט אין אָנהייב פון מיַין זייער קריטישער לויפדיסטאַנץ איז געווען אַרנאָ־היינץ. אַליין דער אַלמאַכטיקער, אויב אַזאַ איז ערגעץ פאַראַן, האָט אים אָנגעטראָגן.

געקניפּט און געבונדן מיט אַרנאָ־היינצן זענען געווען די וואַגאָנען: רויט־ברוינע, גרינע, ברוין־געל־גרין געפלעקטע, הין און הער פאַרביַיאיַילנדיקע, פאַרמאַכטע און אָפענע פּלאַטפאָרמעס, ליידיקע און אָנגעלאָדענע מיט האַרמאַטן

און טאַנקען, מיט לאַסטאויטאָס און מיט „קאַנאָנען־פּו־טער", ס'הייסט, מיט טויגעוודיק מענטשנפלייש פאַרן פראָנט און פון דאָרטן — שוין איבערגעמאָלטס אין דער פלייש־מאַשין פונעם רוסישן פראָנט — צעקאַליעטשעטע, קוים זשי־פענדיקע היטלעריסטישע ריטערס. די וואַגאָנען פלעגן אָנ־קומען, אָפּטראָגן זיך, איבערלאָזנדיק אַן אָנגעדראָלענע לופט מיט אַן אַלץ דראָבנער ווערנדיקן געקלאַפּ.

טאָג און נאַכט, גענוי ווי ס'רעדט זיך — בײַ טאָג און בײַ נאַכט פלעג איך אָפליגן אויף די באַנראַמפּעס, זאָרגנדיק אַז די וואַגאָנען זאָלן צו דער צײַט אָנגעלאָדן און אויסגעלאָדן ווערן, מען זאָל זיי טעכניש אַרומזען און די נײַ צונויפגעג־שטעלטע עשעלאָנען זאָלן אָפּגיין שטרענג לויטן גראַפיק.

אין אַלע עקן פון דער באַנסטאַנציע האָבן געהילכט אַרנאָ־היינצס, אויף די העכסטע טענער אַרויפגעצויגענע געשרייען — זײַנע דירעקטיוון און פּרעטענזיעס צו די אײַזנבאַן־באַ־אַמטע. בלויז אויף מיר האָט ער פאַרשפּאָרט שרײַען.

— איינעם האָב איך, איינעם! אָסקאַר גריקן נעמט אײַך פאַר אַ בײַשפּיל! — פלעגט ער אָפּט אויסרופן צו די יעניקע, פון וועלכע ער איז געווען אומצופרידן, און זיי אויפגעוואָרפן אַז זיי סאַבאָטירן, זענען אומפּאַטריאָטיש. ער איז געווען שטאָלץ מיטן אײַנפאַל צו נעמען מיך פאַר אַ געהילף און בײַ יעדערער געלעגנהייט אָנגעקוקט מיך מיט באַרעמהאַרצי־קער פרייד.

אָפּדאַנקענדיק מײַן ראַטעוווער, האָב איך זיך פאַרכליניעט מיט דער אַרבעט, וואָס איז געווען דער בעסטער אויסבאַ־האַלט פון געטאָס, פראָנטן, ברוטאַלע כאַפּעניש אין די גאַסן און מיסטעריעזע אַרויספירעניש, ווי אויך אָפענע בלוט־בעדער אויף ייִדן.

מאַרגי האָט געזאָגט, אַז מיר קליידט שטאַרק די אוני־פאָרם פון די אײַזנבאַנער. געשיצט דורך דער דאָזיקער קליי־

דונג, האָב איך זיך אויסגעמישט צווישן די פֿאַרשיידן אוני־פֿאָרמירטע דײַטשן, מיט וועלכע ס'איז פֿול געווען דער אַרום. ס'איז געווען אַ דולער אוניפֿאָרמען־קאַרנאַוואַל לעבן די פֿאַרבײַלויפֿנדיקע וואַגאָנען. אַ געקלימפּער פֿון זיך צונויפּ־שטויסנדיקע בופֿערן און אַן אומגעדולדיק פֿויקערײַ פֿון טשר־הונענע רעדער אין רעלסנשטאָל האָבן אַקאָמפּאַנירט דעם קאַרנאַוואַל. דאָס גרילצנדיקע געפֿײַף פֿון לאָקאָמאָטיוון, אַן אײַנגעקנוילטס אין ביטערע נעפּלרויכן, האָט געהאָלפֿן פֿאַר־גרעסערן דעם כאַאָס. און טאַקע אינעם דאָזיקן כאַאָס האָט מען געקאָנט זיך פֿאַרלירן, אַרונטערזינקען אויף ניט באַ־מערקט צו ווערן. ווען ניט, ווער וואָלט געקאָנט גאָר אויס־האַלטן פֿון יענע פּראַכטוואַגאָנען, וואָס האָבן געמעגט בלײַבן ניט קיין אויסגעקערטע, ניט קיין אויפֿגערױמטע, נאָר זייערע פֿענצטערלעך האָבן געמוזט פֿאַרקראַטעוועט ווערן מיט שטעכלדראָט...

ווידער אַזעלכע ליידיקע וואַגאָנען צוגרייטן. ווידער און אָבער... איך האָב זיי געגרייט, קאָמפּלעטירט, אַוועקגע־שטעלט, ווי באַפֿוילן, אויף דער פֿאַרוואָרפֿנסטער ראַמפּע. און ווידער האָבן די וואַגאָנען געוואַרט אויף ייִדן. אָפּיציעל האָט עס געהייסן, אַז מען פֿירט די מענטשן אַרבעטן אין אַ לאַגער. איך האָב אָבער געוווּסט, אַז פֿאָרן וועלן זיי בלויז אַ מינוט פֿופֿצן — ביז צו די גריבער און די שיסערס, וואָס וואַרטן אין שאָטן פֿון אַ געדיכט וועלדל... פֿײַנפֿול איז מיר געוואָרן דאָס האָבן צו טאָן מיט די דאָזיקע וואַגאָנען. ווידער זענען זיי אויף מײַן וועג — ייִדן און זייער אומגליק, פֿון וואָס איך בין געלאָפֿן...

— הײַל היטלער! אַז דו ביסט ווערט דעם נאָמען דײַטש און ווערט צו טראָגן אַן אוניפֿאָרם, האָב איך געהאַט די געלעגנהייט זיך צו איבערצײַגן.

די דאָזיקע קאָמפּלימענטן אויף מײַן אַדרעס האָט געלאָזט

פֿאַלן אַ הויכער, מאָגערער עס־אַ־מאַן אין אַ ברוין העמד מיט אַ רויטן אָרעמבאַנד און אַ האַקנקרייץ אויפֿן לינקן אַרבל; אין אַ ברוין היטל, ווי אַ קוגלטאָפּ, מיט אַ ברייטן ברוינעם דאַשעק. פֿאַרטיק געוואָרן מיטן „דײַטשישן גרוס", האָט ער שאַרף אַראָפּגעלאָזט די אויפֿגעהויבענע האַנט און זיך פֿאַרנייגט, ווי איבערגעבראָכן אין דער טאַליע:

— איך האָב די ערע מיך פֿאָרצושטעלן — האָרסט ברונער, רעפֿערענט פֿאַר די יִידן־אָנגעלעגנהייטן בײַם שטאָט־קאָ־מיסאַר.

גראַציעז אויפֿהייבנדיק די רעכטע האַנט, האָב איך אָפּ־געענטפֿערט „הײַל!" און געפֿעליק צוגעשמייכלט:

— מיט וואָס קאָן איך דינען?

— אַן עסטרײַכער! — האָט דער ברוינהעמדלדיקער זיך דערפֿרייט, און זײַנע אײַנגעפֿאַלענע באַק האָט אַ צוק געטאָן. — די אויסשפּראַך, ליבער פֿרײַנד, די אויסשפּראַך פֿאַרראַט.

— יאַוואָל, אַ ווינער. אייגנטלעך, אין גראַץ געבוירן... — האָב איך איידל אָפּגעענטפֿערט.

— און איך בין אַ זאַלצבורגער. אָ, זאַלצבורג, זאַלצבורג, שטאָט פֿון פֿירשטן, בערג און מוזיק־אימפּרעזעס! מאָצאַרט, דער געניאַלער מאָצאַרט! אויך אַ זאַלצבורגער, ווי איך! — האָט דער נאַצי זיך פֿונאַנדערגעגאָסן.

„גאָט צו דאַנקען, אַבי ניט קיין ווינער", — האָב איך צופֿרידן אַ טראַכט געטאָן און רעספּעקטפֿול ווידער געפֿרעגט דעם דײַטש, וואָס איז אַ ביסל פֿאַרלוירן געשטאַנען פֿאַר מיר, מיט וואָס איך קאָן אים דינען.

די באַגעגעניש איז פֿאָרגעקומען אויף איינער פֿון די באַנ־ראַמפּעס, פֿאַרשטעלט פֿון וואַגאָנען.

— פֿאַרשטייסטו מיך, — האָט דער דײַטש גוטברודעריש מיך אָנגענומען אונטערן אָרעם און אַוועקגעפֿירט אַלץ ווײַ־

טער הינטער רעלסן און וואַגאָנען, קיינער זאָל אונדז ניט זען און ניט שטערן שמועסן. — איך האָב, נעמלעך, צו טאָן מיט די ייִדן־טראַנספּאָרטן. ווי זאָגט אונדזערער אַ דעוויז: „פון די יודן מיר פרײַ ווערן קאָנען נאָר מיט דער הילף פון וואַגאָנען!"

דער דײַטש האָט זיך צעכיכיקעט. זײַנע אַ באַק האָט געצוקט, געצוקט און אַז זי האָט זיך באַרויִקט, איז ער צוגעטראָטן צום עיקר:

— דו מוזט וויסן, אַז איך בין דאָ בײַ אײַך אַן אָפטער קליִענט. אַלץ — דינסטלעך, פאַרשטייט זיך. איצט — אַ פּריוואַטע פראַגע...

קורץ, דער ברוינהעמדלדיקער האָט געבעטן „אויסקאָמבינירן" פאַר אים אַ וואַגאָן אויף אָפּצושיקן אַהיים, קיין זאַלצבורג, געוויסע „טראָפייען". ניט שווער געווען זיך אָנצוטויסן, אַז ס'איז אָנגעראַבעוועט ייִדיש האָב־און־גוטס.

איך האָב אויסגעקאָמבינירט. צוערשט פאַרן „ייִדן־רעפערענט" פּערזענלעך, דערנאָך, ווי ער האָט געבעטן, אויך פאַר זײַנע שעפן.

אַן אָפטער אָפיציעלער און פּריוואַטער קליִענט אויף דער פּראַכטסטאַנציע, האָט ברונער געוואָלט מיט עפּעס זיך אָפּרעוואַנשירן — ברענגען אַ וועלכן נוצן דער אײַזנבאַן און דעם „רײַך". און אויך מיך אַרויסהעלפן. האָט ער איין מאָל אַ זאָג געטאָן:

— איך זע, ווי שווער דו קומסט אויס מיט דײַנע עטלעכע אַרבעטער. טײַוולקינדער וועל איך דיר געבן — ייִדן, אומזיסטע אַרבעטקראַפט.

אינסטינקטיוו האָב איך מיט אַ זשעסט פון ביידע הענט אויסגעדריקט מײַן אינערלעכן אויפּציטער, ווי וועלנדיק זיך שיצן פון עמעצן.

— איך פאַרשטיי דיך אויסגעצייכנט, ליבער פרײַנד, —

האָט ברונער, אַ לאַקריץ־זיסער און ווייך־צעקראַכענער, מיך באַרויִקט: — כ'פאַרשטיי, ס'איז אַ קנאַפּער פאַרגעניגן האָבן צו טאָן מיט די אָ טײַוולקינדער. נאָר ביז מירן פון זיי אין גאַנצן אויסגעלייזט ווערן, מוזן זיי אַרבעטן פאַר אונדזער זיג! קלאָר זע איך, ווי שווער דו קומסט אויס אָן די נייטיקע אַרבעטהענט. וועל איך דיר געבן אַ פּאַקעט צוויי־פיסיקע אַקעראַקסן פון געטאָ. ווילסט, איז מיט הויכער בילדונג. מיר מאַכט עס שפּאַס, ווען אַ געוועזענער דאָקטאָר צי גאָר אַ פּראָפעסאָר ראַמט מיסט... וואַגאָנען אויסלאָדן און אויס־רייניקן וועלן זיי טרעפן אויסגעצייכנט. ס'איז קריג און רע־דער מוזן ראָלן פאַר דעם זיג!

פאַקטיש האָב איך אויך אַלץ געטאָן, אַז רעדער זאָלן ראָלן פאַר דעם דאָזיקן זיג. און אויך די באַוואַכטע געטאָ־ייִדן, וואָס מען האָט טאָג־טעגלעך גענומען צו מיר ברענגען, האָבן פאַר דעם געאַרבעט. אין גיכן איז זיי אויסגעקומען צו פאַר־קראַטעווען מיט שטעכלדראָט פענצטערלעך פון פראַכטוואַ־גאָנען...

ס'האָט מיך ניט אָפּגעלאָזט דער געדאַנק, אַז פאַר נאַכט צו, ווי ס'איז שוין דאָ פאַרגעקומען, וועט מען די וואַגאָנען אָנלאָדן. און ווידער מיט ייִדן. ווידער... האָב איך אָנגעטע־לעפאָנירט ברונערן:

— איך וויל די טײַוולקינדער, אַזוי צו זאָגן, מײַנע ייִדן וויל איך פאַרהאַלטן ביז אויף דער נאַכט. פאַראַן אַ דרינ־גענדיקע אַרבעט. קיין טראַגעדיע ניט, זיי וועלן ניט קרעפּירן פון הונגער. אַרבעט מאַכט דאָס לעבן זיס. ניט אַזוי?

צופרידן מיט עפּעס אַנטקעגנצוקומען זײַן „פרײַנד", פון וועלכן ער האָט נוצן אויף נוצן, האָט ברונער אָן קווענקלעניש צוגעשטימט:

— פּראַכטיק! די ייִדן וועלן ניט באַוויַיזן מיטצוטיילן זייערע ליַיזיקע ברידער אין געטאָ, אַז גרייט זענען וואַגאָנען...

ווּנדערלעך! לײַכטער וועט זײַן צונויפצושאַרן דעם נייטיקן מיסטהויפן...

אַנטקעגנגעשטעלט האָבן זיך „מײַנע" ייִדן. געפּאָדערט, מען זאָל זיי פירן „אַהיים". אויף ייִדיש, אויף דער שפּראַך פון מײַנע עלטערן, האָבן זיי מיך געשאָלטן. אַ האַלב פאַרשטעלט, אָבער פאַר מיר אַן אַבסאָלוט פאַרשטענדלעך שילטערײַ. איך ווייס דאָך, וואָס „אַדאָמע" באַטײַט, און וואָס — „ער זאָל גיין אין דער אַדאָמע". צי גאָר — „אַ מיסעמעשונע זאָל ער אײַננעמען"... גערעכט איז געווען מײַן פאָטער, ווען ער פלעגט זאָגן, אַז טויזנט מאָל פאַרשאָלטן איז זײַן פאָלק.

און איצט: מען שילט אויך מיך, כאָטש איך בין אויסן צו פאַרהיטן פון טויט גראַדע די, וואָס שילטן מיך. אויך דאָס יונגע, שטאַלטנע, שוואַרצאויגיקע מיידל, וואָס איז אַזוי ענלעך צו מאַרגין אויף אירער אַ יוגנט־פאָטאָ, האָב איך אָפּגעהאַלטן פון גיין אין געטאָ און אומקומען אויף היטלערס ראַסן־אַלטאַר. ווען מיר זאָלן געווען האָבן מיט מאַרגין אַ טאָכטער, וואָלט זי געוויס אויסגעזען ווי דאָס דאָזיקע מיידל — שיין געבויט, ציגײַנעריש פאַרשײַט. איר מויל איז אַ ביסל אויפגעריסן אין אַ שטענדיקן שמייכל, וואָס אַנטפּלעקט גרויסע, מילכווײַסע אייבערשטע ציין, ווי בײַ מאַרגין. קיין זאַך וועט דעם מיידל ניט העלפן! זי וועט ניט אַרײַנפאַלן אין טראַנספּאָרט! און אויסגערעכנט זי האָט געטומלט מער פון אַלעמען — געוואָרפן זיך אין אַלע זײַטן, ווי אַן אַרײַנגעפאַלענע אין אַ פאַסטקע, ווילד אָפּגעשטופּט פון זיך אַ קאָנוואָיִר, וואָס האָט גענענט צו איר, און געשריִען האָט זי מיט צאָרן:

— מיר ווילן אין געטאָ! אין געטאָ פירט אונדז! ווי געווײנטלעך, צו די אייגענע! צו אַלעמען!

איז מיר דאָס מיידל נאָך מער געפעלן געוואָרן. טאַקע

צוליבן אַנטקעגנשטעלן זיך צו די, וואָס ווילן דיספּאָנירן מיט איר לעבן.

פאַר די פאַרהאַלטענע האָב איך באַזאָרגט צוגאָבלעך ברויט. „אין שווייס פון זייערע געזיכטער זאָלן זיי אים עסן!" — האָב איך באַטאָנט בײַם ווענדן זיך צו ברונערן, ער זאָל אויסשטעלן דעם אָרדער צו קריגן דאָס דאָזיקע ברויט. בײַ אַ פאַרבײַפאָרנדיקער דײַטשישער סאָלדאַטן־קיך האָב איך אויסגעבעטלט איבערבלײַבעכץ פונעם מיטיק און געלאָזט עס צווייען פון די ייִדן אויסקראַצן פון קעסל — פאַר זייער גאַנצער קאָמפּאַניע צום „אָונטעסן".

פאַרזאָרגט די ייִדן, האָב איך זיי פאַרטריבן אין אַן עק פון דער סטאַנציע. אַרײַנגעגעבן זיי שופלען אין די הענט און באַפוילן אויסלאָדן פון פלאַטפאָרמעס זאַמד.

פאַר נאַכט, ווען דער מענטש פון אַהינטערן שטעכלדראָט איז טויט־מיד, אָפּהענטיק, אויסגעלאָשן און געהאָרכיק, פאַר נאַכט פלעגט מען אַלץ ברענגען צו טרײַבן די ייִדן — גרויס און קליין, מענער און פרויען — און אָנפּראָפּן מיט זיי די צוגעגרייטע וואַגאָנען.

אויך דאָס מאָל איז אַזוי געשען.

איך האָב געשטוינט: די מענטשן, צונויפגעשמאָלצענע צו איין גרויער, צו איין צעשראָקן מורמלענדיקער מאַסע, האָבן זיך ניט אַנטקעגנגעשטעלט. אויפגענומען באַפעלן ווי אַן אור־טייל פון אַ העכערער מאַכט, קעגן וועלכער ווערטער און טוונגען האָבן ניט קיין זינען. בלויז איין פרוי איז געווען צוגעשטאַנען צו אַ וואַכפּאָסטן, ער זאָל זי לאָזן לויפן. האָט דער דײַטש גאַנץ העפלעך דערקלערט:

— קום שוין דאָס מאָל אָפּ, וועסטו פאַרשפּאָרן לײַדן. זאָוויזאָ מוזט איר אַלע אומקומען. פריִער צי שפּעטער...

האָט די ייִדישקע אויפגעצאַפּלט:

— בעסער שפּעטער, ליבער הער, בעסער שפּעטער!

און איז פֿאַרשטומט געוואָרן, ניט האָבנדיק מער וואָס צו זאָגן קיינעם אויף דער וועלט.

כ'האָב ניט געוווּסט, צי זאָל איך באַדויערן אָדער גאָר פֿאַראַכטן די אונטערטעניקע קרבנות, וואָס צו זייער פֿאָלק האָט מען מיך געוואָלט צוקאָאָפּטירן. כ'האָב אַ ברום געטאָן: „צום דאָנערוועטער!" און זיך אָפּגעטראָגן אַהין, ווו כ'האָב באַשעפֿטיקט „מײַנע" ייִדן. ערשט נאָכן אָפּגיין פֿון „טראַנס־פּאָרט" האָב איך זיי געלאָזט אָפּפֿירן אין געטאָ אַרײַן.

אויף מאָרגן האָט מען די זעלביקע ייִדן ווידער געבראַכט צו מיר אויף דער אַרבעט. אַלע ביז איינעם. פֿינצטערע, בייז שווײַגנדיקע, האָבן זיי אין מײַן זײַט ניט געקוקט. אָבער געשאָלטן האָט מיך שוין קיינער ניט.

אויך דאָס מיידל, וואָס איז ענלעך געווען צו מאַרגין אין איר פֿריִער יוגנט, איז געווען געקומען — אַ זייער בלאַסע, מיט אַן אויסדרוק ווי זי וואָלט זיך אײַנגעהאַלטן פֿון וויינען. געדאַכט האָט זיך מיר אַז זי קערט מער ניט אָפּ פֿון מיר אירע גרויסע שיינע אויגן. דאָס האַרץ איז מיר אָנגעלאָפֿן מיט פֿרייד — כ'האָב געראַטעוועט דאָס מיידל!

בײַ טאָג האָט זיך אויף דער באַנסטאַנציע באַוויזן ברונער און אָפּגעשאָטן מיך מיט קאָמפּלימענטן: אַזאַ אײַנפֿאַל געווען איבערצולאָזן די ייִדן אויף דער אײַזנבאַן ביז בײַ נאַכט! ניט געווען ווער עס זאָל דערציילן אין געטאָ וועגן די צוגעגרייטע פּראַכטוואַגאָנען. נאָך קיין מאָל איז די „אַק־ציאָן" ניט אַדורך אַזוי האַסטיק און גלאַטיק...

הייסט עס, אַז איך האָב געהאָלפֿן, צוגעלייגט אַ האַנט... אַן ערגערניש האָט מיך געפּרעסן — אַ צאָרן אויף זיך און דער וועלט. אָבער צײַט זיך צו פֿאַרנעמען מיט ערגערניש און צאָרענען איז ניט געווען. ס'איז מיר עפּעס אײַנגעפֿאַלן און כ'האָב ניט געטאָרט פֿאַרלירן קיין מינוט.

— איז ניט מעגלעך, ייִדן־קיניג מײַנער, צו קריגן נאָך פֿון

דײַנע טײַוולקינדער? — האָב איך אַ שפּאַס געטאָן מיט ברונערן. — אַ שרעקלעכער מאַנגל אין אַרבעטהענט. און ווי קלינגט אונדזער באַוווסטער דעוויז: „רעדער מוזן ראָלן פאַר דעם זיג!"

צום ערשטן מאָל האָב איך געטראַכט מערער וועגן ווייל פון די ייִדן ווי וועגן דעם „זיג", וואָס געווונטשן האָב איך אים, ער זאָל וואָס גיכער פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ וויסטער פּיאַסקאַ.

— ווי איך זע, געפעלן זיי שוין דיר, מײַנע רעזערוון, — האָט ברונער אַרויסגעזײַט און זײַנע אַ באַק האָט, ווי שטענ־דיק, ווען ער איז פון עפּעס געווען צופרידן, אַ צוק געטאָן. — זע נאַר, זע, וועגן דעם קום איך דאָך. מײַנע געשעפטן — די ייִדן. קורץ און שאַרף — קום צו מיר אַרבעטן, וועסטו האָבן דעם מיסט, וויפל דײַן האַרץ גלוסט. פאַרשטייסטו, בערג מיט זאַכן בלײַבן פון די אַוועקגעשיקטע אין די הימלען. וואָס איז דאָרטן ניט פאַראַן צווישן די זאַכן, אין די קעשע־נעס, אײַנגענייט אין פאַלדן, אין די אַקסל־קישעלעך! אַן אָנגעראַבעוועט גוטס פון קריסטן אין לויף פון יאָרהונדער־טער האָבן זיי געהאַט בײַ זיך, די ייִדישע פּאַראַזיטן. ניט אָפּגעגעבן האָבן זיי עס פרײַוויליק אויף אונדזערע פריִער־דיקע באַפעלן, פרעך אונדז אָפּגענאַרט! מיר האָבן ענדלעך צוגענומען און וועלן עס אָפּגעבן די רעכטלעכע אייגנטימער. איז מיר איצט נייטיק אַן אייגענער ברודער אָנצופירן מיט דער „אַקציאָן ווערט־ערפאַסונג". מען מוז די קליידער דורכ־זוכן, סאָרטירן, אָפּשיקן קיין דײַטשלאַנד. פאַרשטייט זיך, אַז מירן ביידע ניט צולייגן צום געשעפט...

אויסגעהערט דעם אומגעריכטן פאָרשלאָג, בין איך אַ ווײַלע געבליבן מיט אַ צוגעקלעפּטער צונג צום גומען. ווי ענטפערן? כ'האָב זיך געקווענקלט און עס געבראַכט צום אויסדרוק:

— וואָס זאָל איך זאָגן... עס אימפּאָנירט מיך. כ'בין אָבער אַ מענטש פון פליכט און געוויסן. מיר איז אומבאַקוועם, איך קאָן ניט פאַרלאָזן די אײַזנבאַן. מען שאַצט מײַן אַרבעט, כ'פאַרדין גוט, ברענג נוצן. ס'איז קריג... דערצו האָט זיך געמאַכט אַן אומאָנגענעמע געשיכטע. מוז איך אָפּוואַרטן... וואָס בלויז פאַסירן קאָן: מען האָט מיר אַרויסגעצויגן דעם פּאָרטמאָנע מיטן געלט און אַלע פּערזענלעכע דאָקומענטן... די אָרטסגעבירטיקע באַנדיטן, זייערע אַ שטיל אַרבעט. פון דער הינטער־קעשענע אַרויסגעצויגן... ביז איך וועל אויפ־שטעלן נײַע...

— אויסגעצייכנט! — האָט ברונער אויסגערופן. — אין אונדזערע אַנשטאַלטן — איינס, צוויי, און מיר שטעלן אויס דופּליקאַטן. ווער זענען הי די מאַכטהאָבערס? מיר, די שטאָט־קאָמיסאַרן! פאַרשטייט זיך, אויך געסטאַפּאָ האָט אַ וואָרט. אָבער רעכן דערמיט, אַז דו האָסט דאָקומענטן! און איבער הויפּט שטעלסטו זיך ניט פאָר די פּריווילעגיעס פון אַרבעטן בײַ אונדז. פון מיליטער — באַפרײַט, ווי בײַ דער אײַזנבאַן, און אויך אײַנצוטרעטן אין דער פאַרטיי צי עס־אַ וועסטו האָבן אַ בעסערן שאַנס.

ווידער אַ גינציקער ווינט?

איין גאָט ווייסט, אַז איך האָב ניט געוואָלט אַרויספירן מײַן שיפל פונעם פאַרהעלטנישמעסיק שטילן האַפן, צו וועלכן איך בין שוין געוווינט געוואָרן.

און אַרנאָ־הײנץ? ווי קאָן איך אים ווערן אומגעטרײַ?

— —

— אַנטשולדיקט וואָס מען שטערט אײַער רו. איר קערט זיך באַלד אום צו זיך אין צימער... איין דעטאַל איז נייטיק אויסצוקלאָרן. מיט אַרנאָ־הײנץ ווײַגעל זענט איר געווען שול־קאַמראַדן, ניט אַזוי? ווי קומט איר צו אים אויף דער אַרבעט?

די גלײַכגילטיק־קאַלטע, צום קין צוגעשפּיצטע פּנים־מאַסקע פונעם אויספאָרשער וואַרט אויפן ענטפער.

דאָס צימער איז סאַלאַט־גרין, די געזונטסטע פאַרב פאַר די אויגן און נערוון. דער אויספאָרשער איז אײַנגעקנוילט אין שטענדיקן רויך פון אַ ציגאַרעט, וואָס שטעקט אין אַ ווינקל פון זײַן מויל. ער פאַרציט, פאַרציט אין זיך דעם רויך און בלאָזט אים אַרויס דורך די נאָזלעכער. אַלץ דאַרף באַרויִקן, און אָסקאַר דערשפּירט, אַז ער פאַרמאָגט אַ האַרץ — עס טוט אַ שטאַרקן שטאָך. צום ערשטן מאָל ווערט דער־מאָנט אַ נאָמען, אַ קאָנקרעטע פּערזאָן. און אויסגערעכנט אַרנאַ־היינץ! ערגעץ ווײַט איז ער שוין. ניט ער שרײַבט, ניט ער מעקט. פאַרזונקען אין די שנייען, פאַרקוועטשט אין די פּראָסטקלעמען פונעם רוסישן ווינטער. און דאָ — אויף ס׳נײַ אויפגעשווומען. אַרנאַ־היינץ!

ס׳זעט אויס, אַז דער אויספאָרשער וויל אַרויסהעלפן דעם אין פאַרלעגנהייט אַרײַנגעפאַלענעם פאָרשאָביעקט, וואָס זיצט אַנטקעגן אים:

— איך וועל אײַך ניט פאַרהאַלטן. דאָ האָט איר עטלעכע זײַטלעך פּאַפּיר, אַ פּילבלײַער. איך פאַרטרוי אײַך אַ פּיל־בלײַער!... שרײַבקונדיק זענט איר, אויך אינטעליגענט, און צײַט, ווי איך שטויס מיך אָן, פאַרמאָגט איר איצט. שרײַבט אָן, אויב אַזוי, וואָס איר ווייסט וועגן אַרנאַ־היינץ ווײַגעל. אײַערע באַציִונגען, ווי איר קומט צו אים אויף דער אײַזנבאַן און פאַר וואָס זענט איר פון אים אַוועק. איר קאָנט עס אומגעשטערט מאַכן בײַ זיך אין צימער. נעמט דאָס פּאַפּיר, דעם פּילבלײַער.

ס׳קערט זיך אום צו אָסקאַרן זײַן ניכטערע פאַרריסנקייט. זאָגט ער זייער זאַכלעך און אָן וואַקלעניש:

— וואָס איז דאָ פאַראַן צו שרײַבן? ס׳קאָנען ווערן עטלעכע פראַזעס, און שוין. כ׳קאָן עס מאַכן באַלד דאָ, אויפן אָרט.

מיר האָבן געלערנט אין איין קלאַס און נאָכן ענדיקן דאָס גימנאַזיום ווייניק קאָנטאַקטירט. אין גאַנצן ניט קאָנטאַקטירט. צופעליק בין איך געשיקט געוואָרן אַהער.

— דאָס אַלץ קלינגט אַבסאָלוט וואָרהאַפטיק, — איז מסכים דער אויספאָרשער. — פון דעסטוועגן, צוליב אַבסאָלוטער קלאָרקייט און דער פאָרמעלער זײַט לאָמיר אַלץ האָבן אויפגעשריבן. ס'איז אויך וויכטיק אויפצוקלערן, ווי כ'האָב דערמאָנט, פאַר וואָס זענט איר אַוועק פון דער אײַזנבאַן.

אין די רייד שטייט ער אויף. מיטן פוס טוט ער צוויי מאָל אַ דריק אַן עלעקטרישן קנעפל, וואָס איז אײַנגעמאָנטירט אין דיל לעבן שרײַבטיש, און ס'דערשײַנען גאַנצע צוויי וואַכלײַט — הויכוווּקסיקע, כמאַרנע.

אָסקאַר שטייט אויף.

— איר קאָנט גיין, — זאָגט דער אויספאָרשער קאַלט, אײַנגעהאַלטן, אָן פאַרב אין דער שטים. — איך ווינטש דערפאָלג!

און ווידער אינעם גרוי פונעם צימער.

די עלנבויגנס אײַנגעשפּאַרט אין טיש, דעם קאָפּ אײַנגעקלעמט אין די דלאָניעס — לאַנג זיצט אַזוי אָסקאַר. וואָס זאָל ער שרײַבן? מען טאָר ניט אַרײַנצין אַרנאָ־הײַנצן אין דער שפּיל. מוז מען עס מאַכן קורץ, זייער קורץ. עטלעכע פראַזעס בלויז.

און פאַר וואָס איז ער, אָסקאַר, אַוועק פון דער אײַזנבאַן? איין גאָט ווייסט, אַז ער האָט ניט געוואָלט פאַרלאָזן דעם שטילן האַפן, ווען ניט ברונער, ווען ניט...

— —

עס ציט זיך, ציט זיך דער מיראַזש וועגן די וואַגאָנען — — —

— —

איין גאָט ווייסט, אויב אַזאַ איז ערגעץ פאַראַן, אַז איך,

אָסקאַר גריק, האָב ניט פאַרסירט די פרײַנדשאַפט מיט אַרנאָ־היינצן. דאָס האָט ער, אַן אַליינשטייענדיקער עלטע־רער בחור, פון אייגענער איניציאַטיוו אָנגעהויבן אַרײַנקומען צו אונדז אַהיים יעדן דינסטיק און פרײַטיק, פּינקטלעך צו דער זעלבער צײַט, ווי לויט אַ שטרענגן פאַרקער־גראַפיק. אַראָפּלאָזן פלעגט ער זיך, אַן אָנגעלאָדענער מיט אַל דאָס גוטס. און ווו האָט ער דאָס אַלץ באַקומען? קריגסצײַט, ווען ס'גילטן שפּײַזקאַרטלעך — ווײַסברויט און גוטע וווּרשטן, פאַרשיידענע קעזן און קאָנסערוון, פּוטער און אייער, פאַרשיידענע שטאַרקע געטראַנקען און ווײַנען. אין דער זעלבער צײַט האָט מען אין דײַטשלאַנד געגעסן צו מיטאָג איין פאַרעוון געריכט...

פון וואַנען ער האָט דאָס אַלץ, פלעגט אַרנאָ־היינץ, ניט געבעטענערהייט יעדן מאָל אויף דער זעלבער מאַניר גרויס־האַלטעריש דערקלערן בײַם אויסליידיקן זײַן סאַקוואָיאַזשל און טעקע:

—קאָמיסאַרישער שעף פון דער באַנסטאַנציע בין איך. ניט אַזוי? און פאַרבילעטן ווערן פאַרקויפט לויט ספּעציעלע דערלויבענישן. ניט אַזוי? געפינען מענטשן דעם וועג צו מיר נאָך בילעטן און קומען ניט מיט קיין ליידיקע הענט. ניט אַזוי? פאַר אײַך, מײַנע ליבע מאַרגי און אָסקאַר, האָב איך דאָס אַלץ נייטיק. איר, וואָס איר ווערט טרעטירט און געקריוודעט.

מען האָט געדאַרפט אויפנעמען דעם גאַסט, ווי ער פאַר־דינט: דעקן דעם טיש, אויסטרינקען מיט אים, צובײַסן, שמועסן לאַנג און לאַנגווײַליק וועגן די אַלטע גוטע צײַטן, וועגן שוליאַרן און לערערס, דערמאָנען זיך אין אַמאָליקן פרײַען און פריילעכן ווין...

צוערשט האָב איך געמיינט, אַז אַרנאָ־היינץ באַזוכט אונדז צוליב מאַרגין, ווײַל אַן אָנגעצונדן רויטער פלעגט ער אומגע־

דולדיק שיקלען אין איר זײַט. באַלד האָט די זאַך גאָר אַנדערש אויסגעזען. גייט נאָר מאַרגי אַרויס אין קיך עפּעס צוגרייטן, שאַרט זיך אַרנאָ־היינץ צו צו מיר, נעמט אָן מײַנע אַ האַנט, קוקט מיר ציטעריק אין די אויגן. זײַן קינדלעכדיק געזיכט פלעגט דעמאָלט בייטן קאָלירן, די פּולבלעכע אויגן־לעדלעך פלעגן זיך אָנמאַכטיק אַראָפּלאָזן. ער האָט געאָטעמט שווער, מיט איבעררײַסן... ביז ס'פלעגן זיך דערהערן מאַר־גיס טריט.

ס'האָט פּאַסירט, אַז צו ענד פון איינעם אַן אַרבעטסטאָג האָט אַרנאָ־היינץ מיך אויפגעזוכט אויף אַ ראַמפּע און צע־טראָגן אָנגעהויבן:

— ס'איז האַרבסט, ס'איז אומגעמיטלעך... איך קאָן ניט, קאָן מער ניט... כ'מוז דיר עפּעס פאַרטרויען. הײַנט מוז עס געשען. צוזאַמען וועלן מיר פאָרן צו מיר. כ'פאַרבעט דיך.

כ'האָב אויפגעשטעלט פאַרשיידענע היפּאָטעזעס, נאָר ניט אײַנגעפאַלן איז מיר די ריכטיקע סיבה פון דער פאַרבעטונג.

געקומען אויפן אָרט, אין זײַן פאַרוואָרלאָזטער וווינונג, האָט אַרנאָ־היינץ געבעטן ניט נעמען פאַר אומגוט די אומ־אָרדענונג, און האַסטיק אויסגעטאָן דעם מאַנטל, דעם אוני־פאָרם־רעקל און אויך מיך אָנגעהויבן אײַלן אויסצוטאָן די אייבערשטע זאַכן. דעמאָלט איז ער געפאַלן פאַר מיר אויף די קני, געכאַפּט קושן מײַנע הענט און געהעשעט:

— איך בין ניט קיין נאַצי. פאַר מיר איז גלײַך עגאַל — אַ דײַטש, אַ ייִד. אַלע זענען מענטשן. אָסקאַר, איך קאָן ניט אָן דיך! האָב מיטלייד!

— לאָמיר אויסטרינקען, אַרנאָ־היינץ, — האָב איך גע־פּרוּווט אים אויסטשוכען פונעם טשאַד, וואָס האָט פאַר־נעפּלט זײַן געהירן. — לאָמיר פאַרטרינקען אונדזערע אַלע זאָרג! ווי ווערט דאָרטן געזונגען: „טרינק, טרינק, ברודער־לײַן, טרינק!"

כ'בין צוגעגאַנגען צום בופעט, אַרויסגענומען פון דער וויט־רינע אַ פלאַש פראַנצייזישן קאָניאַק, און ביידן האָט גוט דערוואַרעמט דער שטאַרקער געטראַנק. פאַרביסן האָבן מיר מיט וואָס ס'האָט זיך געמאַכט אונטער דער האַנט אין דער אָפגעלאָזענער באַלעבאַטישקייט פון דעם עלנטן מאַנצביל.

גוט אויסגעטרונקען, האָט אַרנאָ־היינץ זיך צערעדט:

— איין גאָט ווייסט, כ'וויל דיך ניט באַלעסטיקן... כ'וויל ניט, זאָלסט מיר מיט עפּעס אָפּצאָלן צי פאַרגיטיקן... וואָס איך טו איז ניט פאַר געצאָלטס. אויב דו קאָנסט מיר ניט ענטפערן... קעגנזײַטיק, דיר זאָל עס אויך וויל טאָן... טאָ דערלויב מיר ווײַטער צו קומען קוקן אויף דיר... צוויי מאָל אין דער וואָך, ווי מאַרטין לוטער האָט פאָרגעשריבן מאַן און ווײַב... און ווי איך בין שוין געווינט דערצו...

אַרנאָ־היינצס אָוונטיקע וויזיטן יעדן דינסטיק און פרײַטיק זענען פאַר מיר און מאַרגין געוואָרן אַ לאַסט. אָבער... מיר האָבן אים אַרויסגעוויזן געדולד און פרײַנדשאַפט. ער האָט עס פאַרדינט. דען ווי וואָלטן מיר אויסגעזען אָן אים?

— אייפערסט ניט אַרנאָ־היינצן? — האָב איך מיט אַ ביטערער איראָניע געפרעגט מאַרגין.

ביידע האָבן מיר זיך צעשמייכלט און געבליבן אין אַ געדריקטער שטימונג. אַרנאָ־היינץ איז געווען אונדזער ראַ־טעווער. און אַזאַ וואָס האָט אָן יעטווידן אייגננוץ געלייגט זײַן קאָפּ אונטער דער נאַצישער האַק. מיט וואָס האָט מען אים געקאָנט אָפּדאַנקען? ווי זיך רעוואַנשירן? ס'איז געווען פּײַנלעך, זייער פּײַנלעך.

און דאָ איז ברונער געווען אַרויס מיט זײַן אָנבאָט. ס'האָט געמאַניעט די פּערספּעקטיוו צו האָבן „עכטע" דאָקומענטן, צו קאָנען מיט זיי אַ מאַניפּוליר טאָן... שווער איז אָבער גע־ווען וועגן דעם צו רעדן מיט אַרנאָ־היינצן. ס'וואָלט אויס־געזען ווי אומגעטרײַשאַפט, ווי פאַרראַט.

אויף איינעם פון זײַנע אָוונטיקע וויזיטן האָט זיך אַרנאָ־היינץ אַרײַנגעשטעלט צו אונדז פריִער ווי געוויינטלעך. און געקומען מיט לײדיקע הענט. ער איז געווען צעקלעמט און מאָדנע געזשמורעט די אויגן, ווי זיי וואָלטן ניט געקאָנט אָנקוקן ליכט. ער האָט געשוויגן, ביז מאַרגי איז ניט אַרויס אין קיך עפּעס גרייטן צום טיש.

— אָסקאַר, — האָט ער דעמאָלט ציטעריק אָנגעהויבן, — איך האָב באַשלאָסן... איך קאָן ניט מער... איך פֿיל, כ'טאָר דיך ניט באַלעסטיקן... האָב איך באַשלאָסן אָנצומעלדן זיך צום דינסט אין טיף רוסלאַנד, אָנפירן דאָרטן אַ באַנסטאַנ־ציע. ס'וועט זײַן אַ גרויסע העכערונג אין ראַנג, אַן אויפשטײַג אַזאַ. מעגלעך — אַן אויפשטײַג צו גאָט אין די הימלען... כ'קאָן אָבער דיך ניט איבערלאָזן אויף גאָטס באַראָט. ווי וועט איר ביידע אויסקומען?

דאָ האָב איך געהאַט די בעסטע געלעגנהייט אויסצולייגן פאַר אים ברונערס פֿאָרשלאָג.

אַרנאָ־היינץ איז באַגײַסטערט אויפגעשפרונגען:

— אָ, גאָט! אָ, גרויסער האַר! דאָס איז גענויאַל! גיב דײַן צושטימונג, אָסקאַר! און זאָפּאָרט! די אײַזנבאַן וועט דיך ניט פאַרהאַלטן, אַזוי לאַנג ווי איך בין נאָך הי. שאַר זיך אַוועק צום „ייִדן־קיניג", ווי דו רופסט אים. ער האָט מאַכט. ער וועט דיך באַשירעמען, טײַערער. איך ציטער פאַר דײַן צוקונפט, פאַר דער ווײַטער צוקונפט דײַנער אינעם ראַסיס־טישן גרויסן דײַטשלאַנד. דעריבער, דעריבער... איידער איך פאַר אַוועק... געפין אַ ייִדישן כירורג... מירן אים אָנבאָטן אַ גוטע סומע, און זאָל ער מײַן איבעריק שטיקל אָפּשנײַדן און דיר צונייען... כ'ציטער צוליב דײַן ייִדישקייט...

האָב איך אים באַרויִקט זאָגנדיק אַ ליגן:

— כ'בין ניט געייִדישט.

די דאָזיקע נײַעס האָט אַרנאָ־היינצן גליקלעך געמאַכט.

ער איז מיר אַרויפגעפאַלן אויפן האַלדז און זיך צעכליפּעט...

טיף אין די פאַרשנייטע רוסישע ווינטערנישן האָט עס פאַר־טראָגן אַרנאָ־היינצן. ווי אָפּגעמאַכט האָבן מיר ניט קאָרעס־פּאָנדירט — צוליב קאָנספּיראַציע.

טאָ וואָס עפּעס פּלוצעם אַרנאָ־היינץ?

ניין, ניט ער איז שולדיק! אין דעם בין איך געווען מער ווי זיכער? טאָ ווער? ווער?

— —

ס'דאַכט זיך אָסקאַרן, אַז ער איז אַ פישכאַפּער און וויל אין אַ שוימענדיקן וואַסער־געווירבל אויספישן דעם באַשייד, דעם ענטפער אויף דער פראַגע, ווער האָט אים אַרײַנגעשלײַ־דערט אין דער בלויער שטיקעניש און שלעפּט צום אָפּגרונט? אין דער סיבה קאָן שטעקן דער ענטפער... שולדיק איז די סיבה? די פאַטאַלע סיבה? אפשר טאַקע זי, זי... און ס'קומט אויף, שיילט זיך אויס, הייבט זיך אַרויף איבערן האָריזאָנט מיט אַלע פײַנלעכע דעטאַלן דער

מיראַזש וועגן דעם נײַעם באַריר מיטן אַלטן שטאָם———

מיט די אייגענע הענט האָב איך, אָסקאַר גריק, אַרויס־געפירט מײַן שיפל פונעם שטילן האַפן, וועלכן כ'האָב געפו־נען אינעם האַרמידער פון די וואַגאָנען, און אַרײַנגעפאַלן בין איך גאָר אין אַן אָנגעוואַלגערטער מיט קליידונג, האַלב טונקעלער סינאַגאָגע.

ווידער אַ שטילער האַפן? אַ זיכערער אָפּדאַך?

די רויִנען פון אַ מענטשנשטאַם האָבן באַקומען אויסדרוק אין בערג צונויפגעוואָרפענע אייבערשטע קליידונגשטיקער — קאָסטיומען און קליידלעך, מאַנטלען און פעלצן, שיך, היטלען, קאַפּעליושן, פרויענהיט... פול מיט דעם איז געווען די סינאַגאָגע, די גרעסטע און אימפּאָזאַנטסטע אין שטאָט.

דאָ האָבן די לעבעדיקע ייִדן אַ מאָל געדאַוונט צו זייער גאָט, אָנגעטרויט אים זייער גלויבן, זייער לײַב־און־לעבן. און ער האָט זיי אויסגעליוועוערט דעם הענקער. קאָן נאָך זײַן אַ געמיינערער פּאַראַט? אַ גאָט וואָס האָט ניט קיין באַציִונג צו זײַנע גלייביקע און וואַרפט זיי אַכזריותדיק דעם בלוט־פּײַנד צו די פיס. כ'האָב שוין לאַנג זיך אָפּגעקערט פונעם גאָט, וואָס לאָבט זיך מיט אומגעהײַערן מענטשלעכן לייד.

די זאַכן פון זייערע אומגעבראַכטע אייגענע און נאָענטע האָבן ייִדן פון געטאָ געמוזט איצט פונאַנדערקלײַבן, סאָר־טירן און זאָרגעוודיק דורכזוכן אין בײַזײַן פון דײַטשישע וואַכלײַט — קאָנטראָלירן די קעשענעס, אויפטרענען חשו־דיקע נעט, טאָמער זענען דאָרטן באַהאַלטן בריליאַנטן, גאָלד־רענדלעך... דערנאָך האָבן די ייִדן געדאַרפט פאַרפּאַקן די בעסערע זאַכן אין קאַסטנס, אַוועקפירן צו דער אײַזנבאַן, אָנלאָדן אין וואַגאָנען, אַדרעסירטע קיין דײַטשלאַנד. מיר האָבן דורכגעפירט די אָפּעראַציע „ווערט־ערפאַסונג".

כ'האָב מיט דעם אַלעם אָנגעפירט, אָרגאַניזירט אַ ראַציאָ־נעלע אַרבעט־פאַרטיילונג, און ברונער איז געווען שטאַרק צופרידן, וואָס אַלץ „קלאַפּט", ס'הייסט — גייט ווי גע־שמירט. צופרידן איז ער אויך געווען, וואָס זײַן נײַער גוטער ברודער, אָסקאַר, פאַרגעסט אים ניט: באַזאָרגט אים מיט ערשטקלאַסיקע גאַרניטערס, שיינע פרויענקליידער, אויס־געצייכנטע קינדערזאַכן. אונטערגערוקט אויך אַ פּאָר גאָל־דענע זייגערלעך, עטלעכע רינגען, בראָשן און בראַסלעטן, געפונענע אין די ייִדישע זאַכן. אַנשטאָט עס זאָל אָנקומען דער אימפּערישער קאַסע פונעם דריטן רײַך, האָב איך עס פלינק און שטרענג דיסקרעט אַרײַנגעטאָן אין ברונערס קע־שענעס. ער האָט צו דער דאָזיקער טראַנזאַקציע קיין האַנט ניט צוגעלייגט, און זײַן נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטיש געוויסן איז געבליבן ריין...

ווי די טאָגשײַן האָט יעדן אינדערפרי געמוזט אויפגיין, אַזוי האָבן זיי געמוזט טאָג־טעגלעך אָנקומען, די לאַסטאויטאָס מיטן בלוטרויב. טייל — דירעקט פונעם אַזוי גערופענעם „שלאַכטפעלד״, וואָס אינעם וועלדל הינטער דער שטאָט, טייל — פון די ליידיק געבליבענע יידישע שטיבער, טייל — פון געטאָ. פריִער, ווען מען האָט די וואַגאָנען אָנגעלאָדן מיט יידן, האָב איך געזען די קליידער אויף לעבעדיקע מענטשן. איצט איז די סינאַגאָגע, אויסגעליידיקט פון בענק און פולטן (שטענדערס, רופן עס די יידן), אָנגעפראָפּט געווען מיט זאַכן פון טויטע. אַזאַ נאָענטע באַרירונג מיטן טויט! און פאַרן טויט האָב איך אַ לעבן לאַנג אינסטינקטיוו זיך געשראָקן. פון די טויטשטאָפּעטן אין ברוינע און גרין־גרויע אוניפאָרמס מיט די האַקנקרייצן בין איך דאָך גאַנצע דרײַ יאָר געלאָפן...

ווי אַ בייז דריקנדיק געשפּענסט, האָט דער טויט געהויערט איבער דעם אָנגעוואַלגער פון מענטשלעכן אָנטאָן. און גאָט אַליין? איך האָב ניט געוואָלט וויסן פון קיינע געטער און זיי ניט געדינט. ניט דעם פאַרטרויערט־פּײַנפולן, דעם ניט־געזעענעם יידישן גאָט, ניט דעם פּײַערלעך־אויסגעפּוצטן, בילד־און־סקולפּטוריש קאָנקרעטן — קריסטלעכן. איך בין אויסגעקומען אָן געטער. געלעבט, און שוין! איצט האָט אויף מיר אַ גאַנצן טאָג געשטאַרט דער אויפגעפראַלטער און אויסגעליידיקטער „אַרון־האָקוידעש״, ווי מײַן פאָטער פלעגט אָנרופן דעם מיט שניצונגען באַצירטן גרויסן שראַנק אין צענטער פון דער פראָנטאַלער, צו מיזרח צוגעווענדטער סינאַגאָגע־וואַנט — דאָס אָרט ווו די יידן האַלטן זייערע „טהאָראַ־ראָלן״. דער גאָט פון מײַן פאָטער וואָס האָט דאָ געהויזט, — אַרויסגעטריבן, זײַן פאַרמעג — צעראַבעוועט. און איך, אָסקאַר גריק, באַלעבאַטעווע גאָר אין זײַן געשענדטן טעמפּל.

צו מאָל פלעגט מיך אַ נאָגע טאָן דער געדאַנק, צי דער

פאַריאָגטער גאָט פון דעם אָ טעמפּל וועט זיך ניט אָפּרעכענען מיט זײַנע שענדערס און אויך שטראָפן זייערע אַרויסהעלפערס און מיטלויפערס...

יעדן אינדערפרי, אין ווינט און רעגן (ס'איז שפּעטער האַרבסט געווען), פלעג איך וואַרטן אויף די ייִדן פון געטאָ, וואָס מען האָט געברענגט ניט צו דינען גאָט אין דער סינאַגאָגע, נײַערט צו אַרבעטן פאַרן וויל און זיג פון היטלערס „רײַך" און זײַנע גלייביקע.

וואַרטנדיק אויף די ייִדן פלעג איך אָפּט איבערטראַכטן, צי זיי וועלן גאָר הײַנט קומען. יעדע מינוט האָט מיט זיי עפּעס געקאָנט געשען הינטער די געטאָצוימען. דערוואַרט זיי לעבעדיקע, פלעג איך באַלד נעמען זוכן דאָס ליבפּנימדיקע מיידל, וואָס איז ענלעך געווען אויף דער יונגיטשקער מאַרגי. כ'מוז זיך מודה זײַן: דערזעענדיק זי, פלעגט מיר ווערן גוט אין דער אַרומיקער נעץ און קעלט. געוויס, זי איז שטאַרק ענלעך צו דער יונגער מאַרגי און אויגן האָט זי טיף גרויע, ווי מײַנע. כ'וועל אַלץ מער איבערצײַגט, אַז אַזוי וואָלט אויסגעזען אונדזערע אַ טאָכטער. דערצו איז זי ענערגיש, דאָס ייִדישע מיידל, ניט פאַרשלאָפן, אַפילו אַ ביסל פאַרריסן. מוז מען איר מיט עפּעס העלפן, באַשיצן. צוליב איר טאַקע האָב איך געהאַט פאַרלאַנגט פון ברונערן אַריבערצופירן אַהער די גאַנצע ייִדן־מאַנשאַפט פון דער אײַזנבאַן.

אומבאַמערקט פון דעם דײַטשישן וואַכפּאָסטן, האָב איך זיך איין מאָל פאַרהאַלטן לעבן „מײַן" מיידל. ס'האָט ניט געשמעקט מיט אומגעטרײַשאַפט צו מאַרגין. ס'איז געווען אַ ווילן צו דערוואַרעמען די נשמה אין אַ פון מענטשלעכקייט פאַרלאָזטער וועלט.

דאָס מיידל האָט פונאַנדערגענומען און געסאָרטירט פרויענקליידער, און איך האָב איר געפרוווט ווײַזן, ווי עס לײַכטער און בעסער צו טאָן.

— האָט איר געגוג צו עסן? — איז מיר אַרויסגעשפּרונגען. כ'האָב זי ניט געדוצט, ווי דײַטשן האָבן געמוזט, רעדנדיק מיט „ניט־אַריער", און דער שטענדיק זיכערער קלאַנג פון מײַן שטים איז ערגעץ פאַרשוווּנדן.

דאָס מיידל האָט שוין געהאַט ניט איין געלעגנהייט צו דערשפּירן אויף זיך דעם בליק פון איר שטרענגן און זייער עלעגאַנטן שעף (אַזוי האָבן די ייִדן מיך טיטולירט — „שעף"). און וועלנדיק מיט איין מאָל און אויף שטענדיק צעשלאָגן זײַנע ראָמאַנטישע אַספּיראַציעס, און צו גלײַך עפּעס בײַ אים אַרויסצופרעסן, האָט זי שעלמיש צו מיר אַ זאָג געטאָן:

— הער שעף, פאַרגעסט ניט, אַז כ'בין אַ ייִדישע. דערצו, כ'האָב אַ באַשערטן... ווען ער זאָל אַהער קומען אַרבעטן, וואָלט ער געקראָגן אַ שוצקאַרטע. ווער מען אים ניט פאַר־שלעפּן...

ניט קיין ענטפער אויף מײַן פראַגע. און געוויס איז זי הונגעריק געווען. איז זי מיר נאָך מער געפעלן געוואָרן, און כ'וואָלט מיט איר נאָך געשמועסט און געשמועסט, ווען ניט אַן אָנגעקומענער וואַכמאַן. האָב איך באַפעלעריש אַ זאָג געטאָן:

— די קליידלעך אויססאָרטירן באַזונדער — ווינטערדיקע, זומערדיקע... פאַרשטאַנען? און פלײַסיק אַרבעטן!

כ'האָב ניט פאַרגעסן דעם מיידלס פאַרלאַנג און בײַ דער ערשטער געלעגנהייט זיך געווענדט צו ברונערן:

— כ'דאַרף וויסן, ווי ס'האַלט מיט די ווינטערדיקע זאַכן־טראַנספּאָרטן. צו ווייניק אַרבעטהענט אין מײַן דיספּאָזיציע. ווי איך זע, איז עס אַ לאַנג דויערנדיקע געשיכטע און אָן אַ פינאַל...

— ס'וועט זײַן אַ פינאַל. מיטן לעצטן ייִד, — האָט ברונער פאַרשײַט צוגעזשמורעט אַן אויג, און ווי שטענדיק בײַם האָבן פון עפּעס ווילגעפיל, האָט זײַנע אַ באַק געטאָן אַ צוק.

— לאַנג וועט אויסקומען צו וואַרטן אויף דעם פינאַל?
— האָב איך געפרעגט מיט אַ געמאַכטער שאָדנפרייד.

— געדולד, ליבער ברודער, געדולד! — האָט דער דײַטש גוטמוטיק געענטפערט. מיט געדולד פליקט מען רויזן. זעסט אַליין, דער רעשט ייִדן איז אונדז דערווײַלע שטאַרק נייטיק.

— אָן צווייפל! — האָב איך צוגעשטימט. — כ'מוז האָבן מינדעסטנס אַ נײַע פּאָר צענדליק. ניצלעך זענען זיי אונדז און אַרבעטן זאָלן זיי ביזן לעצטן אָטעם!

אין גיכן האָט מען אָנגעהויבן ברענגען צו מיר אויף דער אַרבעט אויך דעם מיידלס „באַשערהטן", ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט. געווען איז עס אַ הויכער, אויסגעטריקנטער יאַט מיט אַ טיפּישער „ייִדנזאָז" און אַ קליין פּנים, אַ שטי־לער, צוריקגעהאַלטענער, און שווער איז געווען צו פאַרשטיין, וואָס דאָס שיינע, טעמפּעראַמענטפולע מיידל האָט אין אים געפונען. גיי פאַרשטיי די ליבע־שפּיצלעך. דאָס פּאָרל איז מיר ליב געווען און כ'האָב געזוכט ביידן צו העלפן. דורך זיי האָבן אויך די איבעריקע ייִדן געגנאָסן פון אַן איבעריקן פּענעץ ברויט, פון אַ שיסל געקעכטס „איבער דער נאָרמע". כ'פלעג זיי אָפּהאַלטן פון גיין אין געטאָ, ווען דאָרטן האָט עפּעס אומבקלאָרס געזאָלט פּאַרקומען. געהייסן האָט עס, אַז איך היט מײַן אַרבעטקראַפט. און דער „ייִדן־קיניג", ברונער, פלעגט דערצו געבן זײַן צושטימונג.

אויך די פּלוצעם אײַנגעפירטע פּאַר די ייִדן „געלע שײַנען", פּאַקטיש — לעבנסשײַנען, האָט ער אין דער ערשטער ריי מיר צוגעשטעלט — צו פאַרטיילן „מײַנע" ייִדן.

אויף מאָרגן האָט דאָס שיינע מיידל מיך אָפּגעהיט אין אַ ווינקל פון דער סינאַגאָגע, הינטער אַ באַרג זאַכן, און אַ זייער פאַרזאָרגטע געזאָגט:

— הער שעף, מײַנע עלטערן זענען געבליבן אָן די נײַע שײַנען...

גלײַך העלפן האָב איך ניט געקאָנט. די געקראָגענע, געגוי צוגעצײלטע ציגײַגעניש זענען שוין געווען צעטײלט. סײַדן בעטן בײַ ברונערן אַ צולאָג. האָט דער דײַטש זיך ווי אַנט־שולדיקט, וואָס ער קאָן מיר ניט אַנטקעגנקומען: די אָפּגע־דרוקטע פינף טויזנט שטיק זענען אין גאַנצן פון זײַנע הענט אַרויס.

ס'האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ קלעמעניש: פינף טויזנט! און אין געטאָ, האָב איך געוווּסט, זענען פאַרשפּאַרט איבער צוואַנציק טויזנט!

— ווילסט אַ ספּעקוליר טאָן? — האָט מיך ברונער איראָ־ניש אָנגעקוקט, באַמערקנדיק אַ געוויסע פאַרלוירנקייט אין מײַן האַלטונג. — מען האָט מיך אינפאָרמירט, אַז די ייִדן האָבן דערשנאַפּט מיט וואָס די שײַנען שמעקן, צאָלן זיי טויזנטער פאַר אַ שטיק...

— נײַע געשעפטן... — האָב איך געענטפערט, — ווייסט אַליין, כ'זאָל וועלן טרײַבן האַנדל... ניט קיין פּאַפּירלעד, אַרבעטהענט מיט אַזעלכע שײַנען האָב איך נייטיק, אַלץ זאָל „קלאַפּן".

האָט מיר ברונער געגעבן אַ מאָדנעם ראָט: זיך ווענדן אין דער דרוקערײַ. מעגלעך אַז ס'האָבן זיך דאָרטן פאַר־וואַלגערט אַזעלכע שײַנען. ס'קאָן אָנגיין אויך פונעם בראַק, וואָס באַקומט זיך בײַם דרוקן. זיי זענען ניט נומערירט, די שײַנען, ניט רעגיסטרירט, זענען ניט נאָמענטלעך, זענען ניט אָפּגעשטעמפּלט און ניט אונטערגעשריבן פון קיינעם. נידעריקער פון דער ווערדע, אַז אַ דײַטש זאָל אונטערשרײַבן אָדער שטעלן אַ שטעמפּל מיטן האַקנקרייץ אויף אַ ציגײַגעניש פאַר ייִדן, מעג עס אַפילו זײַן אַ לעבנסשײַן.

בײַם דורכגאַנג אין דער דרוקערײַ האָב איך, עלעהיי אַ געהיים־אַגענט, געוויזן דעם וועכטער מײַן שפּיגעלע, וואָס אין אַ ברוינעם פּוטליאַר, און האַסטיק עס פאַרשטעקט אין

וועסטל־קעשענע. דרייסט, ווי אַ וועלכער באַפעל־געבער, האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט איבער דער דרוקעריַי און אויפגעזוכט דעם מענטש, וואָס האָט זיי געדרוקט, די שיַינען, אויף אַ קליינער, פרימיטיווער מאַשין.

כ'האָב אים אָפּגערופן אין אַ זיַיט.

יענער, אַן אָרטיקער פּאָליאַק, אַ פולבלעכער, מיט קליינע רויט־אָנגעגאָסענע אייגלעך און אַ פאַרוועלקטער הויט אויף די אַראָפּהענגענדיקע באַקן, האָט ווי דערפילט דאָס גערוך פונעם ביטערן טראָפּן. טיף אַריַינגעצויגן אָטעם, זיך פאָסמאַ־קעוועט און געגעבן צו פאַרשטיין האַלב אויף פּויליש, האַלב אויף אַ געבראָכענעם יידיש, וואָס האָט געזאָלט גילטן פאַר דיַיטש, אַז פּאָליגראַפישער בראַק איז פון די שיַינען ניט געבליבן און אויב יאָ, האָט מען אים שוין לאַנג אַרויסגע־וואָרפן. און אויך וויסן זאָל איך, אַז ביַי די יידן צאָלן זיי טויזנט מאַרק פאַר איינעם...

— דעם שטאָט־קאָמיסאַר זענען זאָפאָרט נייטיק ניַיע צוואַנציק שטיק! — האָב איך שטרענג געזאָגט און געגעבן אים צו פאַרשטיין די צאָל — אויסגעשטרעקט ביידע הענט מיט פונאַנדערגעשפּרייטע פינגער און צוויי מאָל צוגעפּלע־טשעט די דלאָניעס.

כ'האָב אים אויך דערקלערט, אַז די זאַך איז דרינגענדיק, מיַיד איך אויס אַ פאָרמעלע באַשטעלונג. און כ'וועל באַצאָלן, עס זאָל נאָר באַלד ווערן.

דער דרוקער האָט מיר גענומען בריַיען אַ געשיכטע: מען מוז אויף ס'ניַי אויסזעצן דעם טעקסט, מוז ער אָנקומען צו עמעצן אַן אַנדערן. מען מוז קריגן פונעם זעלבן געלן שטיַיפן פּאַפּיר. מוז ער ווידער אָנקומען צו עמעצן. דאָס אַלץ קאָסט געלט. פון זיַין מויל האָט זיך געטראָגן אַ געשטאַנק פון ניט קיין איבערגעקאָכטן אין מאָגן אַלקאָהאָל.

— הער אויס, — האָב איך אויף אים געפּרוּווט ווירקן מיט

לאָגיק, — איך קאָן דיך צווינגען, אָבער וויל עס ניט. מײַן גאַנג איז — לעבן און לאָזן לעבן אויך דעם צווייטן. גרייט האַסטיק צו אַ צוואַנציק שטיק, קריגסטו...

כ'האָב אים דערלאַנגט עטלעכע דײַטשישע באַנקנאָטן.

— אוי, אוי, — האָט זיך צעקרעכצט דער דרוקער און אַ כאַפּ געטאָן דאָס געלט. — אַלץ מוז איך דאָך דורכפירן אָפּגעהיט... און פאַרן געלן קאַרטאָן וועל איך מוזן געבן שנאַפּס. און דעם טעקסט, דעם טעקסט...

כ'האָב פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט, און אַוועקגעאײַלט אין דער אונטערנעמונג. בײַ מײַן סימפּאַטיע געבעטן אויס־לײַען איר געלן שײַן אויף עטלעכע שעה. געבראַכט אים צום דרוקער.

— דאָ איז דער טעקסט, דער מוסטער. אין צווי שעה אַרום קום איך אָפּנעמען נײַע צוואַנציק שטיק. — כ'האָב געוויזן אויף מײַן זייגער די צײַט, ווען אַלץ מוז זײַן פיקס און פאַרטיק. — כ'ברענג שנאַפּס!

ס'איז געווען ריזיקאַליש אַרײַנצולאָזן זיך מיטן צווייפל־דיקן טיפּ אין אַ גאַנץ גליטשיקן געשעפט. אָבער איטלעך געל קאַרטל, וואָס מען וועט פון אים אַרויסקריגן, איז אַ געראַטעוועט פון טויט מענטשלעך לעבן. היטלערן אויף צע־פּוקעניש!

מײַן סימפּאַטיע האָב איך פאַרזאָרגט מיט לעבנסשײַנען פאַר אירע עלטערן. זי האָט, קענטיק, די זאַך ניט פאַרהוילן, און צו מיר האָבן זיך געווענדט אויך אַנדערע פון „מײַנע" ייִדן מיט טרערן אין די אויגן — העלפן, ראַטעווען! איז דאָס מיידל מיר נאָך מער געפעלן געוואָרן, און כ'האָב קיינעם ניט אָפּגעזאָגט. בלויז איינער, אַ קליין פּיפּיק ייִדל וואָס האָט מיר פאַרגעשלאָגן געלט, איז געבליבן מיט גאָרניט.

די שײַנען האָבן זיך בײַ מיר באַלד געענדיקט און איך האָב ווידער געדאַרפט אָנקומען צום דרוקער, וועלכן כ'האָב

געהאַט אָנגעזאָגט צו באַהאַלטן דעם זאַך, טאָמער וועט נאָך אויסקומען...

— מוזט, ליבער פאַן, אַליין זײַן אַ ייִד, אַז דו זאָרגסט זיך וועגן די אַנטיקריסטן. און מאַכסט נאָך דערבײַ אַ גוט גע־שעפט, כאַ, כאַ, — האָט דער אַלקאָהאָליקער גאַליק זיך צעהירזשעט.

האָב איך אים גוטמוטיק געענטפערט:

— כ׳פאַרשטיי, אַז דו שפּאַסט. נאָר אויב וועסט זיך דער־וועגן נאָך איין מאָל אַזוינס אַרויסצוברענגען פון דײַן הינטיש מויל, וועסטו פאַרשפּאָרן אַרײַנצוגיסן אַהין אַ טראָפּן פון דעם, אָן וואָס דו קאָנסט ניט אויסקומען, און וואָס כ׳האָב מיטגעבראַכט. פאַרשטייסטו, ווער איך בין?! — כ׳האָב אַרויסגעכאַפּט דעם ברוינעם פּוטליאַר מיטן שפּיגעלע, אים אַ פּאָכע געטאָן און צוריק אַרײַנגעשטופּט אין דער וועסטל־קעשענע. — איין פּיפּס, און דו ביסט דערליידיקט!

דער דרוקער איז צעטומלט געוואָרן: ער האָט זיך איבער־געציילעמט, אויסגעדריקט שולדגעפיל, געשווירן, אַז ער האָט טאַקע געשפּאַסט, און אַרויסגעצויגן פון אַן אויסבאַ־האַלט עטלעכע צענדליק צוגערייטע שײַנען.

די געסטאַפּאָ האָט אָפּגעטאָן דאָס איריקע, לויט איר נאָך, — „אָפּגערייניקט די געטאָ פון אומנייטיקע עסערס", און די געלע שײַנען האָבן גאָר אויפגעהערט גילטן. ווער ס׳איז גע־בליבן לעבן, איז געבליבן... דער דרוקער האָט אָבער ניט גערוט. דאָס גאַרעניש נאָכן ביטערן טראָפּן האָט אים אַרויפ־געפירט אויף מײַן שפּור אין דער סינאַגאָגע. בײַ איר איז געשטאַנען אַ וואָך און קיינעם ניט אַרײַנגעלאָזט. האָט ער געהאָקט אין דרויסן ביז פאַר נאַכט, מיך אָפּגעוואַרט און געשטופּט מיר אין די הענט נײַע, איצט שוין אומנייטיקע צײַגענישן. איך האָב אים געגעבן עטלעכע מאַרק און געהייסן זיך אָפּטראָגן.

אין עטלעכע טעג אַרום — די זעלבע געשיכטע. כ'האָב דעם שאַנטאַזשיסט געוואָרנט, אַז אויב ער וועט נאָך אַ מאָל זיך באַווייַזן, וועט ער שלעכט ענדיקן. מיר, דייַטשן, מאַכן קורצע צערעמאָניעס... האָט ער זיך צעיאַכמערט, געשטאַמלט, אַז ער וועט, וועט... צו לעצט געבעטן געבן אים אַ לעצטן „בייַשטייַער"...

צי דען דער דרוקער?

— —

פאַמעלעך גייט אויף די טיר. שטיל, אָן דעם מינדסטן שאָרך אין די שאַרנירן. ווי דערפילנדיק אַ בייזן פליגלגעפאָך, שפרינגט אָסקאַר אויף. מען זאָגט אין דייַטש:

— דער הער גריק ווערט געווונטשן.

אין דער בלויער טיר־עפענונג בלייַבט אייַנגערעמלט אַ טונקעלער סילועט. ס'וואַרט דער וואַכמאַן.

אָסקאַר טוט אַ כאַפּ דאָס אָנגעשריבענע — וועגן זייַן קומען צו אַרנאָ־היינצן, וועגן זייַן איבערגיין צו ברונערן. אַ הייסער שוידער טראָגט אים אַרייַן אין דעם סאַלאָט־גרינעם קאַבינעט, וואָס איז אָפּגעגאָסן מיט אַ ווייטוענדיקן קינסטלעכן טאָגליכט און שמעקט מיט מחיהדיקן ציגאַרעטן־רויך.

בייַם מאַסיוו־דעמבענעם שרייַבטיש — דער זעלבער אויספאָרשער. הייַנט זיצט אָבער דאָרטן אַ פאַרשטאַרטע סטאַטוע מיט אַ גיפסענער מאַסקע אַנשטאָט אַ פּנים. אירע דיקע העלע ברעמען סטאַרטשען נאָך מער איבער די גלעזערנע אויגן. דער קין — נאָך מער צוגעשפּיצט. דינע גיפסענע ליפּן נעמען זיך באַוועגן:

— אַ שיינע, אַ פּראַכטפולע פרוי האָט איר. אַ רייצנדיקע פרוי איז אייַך באַשערט. און זינדיקן מיט איר איז, אָן צווייפל, גאָר קיין זינד ניט. ווי קומט עס, אויב אַזוי, אַז איר האָט ניט קיין קינדער?

די פראַגע קומט אַזוי אומגעריכט, אַזוי ווייטיקדיק טרעפט זי אָסקאַרן, אַז ער קוועטשט קוים אַרויס דעם ענטפער:

— פון אונדז איז עס ניט אָפּהענגיק.

— זאָ, מיט מיר קאָנט איר זײַן אָפנהאַרציק, — פּרווט די מאַסקע קריגן אַ מענטשלעכן אויסדרוק. — קינדער זענען אָפּט אַן איבעריקער באַלאַסט. זיי פּלאָנטערן זיך אונטער די פיס, שטערן... ניט וואָר? און פון וועמען איז עס יאָ געווען אָפּהענגיק? דאָס, נעמלעך, איז וויכטיק...

די מאַסקע בלײַבט אַ וואַרטנדיק־פרעגנדיקע, אַ גרייטע ווײַטער עפּעס צו זאָגן. קאָן אַ מאַסקע ענדערן איר אויס־דרוק?

— אונדז איז, קענטיק, ניט באַשערט צו האָבן קינדער, — צערעדט זיך אָסקאַר מיט אַן אמתן פאַרדראָס, פאַרגעסנדיק גאָר מיט וועמען ער האָט דאָ צו טאָן. — ס'קאָן פּאַסירן... פאַראַן פאַלן, ווען אַ פרוי געבוירט נאָך צען יאָר צוזאַמענ־לעבן. וועמענס שולד דאָס איז, האָבן מיר גאָר ניט געוואָלט אויפקלערן. פאַר אונדז האָט עס ניט קיין באַטײַט. מיר האָבן זיך ליב. זענען געטרײַ איינער דעם צווייטן.

די בלאַסהויטיקע מאַסקע מיט די אַרײַנגעשטעלטע שטי־קער גלאָז אַנשטאָט אויגן איז נאָך אַלץ פאַרגליווערט. עס באַוועגן זיך בלויז אירע ליפּן און שטויסן מעכאַניש אַרויס אַ מאָנאָטאָן גערייד:

— איר געפעלט מיר, הער גריק. און דאָס וואָס עס באַ־קומען זיך ניט בײַ אײַך קיין קינדער, איז פון דער איינער זײַט זייער באַקוועם, מען פאַרשפּאָרט זיך היטן... פון דער אַנדערער זײַט, פון מײַן פּראַקטיק ווייס איך, אַז קינדער בינדן הענט און פיס, פאַרשאַפן איינע זאָרג און ערגערניש. ווי זאָגט דאָס ווערטל: קליינע קינדער לאָזן ניט שלאָפן, גרויסע — לאָזן ניט לעבן. און איר, ווי איך פאַרשטיי, דאַרפט לעבן, דאַרפט זיך קאָנען באַוועגן אומגעשטערט. ס'איז דאָך

ניט אַזוי געווייִנטלעך קריגן אינסטרוקציעס, אויפטראָגן...
יאָ, קינדער... דאָס איז איינער פערזענלעכע אָנגעלעגנהייט.
מעגלעך, און דאָס איז מײַן פערזענלעכער פאַרדאַכט, אַז איר
דאַרפט האָבן פרײַע הענט... נאַ, מירן עס לאָזן אויף אַ צווייטן
מאָל. אויך די פראַגע, ווער ס'האָט אײַך באַפוילן ניט צו גיין
אין געטאָ, וועלן מיר לאָזן אויף אַ צווייטן מאָל. הײַנט,
זע איך, האָט איר מיטגעבראַכט די אַזוי גערופענע שטוב־
פאַרגעבונג.

דער אויספאָרשער שטרעקט שאַרף אויס אַ האַנט צו די
פאַר בלעטלעך, וואָס אָסקאַר דערלאַנגט אים, גייט איבער
זיי אַדורך מיט די אויגן און קאָנסטאַטירט טרוקן:

— צו ווייניק. האָט איר דען מער ניט וואָס צו באַריכטן?
כ'וועל אײַך העלפן. זעט, צום בײַשפּיל...

ער נעמט אַרויס פון אַ שוואַרצער פּאַפּקע אַ דאָקומענט
— דעם צײַטווײַליקן דופּליקאַט פון אָסקאַרס „קענקאַרטע",
וואָס ברונער האָט אים פאַרשאַפט, און זאָגט:

— דער טערמין איז שוין אויסגעגאַנגען. פאַר וואָס האָט
איר ניט געזאָרגט צו קריגן פון ווין אַ נײַעם, אַ שטענדיקן
דאָקומענט, קוים זאָגט איר, אַז אײַערע דאָקומענטן האָט
מען בײַ אײַך אַרויסגעשלעפּט צוזאַמען מיט געלט?...

— מען איז אַזוי פאַריאָגט מיט דער אַלטעגלעכער אַרבעט,
אַז מען באַמערקט ניט, ווי די צײַט גייט פאַרבײַ.

— גוט, — שטימט ווי איינן דער אויספאָרשער. — מירן
עס ווידער לאָזן אויף שפּעטער.

ער שטייט קיין מאָל ניט אויף, דער אויספאָרשער, בײַם
רעדן, הייבט ניט אויף די שטים, ענדערט ניט איר טאָן.
קאַלט, אומבאַוועגלעך, ווי געליימט איז זײַן פּנים.

אַ זלידנע קעלט נעמט אַדורך אָסקאַרן: האָבן צו טאָן
מיט אַ ראָבאָט אָן אַ פונק פון גײַסט. וועסט ניט אָפּטרעפן
וואָס ער טראַכט און פאַרטראַכט. האָלץ, גיפּס, מעטאַל —

פרווו אַרײַנדרינגען אין זײער אינעווייניק, פרווו מיט זיי זיך אַמפּערן, דיספּוטירן. ווענד אָן די טרעפלעכסטע אַרגו־מענטן און אײַנפאַלרײַכסטע באַווײַזן זיי צו איבערצײַגן — אומזיסט די מי.

די מאַסקע פון האַלץ, גיפּס צי מעטאַל נעמט ווידער דאָס וואָרט:

— יאָ, צו אַלעם איז נאָך אײַער רייצנדיקע פרוי, ווי מען ווייסט, אַן אויסגעצייכנטע וואַרזאָגערין. וועמען פון אונדז, דײַטשן, האָט זי באַצויבערט, וועמען פאָרויסגעזאָגט זײַן צוקונפט? און, אַ־פּראָפּאָ, טרעפט זי אײַך, זאָגט אײַך אונ־טער וואָס צו טאָן, ווי צו האַנדלען? אַן אייגענעם הייס־געליבטן מאַן...

„ווער האָט אינפאָרמירט — ,געזונגען׳ — ווי ס׳הייסט אינעם הײַנטיקן זשאַרגאָן — אַרויסגעבן, דענונצירן? ווער איז אַרײַנגעצויגן אין דער אומריינער שפּיל?" — שווער איז אָסקאַרן צו געבן זיך אַליין דעם ענטפער. ענטפערן מוז ער אָבער וואָס גיכער אויף דער לעצטער פראַגע, וואָס די מאַסקע האָט אַרויסגעפּרעסט פון איר אינגעווייד. זאָגט ער:

— דער הער שטורמפירער ווייסט געוויס, אַז מעדיקער קורירן ניט קיין אייגענע פאַמיליע־מיטגלידער. ענלעך איז מיט מײַן פרוי. אויף מײַן האַנט קאָן זי קיין זאַך ניט גענוי אָפּלייענען.

— מאָדנע... און אויף הענט פון אַנדערע? — טוט אַ ברום די מאַסקע און דערגיט מיסטעריעז: — עס האַנדלט זיך וועגן וואַרזאָגערײַ... וועגן אײַער פאַרטנערין... און קאָנ־טאַקטן...

אַ שפּור פון אומגעדולד גנבעט זיך אַרײַן אין דער שטים פונעם אויספאָרשער, פאַרשווינדט באַלד און ווידער איז זי מעכאַניש טרוקן:

— פאָרלויפיק שרײַבט אָן גענויער וועגן אַלץ. אַלץ וואָס

איבער איַך איז פאַרביַי... פאַרגעסט ניט וועגן אַלע איַיערע קאָנטאַקטן. איך באַטאָן — אַ ל ע! וועט אַלץ זיַין אויטענטיש. אָבער ניט אַזוי שפּאָרעוודיק, ווי ביז איצט. ביטע, נעמט נאָך פּאַפּיר.

די בלויע קאָרידאָר־שיַין איז דאָס מאָל דורכגעמישט מיט אַ דומפּ קרעכצעניש, וואָס ווערט איבעגעריסן פון וויי־געשריי־אויפצאַפּלעניש. אַ סך טירן אינעם קאָרידאָר און הינטער יעדערער... אַלע טירן — אונטער שלאָס־און־ריגל. בלויז זיַינע איז ניט צוגעשלאָסן. עפנט זיך מיט אַ דריק אויפן הענטל.

— שנעלער, שנעלער, — איַילט דער וואַכמאַן, ווי ער וואָלט וועלן, אַז אָסקאַרס אויערן זאָלן בליַיבן טויב — זאָלן ניט באַוויַיזן דערהערן דאָס, וואָס זיי קאָנען דאָ אויפכאַפּן.

עפּעס אומגעוויינטלעכס געשעט מיט אים. ווי אין אַ משונהדיקן טראַנס, ווי ערגעץ אויף דער פאַרקערטער זיַיט פון דער וואָר. פון דאָרטן קומט אויפן טיש דאָס פּעקל פּאַפּיר. וואָס וויל דאָס פּאַפּיר פון אים? ניט שפּאָרן קיין ווערטער. וועלכע ווערטער? וועגן קאָנטאַקטן. וועלכע קאָנ־טאַקטן? מיט ברונערן? וועגן דעם צופאַל וואָס האָט אים צונויפגעפירט מיטן דיַיטשישן פאָרל הונשקע? פונקט אַזוי האָט אים אַ צופאַל געקאָנט צונויפפירן מיט אַ ליאַדן פאָרפאָלק מילער אָדער קראַוזע. בעסערע פון זיי? ערגערע? צי איז דאָס וויכטיק? ער, אָסקאַר, האָט געהאַט צו טאָן מיט נעפּאָמוק און האַנעלאָרע הונשקע. אַ דאַנק אים, אָס־קאַרן, איז דער טעמפּקעפּיקער, פוללייַביקער נעפּאָמוק גע־קומען צו אַ שטאַנד. און זיַין פלאַקסהאָריקע, קליינווּק־סיקע און איַינגעדאַרטע האַנעלאָרע? אין זייער דעליקאַטע סיטואַציעס האָט זי אים געהאַט אַריַינגעבראַכט, אָסקאַרן. זאָל ער אויך די דאָזיקע מאָמענטן אַרויסהייבן? דאָס וואָלט געגעבן שטאָף צו פאַרשריַיבן ניט ווייניק פּאַפּיר. און טאַקע

די אַ אינטימע מאָמענטן קאָנען דינען ווי די בעסטע פּאַרטיי־דיקונג אין פאַל, אויב די היסטעריש־נערוועזישע פוריע, האַ־נעלאָרע, האָט מיט איר שרײַבקונסט בײַגעשטײַערט צו זײַן איצטיקער לאַגע. וואָס האָבן די הונשקעס געקאָנט דער־טראָגן, ווי מען דאַרף, די גאַנצע צײַט פון זייער באַקאַנט־שאַפט און נאָך דעם, ווי מען האָט אים געבראַכט אַהער צו? ווי האָבן זיי געקאָנט קריגן שטאָף דערצו?

ער דערמאָנט זיך, אַז איין מאָל האָט נעפּאָמוק הונשקע אים פאַרטרויט, לאַכנדיק פון דעם אומגעלומפּערטן אויס־טראַכטעניש, אַז ער, אָסקאַר, זאָל זײַן אַ ייִד. סײַדן, וואָס ער האָט, ווי ס'רעדט זיך, אַ ייִדישן קאָפּ...

אויך האַנעלאָרע האָט בײַ אַ געלעגנהייט קאָקעטיש גע־דראָט מיטן פינגער און צוזשמורענדיק אירע רויטלעכע אויגן־לעדלעך, אַ מורמל געטאָן: „איי, הער גריק, וואָסערע קלאַנ־גען גייען עס אַרום! אַזאַ געמיינע באַשמוצונג! איך דערוועג זיך עס ניט פון מײַנע ליפּן אַראָפּצוברענגען".

האָט אָסקאַר זי געהאַט אַ נעם געטאָן פאַר דער טאַליע און וואַרעם אָנגעקוקט: „וואָס, צום בײַשפּיל?" האַנעלאָרע איז שיִער ניט צעשמאָלצן געוואָרן פון פאַרגעניגן: „אַך, אָסקאַר, לאָמיר אין אַלץ פאַרגעסן"... ער האָט איר אַ קוש געטאָן די האַנט, און דערמיט האָט זיך דעמאָלט דער עפּיזאָד פאַרענדיקט. די זאַך פאַרענדיקט?

דער דמיון קערם אום אָסקאַרן צוריק צום סטאַרט פון דער לויפדיסטאַנץ, אויף וועלכער דער צופאַל האָט אים צו־נויפגעפירט מיטן דאָזיקן דײַטשישן פאָרפאָלק, און ס'הייבט זיך אַרויף פון הינטערן האָריזאָנט קלאָר, דײַטלעך, רעאַל דער

מיראַזש ווען ווײַטערדיקער זאָרג פאַר ייִדן———

איך, אָסקאַר גריק, האָב געוואָלט אויסרופן צו די הימ־לען: אָ, גאָט, ווען וועט נעמען אַן ענד צו די מאַשינען מיט די ייִדישע זאַכן?

ברונער האָט איין מאָל אָנגעטײַט, אַז דאָס וועט געשען, ווען ס'וועט פון דער ערד־אייבערפלאַך פאַרשווינדן דער לעצ־טער ייִד, און האָט דערבײַ מיר פאַרטרויט, אַז די געסטאַפּאָ באַשטייט אין גיכן צו פאַרווירקלעכן דעם ענדציל — טאָטאַל אָפּרייניקן די שטאָט פון ייִדן, פונקט ווי ס'איז שוין „ייִדנ־ריין" די גאַנצע געגנט. ער, ברונער, וועט געפינען פאַר זיך אַ נײַ טעטיקייט־פעלד און וועט מיך ניט פאַרגעסן. איך זאָל ניט זײַן באַזאָרגט, כאָטש איך בין ביז איצט נאָך ניט קיין פאַרטיימאַן און אויך אין דער עס־אַ ניט אַרײַן. ער פאַר־שטייט ניט, פאַר וואָס איך פאַרצי מיט דעם.

אַ צווייטן מאָל האָט ברונער פאַרפינקטלעכט, אַז אַן ענד צו די מאַשינען וועט נעמען מיטן לעצטן אומנוציקן ייִדן. זײַן שעף, דער שטאָט־קאָמיסאַר, האָט אויסגעדונגען בײַ דער געסטאַפּאָ צו פּראָלאָנגירן דאָס לעבן פון אַ צאָל „ווירט־שאַפטלעך נוציקע" ייִדן. מעגלעך, אַז מען וועט זיי סטע־ריליזירן און איבערלאָזן ביז נאָכן קריג. אַרבעטהענט פעלן און זענען נייטיק פאַרן זיג.

ברונער. ער האָט זיך אָנגעקערט צו די וואַגאָנען, צו דער סינאַגאָגע, צו די מאַשינען, צו די ייִדישע זאַכן. אין זײַנע, מיט ייִדיש בלוט און ייִדישן פאַרמעגן אָפּגעטונקטע הענט, איז געלעגן אויך מײַן לעבן.

אַ מאָדנע באַשעפעניש איז געווען דער דאָזיקער ברוינ־העמדלדיקער, ברוינהויטיקער נאַצי. הויך, מאָגער, טרוקן, קאַלט און שטײַף ווי אַ שטיק בלעך. קיין מאָל מיך ניט פאַרבעטן צו זיך און קיין מאָל זיך ניט אָנגעבאָטן צו באַזוכן אונדז, אויסטרינקען צוזאַמען, כאַפּן אַ שמועס. מיר האָבן זיך געדוצט, ניט האָבנדיק געטרונקען „ברודערשאַפט".

ברונער. אין אַ זײַטיק קעמערל פון דער סינאַגאָגע פלעגן מיר מיט אים באַהאַנדלען די לויפנדיקע געשעפטן און דער־ליידיקן זײַנע פערזענלעכע מאַניפולאַציעס. און אַלץ — שטיי־ענדיק, אין אײַלעניש, ווי מורא האָבנדיק מען זאָל אים, ברונערן, ניט פּאַקן אויפן אָרט פון פאַרברעך — מיט די נאָר וואָס באַקומענע יוווועליר־אַרטיקלען אין די קעשענעס און מיט די טײַערע זאַכן, אָנגעשטאָפּטע אין טשעמאָדאַן, וועלכן ער פלעגט אַ ליידיקן ברענגען מיט זיך.

באַזעסן פון אַ ניט קיין געזעטיקטן אַפּעטיט, האָט דער דאָזיקער „רעפערענט פאַר ייִדן־אָנגעלעגנהייטן" געהאַלטן אין איין אָנגעבן מיר, וואָס ער האָט נייטיק. ער האָט זיך ניט געשטערט צו בעטן קעמעלעך און שפּיגעלעך, טואַלעטן־זייף און אָדעקאָלאָן. ער האָט געשלעפּט ייִדיש האָב־און־גוטס ניט בלויז אויף אָפּצושיקן אַהיים, קיין עסטרײַך. אויך אויפן אָרט האָט ער זיך וויל אײַנגעאָרדנט אין אַ לוקסוס־וווינונג פון אַ רײַכן ייִדן און, ווי בייזע צינגער האָבן צע־קלונגען, געפּעסטעט דאָרטן אַ שיינע און ניט ווייניקער פון אים גיריקע מעטרעסע.

ברונער. מיר האָבן איינער דעם צווייטן געדוצט, פון דעסט־וועגן האָט קיינער פון אונדז ניט געפּרוּווט באַזײַטיקן די קאַלטע שיידוואַנט, וואָס איז געשטאַנען צווישן ביידן. פאַר וואָר, מיר האָבן איינער דעם צווייטן ניט געווּנטשן קיין שלעכטס. ברונער האָט עטלעכע מאָל, אינעם פּירערס סטיל, באַטאָנט, אַז „אַליין די פאָרזעונג" האָט אונדז ביידן צונויפ־געפירט. מעגלעך, אַז טיף אין האַרץ האָט ער שוין געוואָלט לויז ווערן פון מיר — דעם יעניקן וואָס טראָגט וועגן אים אַ זייער דעליקאַטע דיסקרעציע. אָבער אויך ער האָט געוווּסט פון מײַנער אַן אומקלאָרער געשיכטע מיט דאָקומענטן און ניט געזוכט אויפצוקלערן, צי כ'האָב די זאַך אײַנגעאָרדנט, ווײַל פאַרשאַפט האָט ער מיר טערמינירטע דופּליקאַטן. מיר

האָבן ניט האָלט געהאַט איינער דעם צווייטן אָבער זיך פאַרטראָגן. וואָס דאַרף מען מער?

זיין אינפאָרמאַציע וועגן דער לאַגע פון די לעבנגעבליבענע ייִדן האָט מיך רוען ניט געלאָזט.

— ברונער, הער נאָר, גוטער ברודער, — האָב איך אים אַ נעם געטאָן מיט אַ נייעם געדאַנק. — עס זענען אָנגעשטאָפּט מיט אָפּגעטראָגענע ייִדישע קליידער שוין עטלעכע סינאַגאָגעס. ס'האָט ניט קיין זינען די טראַנטעס צו שיקן קיין דייטשלאַנד. אַרויסוואַרפן? ניין, גוטער ברודער, מיר קאָנען זיי אויסנוצן פאַר דער „אַקציאָן ווערט־ערפאַסונג".

כ'האָב אים אויסגעמאָלט, וואָס מיר האָבן צו טאָן: פאַרלייגן אַן אונטערנעמונג צו וואַשן און רייניקן די זאַכן, איבערנייען זיי, אויסנוצנדיק דעם שטאָף אויף וואַרעמע לייבלעך און הענטשקעס. די אַלטע פוטערס — איבערנייען אויף זשילעטן און פעלצהיטלען. און אַלץ — פאַרן מיליטער. מירן אַרויסנעמען פון געטאָ שניידערס, קירזשנערס, הענטשקעמאַכערס, זאָקן־שטריקערינען. איינקוואַרטירן זיי באַזונדער. פאַרשטייט זיך, הינטער שטעכלדראָט און אַ באַוואַכונג. אַ הייזער־קאָמפּלעקס פאַר דעם צוועק האָב איך שוין אויסגעקוקט. וועלן מיר זיכער זיין מיט דער אומזיסטער אַרבעטקראַפט. און מירן קאָנען צושטעלן דעם מיליטער וואַרעמע זאַכן. דער ווינטער איז פאַר דער טיר.

פויל קיַיענדיק די ווערטער האָט ברונער אויסגעדריקט זיין מיינונג:

— אונדזערע גענעראַלן, מאָסקווע זעען זיי שוין אין די בינאָקלען! אַ בליצקריג פירן מיר, רעדסטו וועגן ווינטער. ביז דאַהין וועט רוסלאַנד שטיין אויף די קני!

כ'האָב אונטערגעהאַלטן ברונערס אָפּטימיזם מיטן אויספיר:

— ווייל אונדזערע גענעראַלן זעען שוין מאָסקווע, און ווייל

רוסלאַנד שטייט שוין פאַר אונדז אויף די קני, וועלן נייטיק זײַן פעלצן, וואַרעמע היטלען און הענטשקעס. דער באַ־וווסטער רוסישער ווינטער, די באַוווסטע רוסישע פאַר־שנייטע ווײַטעניש! אַ ריזיקן, זייער קאַלטן וואַקווום וועלן מיר דאַרפן אָנפילן מיט דײַטשן, באַהערשן אים, גערמאַ־ניזירן. וועלן נייטיק זײַן וואַרעמע זשילעטן און וואָלענע סקאַרפעטן. ייִדן און ייִדנווײַבער וועלן דאָס אַלץ פאַר אונדז פראָדוצירן. און ביידע וועלן מיר צום געשעפט ניט צולייגן... געדענקסט, אַזוי האָסטו מיך געוווּנען פאַר דער סינאַגאָגע.

ברונערס זאָרגוועדיק אָפּגעראַזירט און מיט קרעם ביז שפּיגלגלאַנץ אײַנגעריבן ברוינלעך פּנים האָט אויפגעלויכטן. אַ פיבער איז דורכגעלאָפן זײַנע אַ באַק ווי שטענדיק, ווען עפּעס האָט אים גוט געטאָן. ס׳האָט פון אים אַרויסגעווייעט אַ צופרידנקייט — מיט זיך און מיט אַלץ וואָס אים איז באַשערט. צונויפגעצויגן דעם רימען, פאַרריכט דעם ברוינעם פרענטש, האָט ער טרוקן אויסגעדריקט זײַן צושטימונג:

— ס׳איז אַן אידעע!

מיט ברונערס הילף האָב איך אַרויסגעשלעפּט פון געטאָ, פונעם „קאַסטן פון טויטע", ווי די דײַטשן האָבן זי ציניש אָנגערופן, צוויי טויזנט ייִדן, גאַנצע פאַמיליעס. אײַנגעקוואַר־טירט זיי אין עטלעכע גרעסערע הײַזערבלאָקן, פריִער באַ־ווינטע פון ייִדן. אַרומגעקראַטעוועט האָט מען די הײַזער מיט שטעכלדראָט, אַרומגעשטעלט מיט וואַכפּאָסטנס. צו־נויפגעשפּאַרט זענען געוואָרן די מענטשן אין אַ שרעקלעכער ענגשאַפט, אָבער פאָרט אויסער דער געטאָ. פאָרט זענען זיי קוואַליפיצירט געוואָרן ווי „ווירטשאַפטלעך נוציקע" און דערצו — פאַר קריגסוויכטיקע צוועקן. ס׳האָט אויסגעזען ווי די בעסטע גאַראַנטיע פאַר זייער לעבן.

כ׳פלעג פאַרבײַפאָרן אָדער פאַרבײַגיין די דאָזיקע הײַזער און זען, ווי פון טאָג צו טאָג פאַרמערן זיך די פאָרהענגלעך

אויף די פענצטער. ס'הייסט, די מענטשן אָרדענען זיך ווי ניט איז אײַן. האָב איך זיך געפרייט: הינטער איינעם אַזאַ פאַר־הענגל ווײַנט געוויס מײַן סימפּאַטיע מיט איר חתן צי מאַן, צי געליבטן. ביידן האָב איך זיי געהייסן אָנגעבן זיך פאַר שנײַדערס. אויך זייערע עלטערן זאָלן זיך אָנגעבן פאַר שנײַ־דערס, צי קירזשנערס, צי זאָקן־שטריקערס...

נאָך פאַרן באַזעצן די בלאָקן האָב איך געפונען אין דער נאָענט אַ געבײַדע פון אַ פאַבריקל, וואָס איז צעראַבעוועט געוואָרן בײַם בײַטן זיך פון דער מאַכט. אַ ביסל אָפּגערע־מאָנטירט די געבײַדע מיט ייִדישע אַרבעטערס פון געטאָ און האַסטיק געבראַכט אַהער קאָנפיסקירטע בײַ ייִדן ניימאַ־שינען, וואָס מען האָט נאָך ניט באַוויזן אָפּצושיקן קיין דײַטשלאַנד.

כ'מוז לויבן ברונערן. ער האָט זיך אַרײַנגעלייגט אין דער זאַך און אָנגעדריקט „אויבן" די אַלע נייטיקע קנעפּלעך. ס'איז געגאַנגען אין איבעריאָגן געסטאַפּאָ, וואָס האָט מיט אייפער געוואַרט אויפן טאָג צו קאָנען ראַפּאָרטירן קיין בערלין, אַז אויך די דאָזיקע שטאָט איז שוין „יודנריין". ס'איז געגאַנגען בײַם שטאָט־קאָמיסאַר צו פאַרזיכערן אַ צאָל זײַנע עס־אַ־מענער מיט וואַרעמע בענקלעך ווײַט פונעם פראָנט...

מיר האָבן אַוועקגעלאָזט די אונטערנעמונג. פאַר איר קאָ־מיסאַרישן שעף און „פּאַרטרויטער פּערזאָן" איז באַשטימט געוואָרן איינער אַן „אַלטער פּאַרטיי־גענאָססע" און „פאַר־דינסטפולער עס־אַ־מאַן", נעפּאָמוק הונשקע. איך האָב זיך געדאַרפט באַנוגענען מיטן פּאָסטן פון זײַן געהילף און גע־שעפט־פירער.

— ביסט אַליין שולדיק, — האָט ברונער מיך אויפגע־קלערט. — פאַרסירסט ניט דײַן אײַנטריט אין פּאַרטיי. וועסטו ניט שטײַגן אויפן לייטער פון דײַטשלאַנדס פרײַ־

הייט־באַוועגונג, איז אויסגעשלאָסן זאָלסט מאַכן אַ קאַר־יערע.

— ווייסט, ברונער, — האָב איך אָן דער מינדסטער שפּור פון פּאַראיבל דערקלערט מײַן ווילווינטשער, — אַזאַ בין איך שוין, ניט קיין קאַריעריסט. מיר גייט אָן איינס — געווינען דעם קריג. דעמאָלט וועט אַלץ זיך אַוועקשטעלן אויף די ריכטיקע ערטער.

— ווי דו ווילסט. די פּאָלקסקלוגשאַפט זאָגט, אַז ווי מען בעט זיך אויס, אַזוי שלאָפט מען, — האָט ברונער פאַר־ענדיקט דעם שמועס. — הײַל היטלער!

מײַן נײַער שעף הונשקע. ברייטביייניק, קײַלעכפּנימדיק, מיטלוווקסיק, אָפּגעפּרעסן. מיט אַ קענטיקן בירבײַכל און שלאַבעריק זיך באָמבלענדיקע הענט. ער פלעגט גרויסהאַל־טעריש זיצן בײַם שרײַבטיש אינעם קאַבינעטל, וואָס איז פאַר אים און דער געשעפט־פירונג אויסגעצוימט געוואָרן אין אַ ווינקל פון די וואַרשטאַטן.

הונשקע האָט פון מיר ניט פאַרהוילן זײַן באַגײַסטערונג: ענדלעך ווערן פאַרווירקלעכט טרוימען! יאָרנלאַנג געקעמפט, געהאָפט. צאָלט איצט אויס דער פירער דיווידענדן: אַ פּאַ־זיציע אין לעבן נאָך אַ צאָל דורכפאַלן, אַ לוקסוס־וווינונג פון אַ ליקווידירטן ייִדן, אַ שיינער געהאַלט און פּריווילעגיעס אײַנצוקויפן פּראָדוקטן אין גוט אַפּראָוויזירטע געשעפטן, באַשטימטע „נאָר פאַר דײַטשן". און דאָס אַלץ — ווײַט פון בלוטיקן קריגסווירוואַר... עס קומט נאָך צו דאָס שיינע אָנטועכץ פאַר אים און זײַן האַנעלאָרען, וואָס איך פלעג אויסזוכן אין די קאָנפיסקירטע ייִדישע זאַכן; אויך אַ רינ־געלע, אַ שיינע בראָש... הונשקע האָט מיט היציקער פרייד באַגיטיקט מײַן דאָזיקע אָפּעראַטיווקייט. מיר האָבן צוגע־לייגט אַ האַנט צו מלוכיש אייגנס? ס'הייבט זיך ניט אָן! הונשקע האָט געפונען אַ באַרעכטיקונג:

— ס׳האָט ניט קיין באַטײַט וועלכן דײַטש די זאַכן קומען אָן. אַבי אַוועקגענומען פון די ייִדן! אַבי דײַטשן! אָליאַ־ליאַ!

„אָליאַ־ליאַ״ — מיט אָט דעם ווערטל פּלעגט ער געבן אויסדרוק זײַן צופרידנקייט אָדער איבערפּלייץ פון געפילן.

מיך האָט געוויס ניט געקימערט, אַז ס׳ווערט געקריוודעט די קאַסע פון דריטן רײַך.

ס׳האָט ניט געאַרט נעפּאָמוק הונשקען, וואָס עס געשעט אין די שנײַדערשע צי קירזשנערשע וואַרשטאַטן, אין די מאַגאַזינען פון די ייִדישע זאַכן און די רוישטאָפן, אין די מאַגאַזינען פון דער פּאַרטיקער פּראָדוקציע, אין די בלאָקן, ווו ס׳איז פאַרשפּאַרט אונדזער אַרבעטקראַפט — די ייִדן. פאַראַן אַן אָסקאַר גריק, זאָל ער זיך דרייען דעם קאָפּ! ער, הונשקע פלעגט ליבערשט זיצן אין זײַן קאַבינעטל, פּאַרטיפט אין אילוסטרירטע זשורנאַלן, פאַרקאַפט פון דער לײַדנשאַפט צו פאַרענטפערן די פּובליקירטע אין זיי קרייצוואָרט־רעטענישן. אונטער דער האַנט האָט ער געהאַט אַן ענציקלאָפּעדישן ווערטערבוך, מיט וועלכן ער פלעגט זיך אַרויסהעלפן בײַם געפינען ענטפערס אויף פראַגעס פון די רעטענישן. אויך בײַ מיר פלעגט ער אָפט זוכן הילף אין אָט דער באַשעפטיקונג זײַנער.

מען טאָר אָבער ניט מיינען, אַז הונשקען, דעם אַלטן געטרײַען נאַצי און אַקטיוון עס־אַ־מאַן, איז ניט אָנגעגאַנגען די אונטערנעמונג. נעמט ער זיך לאַנגווײַליקן בײַ די רעטענישן און בײַם שרייבטיש, לאָזט ער זיך באַלד אויף אַן אינספּעקציע: זאָל מען זען, ווער ס׳איז דאָ דער שעף! קוועלן פלעגט ער פונעם בילד, ווי זיי זענען אָפּגעמערקט, די ייִדן, מיט די געלע שטערן, ווי זיי מיִען זיך פאַר דײַטשלאַנדס ווויל און זיג. ער פלעגט שטראַלן פון פאַרגעניגן בײַם איבערטרעטן די שוועל פון די צעכן. דער ייִדישער צעך־

עלטסטער רופט דעמאָלט אויס: „אַכטונג, דער שעף!". אַלע שפּרינגען אויף פון די ערטער און בלייבן שטראַמשטיין אַזוי לאַנג, ביז ער באַוויליקט אַ פאָכע צו טאָן מיט דער האַנט און צו באַפעלן: „ווייטער מאַכן!". און פאַרשטייט זיך, אַז דערגעבן פלעגט ער זיין „אַליאַ־ליאַ".

ס'איז שוין געווען טיפער האַרבסט. קאַלטע רעגנס, בייזע ווינטן. אין אונדזער קאָנטאָר איז קילבלעך און פייכט און אומגעמיטלעך. פלעגט הונשקע זיך אַוועקלאָזן אין די צעכן אויסצולאָדן אויף די ייִדן זיין לאַנגווייל און שלעכטע שטי־מונג. הייזעריק פלעגט ער ווערן שרייענדיק, אַז זיי, די אונטערמענטשן, די „שווייַנע", די פוילע זעק, די לייזיקע לומפן זענען שולדיק אין אַלע אומגליקן פון דער מענטש־הייט. דעריבער וועלן זיי מוזן פאַרטיליקט ווערן ווי די וואַנצן. אָנגעשריִען זיך, דערוואַרעמט זיך, פלעגט ער צופרידן זיך אומקערן צו זיינע זשורנאַלן און רעטענישן. דאָס אומ־באַשרענקטע רעכט וואָס ער האָט געהאַט איבער „זיינע" ייִדן, האָט אים איבערציַיגט, אַז ער איז אַן אייבערמענטש...

נאָך איינעם אַזאַ אָנפאַל אויף די ייִדן האָב איך מיט אַ גאַנץ שטרענגן טאָן אים געוואָרנט:

— הער הונשקע, לאָזט צו רו די ייִדן. וואָס וואָלטן מיר געטאָן אָן זיי?

אַ שולדיקער האָט ער מיר ניט געלאָזט ווייטער רעדן:

— גערעכט, הער גריק, שטענדיק — גערעכט. כ'וועל ניט מער... אָבער אַז זיי זענען פאַרט ייִדן, אונטערמענטשן און אונדזער אומגליק זענען זיי. און שולדיק אין קריג זענען זיי. אַזוי זאָגן אַלע — דער פירער, הער געבעלס, הער שטרייכער. און דייטשישע פרויען שענדן זיי!

אַריין אין קוראַזש האָט הונשקע ווייטער געברייעט וועגן די דייטשישע סאָלדאַטן, וואָס ליידן און קומען אום אויף די רוסישע פראָנטן. צו דער זעלבער צייט שלאָפן די ייִדן

מיט זייערע ווײַבער אונטער אַ דאַך און הינטערן זיכערן צוים. נאָר פאַרענדיקט האָט ער זייער אונטערטעניק:

— כ'וועל אײַך געהאָרכן, הער גריק. כ'וועל ניט מער... איך פאַרלאָז זיך אין גאַנצן אויף אײַך... אָליאַ־ליאַ!

ער האָט זיך אויסגעלאָדן און זיך אײַנגעשטילט אויף אַ לענגערער צײַט.

אויך צו ברונערן, אונדזער פאַרמיטלער מיט די העכערע אינסטאַנצן, האָב איך גאַנץ האַרב גערעדט:

— איינס פון די ביידע — אָדער מען מאַכט שלום מיט די ייִדן, אָדער, קוים ברענגען זיי אונדז נוצן, מוז מען זיי געבן אָפּצועסן, מען מוז זיי פאַרזאָרגן מיט אַ מינימום מעדיקאַ־מענטן. מען דאַרף באַהייצן זייערע וווינבודעס...

האָט ער מיר דערווידערט:

— און איך האַלט, אַז מען טאָר די ייִדן ניט געבן צו פיל עסן, ווען זיי טראַכטן בלויז ווי אַזוי צו שטילן דעם הונגער...

— און די אַרבעט? און אונדזער קריגסוויכטיקע אונטער־נעמונג? — האָב איך ניט נאָכגעלאָזט.

מײַנע רייד האָבן געגעבן רעזולטאַטן. ברונער פלעגט אויס־שרײַבן אָרדערס אויף שפּײַז און מעדיקאַמענטן. כ'האָב גע־האַט אַ גוט געפיל: אָפּגעווענדט דעם טויט פון צוויי טויזנט מענטשן! אין דעם — די גאַנצע פאַמיליע פון דער סימפּאַ־טישער ייִדישקע, וואָס איז ענלעך צו דער יונגער מאַרגי. זייער עקסיסטענץ איז געזיכערט: די אונטערנעמונג גיט קריגסוויכטיקע פּראָדוקציע און אינטענדאַנטורן פון מילי־טערישע „איינהײַטן" שטרעקן אויס די הענט צו קריגן אונדזערע באַרימט געוואָרענע וואַרעמע לײַבלעך, פעלצלעך און זשילעטן פון שעפּסנפעל, היטלען און הענטשקעס פון קראָליקפעלץ, וואָלענע סקאַרפעטן. יאָ, די דײַטשישע סאָל־דאַטן האָבן דערפילט דעם ביטער־קאַלטן געשמאַק פון די פאַרשנייטע רוסישע פעלדער און וועלדער, און מאָסקווע

זעט זיך נאָך אַלץ בלויז אין די בינאָקלען פון די דײַטשישע גענעראַלן...

געוויס, איך האָב געהאַט אַ גוט געפיל. ס'איז געווען גע־זיכערט אויך מײַנע און מאַרגיס עקסיסטענץ. אַרנאַ־היינץ וואָס האָט געטראָגן אונדזער לעבנסוויכטיקע דיסקרעציע, איז ערגעץ ווײַט געווען פאַרשוווּנדן. די עטלעכע דײַטשן מיט וועלכע כ'האָב געהאַט צו טאָן, האָבן שטאַרק געהאַלטן פון מיר, און אויף אַ ווײַטערער מעטע שטעלט זיך קיינער ניט אויף קיין פּלענער אין אַזעלכע צײַטן.

די עטלעכע דײַטשן... ס'איז געווען צוגעקומען נאָך איינער. מיט ניט קיין ענטוזיאַזם האָט אים ברונער פאָרגעשטעלט פאַר מיר און הונשקען, ווי אַ פאָרשטייער פון עפּעס אַ קאָ־מיסאַרישער אינספּעקציע. פאָרגעשטעלט זייער אָפיציעל, ניט קאָנענדיק אײַנהאַלטן דעם נערוועזשן אויפצוק פון אַ באַק.

דער נײַער דײַטש האָט געטראָגן אַ טיף ברוינעם פרענטש מיט אַ סך שוואַרצע גלאַנציקע קנעפּלעך, וואָס האָט ווי פאַרביטן אַן אוניפאָרם, אָן וועלכער דײַטשן האָבן ניט גע־קאָנט אויסקומען. אַ קליין קעפּל מיט אַ לאַנגן האַלדז איז געזעסן אויף זײַנע ברייטע פּלייצעס. אַ ווייכע געלבלעכע הויט האָט פאַרצויגן זײַן שטערן, די אײַנגעפאַלענע באַקן, און אָנגעקוקט האָט ער אַלעמען גלײַכגילטיק. ער האָט דערלאַנגט צו ערשט הונשקען דערנאָך מיר אַ וואַרעם־פײַכטע האַנט און מיט אַ דינער שטים דײַטלעך פונאַנדערגעצויגן זײַן נאָמען און פאַמיליע:

— רײַנגאָלד קופּערפּפעניגלאָרד.

און גלײַך דערגעבן, מען זאָל קיין טעות ניט האָבן בײַם שרײַבן:

— ניט „פּפעניג", נײַערט מיט אַן „ען" פאַרן „גע" — פּפענינג, און ניט „לאָד", נײַערט מיט אַן „ער" — לאָר־ר־ד. רופט מיך אָבער „רײַנגאָלד", ס'איז קירצער.

מיר דרײַען — ברונער, הונשקע און איך — האָבן קוים אײַנגעהאַלטן אין זיך אַ געלעכטער־אויסבראָך. דעם אַרויס־געשפּאַרטן שמייכל אויף אונדזערע ליפּן האָט מען געקאָנט טײַטשן ווי אַ העפלעכקייט־אויסדרוק צום נײַעם באַקאַנטן, מיט וועלכן מיר וועלן האָבן צו טאָן און פאַר וועלכן מען וועט, קענטיק, זיך מוזן שטאַרק היטן.

— איר מוזט שטאַמען פון אַלטן דײַטשישן אַדל, — האָב איך אים געוואָלט אָנטאָן פאַרגעניגן און צו גלײַך פאַר־קלענערן די שפּאַנונג פון אונדזערע, צום לאַכן אָנגעדראָלענע באַקן. — געוויס וואַקסט אײַער שטאַמבוים פון די עכטע גערמאַנער.

דער נײַער דײַטש אונדזערער האָט זיך אָנגעכאַפּט אין מײַנע ווערטער און געדיכט און צעמישט געלאָזט הערן אויף זײַן פאַלצעט, אַז סײַ זײַן אייגן־נאָמען, סײַ זײַן פאַמיליע־נאָמען האָבן אַ שטאַמבוים מיט טיפע וואָרצלען אין דעם גערמאַנישן אורוואַלד, אין גערמאַנישן באָדן, אויף וועלכן ס'זענען אויסגעוואַקסן די מינעזינגערס, די דײַטשישע מײַס־טערס פון קופּער־אַרבעט... ער האָט אויך באַלד צו וויסן געטאָן, אַז זײַנע פליכטן אין דער אונטערנעמונג וועלן ניט באַשרענקט אין צײַט, ס'הייסט, אַז ווען ער וויל קאָן ער קומען קאָנטראָלירן און אַוועקגיין, קאָנטראָלירן און אַוועק־גיין. און זײַן וואָרט, אָהאָ, זײַן וואָרט!

ניט שווער געווען זיך אָנצושטויסן, וואָס דאָס איז פאַר אַ פויגל. און איך האָב באַלד באַשלאָסן: אויך דעם דאָזיקן פויגל וועל איך אַרײַנקריגן אין מײַנע הענט. ער איז געבליבן זיך באַקענען מיט דער אונטערנעמונג. אין מײַן באַגלייטונג איז ער האַסטיק דורכגעלאָפן עטלעכע צעכן, ניט וויסנדיק וואָס דאָרטן צו זוכן. פאַרן אַוועקגיין האָב איך אים געפרעגט, צי ער נייטיקט זיך ניט אין עפּעס — אין וואַרעמען אָנטאָן צי אין דאַמענקליידער. מיר האָבן דאָס רעכט צו פאַרזאָרגן

דערמיט דײַטשן, וואָס קערן זיך אָן צו אונדזער אונטער־נעמונג. דירעקט פאַרזאָרגן אָן פאַרמיטלערס...

— דײַטשישן ווײַנבראַנד קאָן איך געברויכן, — האָט ער מיר געענטפערט קורץ און שאַרף און זייער ערנסט.

— מאָרגן באַזאָרג איך. קריגסט עס, — בין איך אָן צערע־מאָניעס אַריבער אויך מיט אים אויף „דו", נאָך איידער מיר האָבן געטרונקען „ברודערשאַפט".

— איך וויל הײַנט, — האָט דער דײַטש ווי אַ קינד גענומען בעטן, שאָקלענדיק זײַן קליין שלאַנגיש קעפל. — הײַנט...

כ'האָב אים אַוועקגעפירט צו זיך אַהיים און דאָס ערשטע מאָל אָנגעטרונקען. בײַם געזעגענען זיך האָט ער געמאָלדן, אַז עס געפעלט אים בײַ אונדז און ער וועט גערן צו אונדז קומען. ער בעט בלויז צוגרייטן אים זײַן ליבסטע שפּײַז — צעהאַקט אויף שטיקלעך רוי רינדפלייש, צוגעפעפערט און באַלייגט מיט ציבעלע. ס'איז אַ מיטל צו פאַרהאַרטעווען די ראַסישע אייגנקייטן.

גאָר אין גיכן האָט רײַנגאָלד זיך פאַרטרויט הונשקען, אַז זײַן פליכט איז אויך אויסצוגעפינען די יודאַ־באָלשעוויסטן, וואָס פאַראומרייניקן נאָך די וועלט.

ווי כ'האָב פאַרשטאַנען, האָט אים הונשקע אָפּגעשיקט צו מיר מיט דער אָ דעליקאַטער פּראַגע.

— יידן־באָלשעוויסטן ? — האָב איך זיך פאַרוווּנדערט. — זיי זענען דאָך געלאָפן מיט די רוסן. זייער רעשט איז אויס־געפּישט און ליקווידירט געוואָרן אין די זויבערונג־אַקציעס, עס זאָל רו זײַן אויף דער ערד. דאָ בײַ אונדז איז אַן אָפּקלײַב פון די בעסטע און פאַרלאָזלעכסטע ספּעציאַליסטן. אַלע מײַסטערס — איינס־אַ. און מיען מוזן זיי זיך פאַר אונדזער זיג. מיר צווינגען זיי אָן דערבאַרעמונג !...

— אָבער, אָבער, — האָט רײַנגאָלד גענומען שטאַמלען, — מען האָט אונדז, אונדז... כ'מוז אויסזאָגן וואָס מען טאָר

ניט... מען האָט אונדז אינסטרוקטירט, אַז ניטאָ קיין געטאָ, ניטאָ קיין ייִדן־לאַגער, ווו ס'זאָלן זיך ניט אײַנגעפינען יודאָ־באָלשעוויסטישע באַנדיטן. און בײַ דיר? וואָס איז דאָס אַ געטאָ? אַ לאַגער?

איך האָב אים דערקלערט, אַז אונדזערע ייִדן קומען ניט פון קיין געטאָ, ניט פון קיין לאַגער, נאָר פון אָפּגעזונדערטע בלאָקן. און ווידער געפּרוווט אים איבערצײַגן, אַז פּאַר אונדזער אונטערנעמונג זענען אַלע ייִדן אָפּגעקליבן געוואָרן, און איך גאַראַנטיר...

דעמאָלט איז רײַנגאָלד אַרויס מיט אַ צווייטער נײַעס:

— פּאַרשטייסטו, מיר איז אויך אָנגעטרויט אויסצוגעפינען ייִדן, וואָס באַהאַלטן זיך אין שטאָט. פּאַרשטייסטו, אַ ייִדן דערקען איך אין מאָמענט — לויט זײַנע אויערן, לויטן נאַקן. איך דערקען זיי לויטן קלאַנג פון דער שטים און לויט זייער גערוך... מען האָט אונדז געלערנט. ס'איז איצט מײַן ספּעציאַליטעט.

קלאַפּנדיק דעם דײַטש איבער דער פּלייצע האָב איך אויסגערופן:

— פון גאָט, פון גאָט זענען אַזעלכע אייגנשאַפטן! פּאַרדראָסיק, וואָס אין אונדזער וועלט ווערן ניט אָפּגעשאַצט קיין פעיִקייטן. איך ווייס עס אָבער יאָ צו שאַצן... קאָנסט צו מיר אָפטער קומען. ס'וועט דיר ניט פּאַרדריסן.

— גערן, גערן, — האָט רײַנגאָלד זיך אָנגעכאַפּט. — און שוין. נאָר שאַ־שטיל, קיינער טאָר דערפון ניט וויסן. אין מײַן שטאַנד מוז אַלץ געטאָן ווערן אין געהיים. קיינער זאָל עס ניט באַמערקן און קיינער זאָל דערבײַ ניט זײַן. בלויז דו און דײַן פרוי. אָפּגעמאַכט — בלויז דו און דײַן רייצנדיקע פרוי!

— אַבסאָלוט! — האָב איך אים פּאַרזיכערט.

מיר האָבן אים געהאַט פּאַר אַן אָפטן גאַסט, רײַנגאָלדן. ס'האָבן אים געצויגן די שטאַרקע געטראַנקען, דער גוטער

צובײַס און מאַרגי. ער פלעגט שלינגען איר פרויִשן קערפּער מיט זײַנע פאַרטרונקענע אויגן.

איין מאָל איז ער אַראָפּגעקומען מיט דער ליסטע פון די ייִדן, וואָס אַרבעטן אין אונדזער אונטערנעמונג.

— מוזט מיר אויסזוכן די יודאַ־באָלשעוויסטן, — איז ער צו מיר צוגעשטאַנען. — ניט וויכטיק וואָס דו זאָגסט, אַז ניטאָ בײַ דיר אַזעלכע. וויכטיק איז צוצושטעלן קעפּ. אַלע ייִדן זענען באָלשעוויסטיש. אין בלוט ליגט עס בײַ זיי. זע, כ׳האָב אָפּגעמערקט — איינער אַ יאַנקעלסאָן, פינף טעג ניט דערשינען צו דער אַרבעט. איז עס ניט קיין סאַבאָטאַזש ? !

— ער איז געוויס קראַנק געווען, — האָב איך זיך באַמיט צו מילדערן רײַנגאָלדס אויפגעבראַכטקייט.

— ייִדן טאָרן ניט קרענקען ! ווער פון זיי עס קרענקט מער ווי צוויי טעג, זאָל פאָרן קרענקען צום אורפאָטער אַבראַהאַם ! אַזוי האָט באַפוילן אונדזער הער ראָטענפירער.

— יאַוואָל ! געוויס ! בײַ אונדז זענען עס אָבער נוציקע ייִדן. מוזן מיר זיי אויסהיטן ביזן זיג, — האָב איך געזוכט אים אײַנצושטילן.

— גוט, זאָל זײַן ווי דו זאָגסט. אָבער דער אָ, ווי הייסט ער דאָרטן, פרײַ־זינ־גער, — האָט רײַנגאָלד געלייענט פון פּאַפּיר און זיך ווידער צעהיצט : — וואָס זינגט ער עפּעס פרײַ, האַ ? וואָס זאָל אַ ייִד פרײַ זינגען ? !

האָב איך אים ווידער גענומען באַרויִקן :

— אַ שאָד ס׳געזונט, רײַנגאָלד. צוליב אַ ייִדן, אַ טויט־קאַנדידאַט פּרעסטו זיך דײַן רייִנראַסיש־גערמאַנישן לעבער. זיי זענען עס ניט ווערט, די אונטערמענטשן ! מיר מוזן היטן דאָס געזונט פון די אַריער. וויכטיקע אויפגאַבעס האָט אונדז אָנגעצייכנט דער פירער, אַדאָלף היטלער.

האָט זיך רײַנגאָלד פאַרענטפערט :

— איך מוז אָבער... מוז באַווײַזן טעטיקייט. שוין לאַנג

ניט צוגעשטעלט קיין אָביעקטן... וועט מען מיר צושטעקן, אַז כ׳בין אָפּגעטעמפּט, אַז כ׳בין ניט וואַכיק גענוג. עד, מײַן פּיסטויל לעכצט נאָך ייִדנבלוט !

— געוויס, אָן צווייפל, — האָב איך געזוכט צו דעמפּן זײַן קוראַזש. — מיר מוזן שטיין אויף דער וואַך. כ׳וועל דיר העלפן. נאָר גערולד, גערולד ! — און כ׳האָב פאַרענדיקט מיט ברונערס באַליבט ווערטל : — מיט גערולד פּליקט מען רויזן.

כ׳האָב אים אָנגעגאָסן אַ פולע גלאָז שטאַרקן דײַטשישן ווײַנבראַנד. ער האָט אַרײַנגעקערט דעם געטראַנק, וואָס האָט באַלד אָנגעצונדן זײַנע בלייכע באַקן. און אַז ער האָט פאַרביסן מיט געהאַקט רוי רינדפלייש און ציבעלע, זײַן ליבלינג שפּײַז, וואָס לויט אים, פאַרהאַרטעוועט זי דעם ראַסיש־גערמאַנישן גײַסט, איז ער געבליבן שטיל, ווי אַן אָפּגעשמיסענער.

אַ צווייט מאָל האָט ער קאַטעגאָריש געפאָדערט, איך זאָל אָן אָפּלייגענישן אויסגעפינען עטלעכע ייִדן, וואָס גרייטן סאַבאָטאַזש־אַקטן. זײַן דינע שטים האָט געגרילצט אויף גאָר הויכע טענער, אַז אָן די יודאָ־באָלשעוויסטן וואָס איך מוז אים צושטעלן, וועט ער ניט שטײַגן אין דינסט און ניט געהעכערט ווערן אין ראַנג.

האָב איך אים אײַנגעהאַמעוועט מיט אַ שווייצאַרישן האַנטזייגער. (פאַרשטייט זיך, אַז געווען איז עס איינער פון די געפונענע אין די ייִדישע זאַכן.) רײַנגאָלד האָט אין אַלץ פאַרגעסן, איז אויפגעשפּרונגען :

— כ׳האָב שוין לאַנג געטרוימט ! מײַן קעשענע־זייגער, אַן אַלטע דײַטשישע ציבעלע, איז אין גאַנצן קאַפּוט.

— דער פירער פאַרווירקלעכט אַלע אונדזערע טרוימען, — האָב איך אים, ווי שטענדיק, גוטברודעריש געקלאַפּט איבער דער פּלייצע. — לאָמיר אויסטרינקען...

— —

— איר האָט נאָך ניט דערמאָנט די הונשקעס, — באַ־מערקט קאַלט דער אויספאָרשער. — ניט אין געשפּרעך, ניט אין אָנגעשריבענעם... שרײַבט, און ניט שפּאָרעוודיק. איר וועט געפינען גענוג שטאָף. ער — אײַער אָפיציעלער שעף, און זײַן לעבנס־באַגלייטערין... דאָס פּאָרל האָט איר דער־נענטערט. אויפגעשטעלט קאָנטאַקטן...

אַ ווײַלע געשוויגן, אָנגעצונדן אַ פרישן ציגאַרעט, כאַפּט זיך דער דײַטש:

— זעט נאָר, אַלץ פאַרגעסן אײַך פאָרצושלאָגן אַ ציגאַרעט. דאָ בײַ מיר קאָנט איר פאַרציִען. ביטע.

— אַ שיינעם דאַנק. כ׳רייכער ניט.

— פאַרלירט איר פון לעבן ניט ווייניק. פון לעבן וואָס ווערט געגעבן איין מאָל, דאַרף מען געניסן. כ׳מיין, אַז אין דעם קומען זיך צונויף אונדזערע מיינונגען. און אויב אַזוי, דאַרפט איר זײַן מיט מיר אָפנהאַרציק, אַלץ אויסדערציילן, ברייט אַלץ באַשרײַבן. ס׳טזיך אײַך לוינען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און אַז אָסקאַר געפינט זיך ווידער אויפן האַרטן בענקל לעבן האַרטן טישל אין „זײַן" צימער, פאַלט אים אײַן, אַז ברונערס נאָמען, רײַנגאָלדס נאָמען זענען דערווײַלע ניט אויפגעשוווּמען. ווי זיי וואָלטן ניט עקסיסטירט. און זיך ניט באַוועגט אַרום זיי, אָסקאַרן און מאַרגין. קענטיק, אַז רײַנ־גאָלדס אָפּגעהיטנקייט האָט געהאַט אַ זינען. אײַ, וואָלט ער זיך „צעזונגען", ווען מען פאָדערט דאָס פון אים, איז אָסקאַר זיכער געווען, כאָטש קיין נאָטן פון וועלכע צו זינגען האָט ער אים ניט אַרײַנגעגעבן אין די הענט.

און ברונער? ער האָט גענוג פאַרשטאַנד צו שווײַגן. ליגט ערגעץ פאַרטײַעט און שווײַגט.

בלײַבן די הונשקעס — נעפּאָמוק און האַנעלאָרע. וועגן זיי ווערט פאַרלאַנגט... פון אים, אָסקאַרן, ווערט פאַרלאַנגט

גענוי צו שילדערן זייערע באַציִונגען צו אייגאַנדער, און ניט שפּאָרן קיין פּאַפּיר. נו, יאָ, וואָס מער אַ מענטש רעדט, וואָס מער ער שרײַבט, אַלץ מער פּאַרראַט ער זיך.

דערציילן, שרײַבן וועגן די הונשקעס. צי דען טאַקע זיי? און וואָס האָבן זיי געקאָנט „אויפזיינגען"? זיי האָבן זיך אַרײַנגעפלאָכטן אין זײַנעם און מאַרגיס גורל. אָבער אויך זיי האָבן ניט געקראָגן קיין שאַנס צו דערגראָבן זיך אין דער טיף. צי דען טאַקע זיי? צי דען האַנעלאָרע, די פּוריע? און ווער נאָך? אָסקאַר שטרענגט זיך אָן צו באַגרינדן די פּאַר־שיידענע חשדים און ס'שווימט אַרויף איבערן האָריזאָנט אַ זייער קלאָרער, מיט גאָר אַ סך דעטאַלן דער

מיראַזש וועגן די הונשקעס און אַנדערע — — —

ניכטער־קלאָר, דורך און דורך האָב איך, אָסקאַר גריק, זיי געזען, די הונשקעס און אַנדערע. פון געל־ברוינע וואַטע־נעפּלען, געל־ברוין ווי די עס־אַ־אוניפאָרם וואָס ער טראָגט, שיילט זיך אויס נעפּאָמוק הונשקע. האַלטנדיק זײַן דאַמע פּאַר אַ האַנט, פירט ער זי אַרויף אויף דער אַרענע פון מײַן לעבן. ער — אַ פּולבלעכער, מיט אַ בירבײַכל, זי — אַ נידע־ריקע, זייער דאַרע און פלאַכע ווי אַ ברעט, מיט אַראָפּהענגע־דיקע פּאַסמעס פלאַקסהאָר איבער אַ ווײַס לענגלעך פּנים, אויף וועלכן ס'ציטערן נערוועיִש צוויי אָנברעמיקע גרויע אויגן, רויטלעכע ווי בײַ אַ קראָליק. ביידע, הער און פראַו הונשקע, זענען דערשינען בײַ אונדז צירלעך־מאַנירלעכע, לאַקריץ־זיסע, ווי נאָכן אָפּטאָן אַ שמוציק שטיקל אַרבעט. ביידע — צופרידענע, וואָס זיי לעבן אין דער „נײַער" אָרדע־נונג און ווי זיי וואָלטן מיט זייער עקסיסטענץ באַגליקט די דאָזיקע, פונעם פירער אַראָפּגעבראַכטע אָרדענונג אויף דער ערד.

זיי האָבן זיך אײַנגענאַדיעט בײַ אונדז, אַרויפגעצוווּנגען

זייערע אָוונט־וויזיטן עטלעכע מאָל אין וואָך — אין באַ־שטימטע טעג, אין אַ באַשטימטער צײַט. שטענדיק פּינקט־לעך, שטענדיק אַקוראַט אָנגעטאָן, צוגעפּאַרפומירט, ווי וועלנדיק עמעצן געפעלן. הונשקע — אין זײַן זאָרגעוודיק אויסגעפּרעסטער ברוינער אוניפאָרם, מיטן האַקנקרייץ אויפן לינקן אָרעם, פלעגט שטראַלן. און פאַר וואָס דען ניט? ערשט איצט הייבט ער אָן געניסן פון לעבן. ער איז אַן אָנ־פירער, אַ פירער! גאָט האָט אים אַראָפּגעשיקט אַ גלענצנ־דיקן געהילף מיט אַ ווונדערשיינער פרוי, וואָס איז פרײַנד־לעך ביז גאָר, פאַרשטייט ווי אויפצונעמען געסט און מעגלעך, אַז מיט דער צײַט וועט זי אויך צולאָזן צו זיך... איר סער־ווירטער טיש! איר צוגעפּאַסט קלוג וואָרט צו יעדער סיטו־אַציע! איר פריי און זאַפטיק לאַכן, וואָס לאָזט איבער אַ זיסן שמייכל אין די גריבעלעך פון אירע באַקן און אַ שמע־קעדיקע הײַטערקייט אין דער לופט!

איך האָב באַמערקט, אַז נעפּאָמוק צעגייט אין מאַרגיס בײַזײַן, פאַרלירט זיך ווי אַ יונגער ליבהאָבער... נאָכן האָבן צו טאָן מיט דער אויסגעטריקנטער האַנעלאָרען, וואָס שטערט זיך ניט אַרויסצוויַזן איר אומגעדולדיקייט צו אים, און צו וועלכער ער האָט, ווי איך האָב פאַרשטאַנען, דעם מענערישן גלוסט פאַרלאָרן, איז מאַרגי אַן אָאַזיס אויף דער וואָר. אָט, אין מאַרגיס אָרעמס, מוז ער זיך טראַכטן, וואָלט אויפגעלעבט דער מאַנצביל אין אים, און געשווימט וואָלט דאָס פולע פאַרגעניגן פונעם נײַעם גליקלעכן לעבן, וואָס אַ דאַנק דעם פירערס געטלעכער אינספּיראַציע איז באַשערט די דײַטשן.

דאָס געשמאַקע עסן פלעגן מיר באַווירצן מיט פאַרשיידענע פלוידערײַען וועגן מענערשער און ווײַבערשער אומגעטרײַ־שאַפט; וועגן וועטער דאָ און אין אונדזערע היימישע ערטער. וועגן פּאָליטיק און דער לאַגע אויף די פראָנטן האָט מען

אויסגעמיטן לאַנג צו רעדן. מען האָט נאָר באַטאָנט די פּראָ־בלעם — ווו וועט דײַטשלאַנד נעמען אַזוי פיל מענטשן צו באַזעצן און פאַרוואַלטן מיט אַ האַלבער וועלט? די צענטראַלע טעמע פונעם גערייד איז געווען — ייִדן. דאָ קאָן מען קיין פּאָליטישע פעלערן ניט באַגיין, ווען מען האַלט זיך אין דער טעזע, אַז די ייִדן זענען דער אומגליק פון דער אַרישער ראַסע און גאָר דער וועלט...

אויך פּאָפּולערע אַנעקדאָטן וועגן ייִדן איז געווען אַן אַר־טיקל צו פאַרווײַלן די געזעלשאַפט. הונשקע האָט געהאַט אַ דיזשורנעם וויץ, פון וועלכן ער פלעגט קוועלן: „וואָס זענען דרײַ ייִדן און צוויי אַלטע האַנטקעזן?" און אַליין פאַרענט־פערן, פאַרקײַכנדיק זיך מיט געלעכטער: „פינף שטינקערס! אָליאַ־ליאַ!"

כ'האָב אָנגעטאָן מײַן שעף דעם פאַרגעניגן און מיטגע־לאַכט. אויך מאַרגי האָט אַרויפגעצווונגען אויף זיך אַ גע־לעכטער, אָבער געבעטן ניט צו באַנוצן קיין וווּלגאַר־געמיינע אויסדרוקן.

אַ צווייט מאָל האָט הונשקע ווידער געפרעגט, ווער זענען עס דרײַ ייִדן און פיר פרישע האַנטקעזן. מיר האָבן געמיינט, אַז עפּעס נײַעס שטעקט אין דער פראַגע און אָפּגעהאַלטן זיך פון פאַרענטפערן זי. האָט הונשקע פריידיק געמאָלדן, אַז דאָס זענען זיבן פרישע שטינקערס.

האַנעלאָרע איז בייז געוואָרן:

— וועסט אויפהערן מיט דײַנע נאַרישע אומפאַרשעמט־קייטן?!

אין איינעם אַן אָוונט, ווען אין געטאָ איז בײַ טאָג פאָר־געקומען עפּעס אַן אַרויספירעניש פון מענטשן, האָט הונשקע פײַערלעך אויסגערופן:

— זײַט וויסן, מײַנע דאַמען און הערן, אַז הײַנט האָט מען ווידער אָפּגערייניקט די לופט פון פינף הונדערט האַנט־

קעזן. אונדזערע מאַגאַזינען וועלן ווידער אָנגעפילט ווערן. מיר קאָנען בלויז אויסרופן: „הײַל דעם פירער!"

כ'האָב ניט געטאָרט אָפּשטיין און פלעג מוזן נעמען אַ וואָרט אויף ענלעכע „אַקטועלע" טעמעס.

אין אַ צײַטונגקיאָסק האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אַ בראָשור פון דער סעריע „וועגווײַזערס פאַרן דײַטשישן סאָלדאַט" מיטן טיטל: „ווי זאָג איך עס אויף פאַרשיידענע שפּראַכן". אין דעם אַרײַנפיר ווערט קאָנסטאַטירט, אַז דער דײַטשישער סאָלדאַט וואָס פאַרנעמט די וועלט, שטויסט זיך אָן אין אַ פאַרשיידן־שפּראַכיקער באַפעלקערונג. דאַרף ער וויסן ווי מיט איר זיך צו באַגיין. קיין גרויסע צערע־מאָניעס זאָל מען מיט די אָרטיקע אײַנוווינערס ניט מאַכן. מען דאַרף זיי הייסן קושן אין יענעם אָרט, און שוין. ווערט אין דער בראָשור אָנגעגעבן, ווי עס צו זאָגן אין צוויי און פופציק שפּראַכן.

נעפּאָמוק הונשקע האָט הילכיק געלייענט די איבערזע־צונגען פונעם דײַטשישן אויסדרוק „לעק מיך אַם אַרש" און באַזונדערש געפרייט זיך מיטן העברעיִשן טעקסט, וואָס ווערט געגעבן אין פאָנעטישן אויסלייג מיט גאָטישן שריפט: „לאַקעק לי עט האַטאַכאַט". און אַזש פריידיק אויסגערופן:

— ענלעך אויף דײַטש: לעק — לאַקעק. צי דען שטאַמט אויך העברעיִש פון דײַטש, אַזוי ווי יידיש? אָליאַ־ליאַ!

האַנעלאָרע פלעגט אָפט פאָרלייענען אירע אָנגעשריבענע, ווי זי האָט זיי גערופן, „יודן־פערזן". אָפט איבערגעחזרט די זעלביקע (קענטיק, ניט זייער פּראָדוקטיוו איז געווען איר מוזע). דאָס פאָרלייענען פלעגט מילדערן איר שטענדיק זויע־רע שטימונג.

יענער אָוונט איז געווען אַן אויסנעם. קוים איבערגע־טראָטן אונדזער שוועל, האָט האַנעלאָרע אַרויסגעכאַפּט פון דער טאַש אַ נײַעם נומער פון דער „וואָכנשריפט פאַר דער

וואַרהײַט" — „דער שטירמער" — און זיגעריש צו וויסן געטאָן:

— איר קאָנט מיר גראַטולירן! כ'האָב אַ סורפּריז: מען האָט אָפּגעדרוקט מײַנע דיכטונגען!

האַסטיק איז זי צו מיר צוגעגאַנגען און מיט קענטיקן פֿאַרגעניגן געוואַרט, כ'זאָל איר אויסטאָן דעם מאַנטל. באַלד איז זי אַוועק אין עסצימער מיטן „שטירמער" אין האַנט. קיינער האָט ניט באַוויזן צו פֿאַרנעמען זײַן שטענדיקן פּלאַץ בײַם סערווירטן טיש, און האַנעלאָרע האָט שטייענדיק געצוווּנגען אַלעמען אויסהערן אירע, אמת שוין פֿריִער ניט איין מאָל פֿאָרגעטראָגענע דאָ, אָבער איצט מיט אַ באַזונדערן פּאַטאָס אַרויסגעלייענטע פֿערזן, וואָס זענען געווען אָפּגע־דרוקט מיט אַ גאָר פֿעטן גאָטישן שריפֿט.

זי האָט געלייענט:

„די יודן מיט די קרומע פֿיס
קיין מאָל ניט „הײַל־היטלער!" גריס!
דער יודע לאָזט זײַן מויל ניט רוען,
דעריבער מוז מען אים אין דאַכאַו אַרײַנטוען!"

— ריכטיק! — האָט אויסגערופֿן נעפּאָמוק.

מיר האָבן אַלע געפּאַטשט בראַוואָ. אַן איבערגליקלעכע, אַ רויט אָנגעצונדענע, האָט האַנעלאָרע געוואָרפֿן צו מיר זיגערישע בליקן און הילכיק געלייענט ווײַטער:

„דער יודע איז אַ ראַסן־שענדער,
דעריבער האַסן אים אַלע לענדער!
דער יודע איז דעם טײַוול גלײַך,
דעריבער ברויכט אים ניט דאָס דריטע רײַך!"

— ריכטיק! — האָט ווידער אַקצעפּטירט נעפּאָמוק.

און ווידער האָבן מיר אַלע געפּאַטשט בראַוואָ.

מיט דער זעלבער אינטאָנאַציע וואָס פֿריִער האַנעלאָרע, האָב איך פּלוצעם אָפּגעדעקלאַמירט:

„ווער רעטן וויל דאָס דריטע רײַך,
דער מוז די יודן טייטן גלײַך !"

— אײַ, אײַ, דאָס זענען מײַנע גראַמען ! אַזוי איז ניט קיין קונץ ! — האָט האַנעלאָרע אומצופרידן־צופרידן מיר אויפֿגעוואָרפֿן און קאָקעטיש געטאָן זיך אַ רוק נענטער צו מיר :

— דאָס רופֿט זיך פּלאַגיאַט !

— פּלאַגיאַט ? ! כ׳שפּיר זיך באַליידיקט... — האָב איך געשפּאַסט, און האַנעלאָרע האָט געהאַט אַ געלעגנהייט מיך אָנצוכאַפּן פֿאַר אַ האַנט און בעטן אַנטשולדיקן. אַ טײַוול האָט זיך פֿריילעך צעטאַנצט אין אירע וואַסערדיק־גרויע אייגלעך און באַלד אַראָפּגעלאָזט איבער זיי פֿאַרשמאַכטע לעדלעך.

— איך שלאָג פֿאַר אויסצוטרינקען פֿאַרן געבורט פֿון אַן אָנערקענטער דיכטערין ! — האָב איך מיט אַ זשעסט פֿאַרבעטן אַלעמען צום טיש.

האַנעלאָרע איז געווען איבערגליקלעך. זי האָט געדרייט איר פֿלאַקסהאָריק קעפּל אין אַלע זײַטן און אויפֿגענומען מיט שטאָלץ און ווי אַ זעלבסט־פֿאַרשטענדלעכקייט די קאָמפּלימענטן, וואָס מיר האָבן איר ניט געקאַרגט.

נאָכן אָוונטמאָל פֿלעגן מיר זיך נעמען צום קאָרטנשפּיל. פֿאַרשטייט זיך, אַז געשפּילט איז געוואָרן דער דײַטש־נאַציאָנאַלער סקאַט. פֿאַרכאַפּט פֿון דער שפּיל, פֿלעגט האַנעלאָרע אַזש צעקריכן פֿון פֿאַרגעניגן : ווי ראַפֿינירט־קלוג איך מאַך מײַנע גענג און פֿון פֿאַרדראָס פֿלעגט זי אויפֿשפּרינגען, ווען צו ענד פֿלעג איך נאַריש פֿאַרשפּילן געלט צו נעפּאָמוקן. צו מאָל — קענטיקע סומעס. דעמאָלט פֿלעגט מיך האַנעלאָרע אָנכאַפּן פֿאַרן אָרעם, דריקן אים אַזוי, איך זאָל דערשפּירן די ברענענדיקע נאָדלען, וואָס גייען אַדורך איר לײַב. און אָנקוקן פֿלעגט זי מיך מיט אַ בליק, וואָס בעט פֿאַרגעבונג. צו נעפּאָמוקן פֿלעגן אירע ליפּן שיפּען עפּעס אומ־

דיַטלעכס. אויפגערעגט פלעגט זי צו וויסן טאָן, אַז דאָס לעצטע מאָל שפּילט מען אויף געלט.

ס'איז ניט געווען דאָס לעצטע מאָל, וואָס מיר האָבן געשפּילט און איך האָב פֿאַרשפּילט געלט צו נעפּאָמוקן. כ'פּלעג זי אַלץ באַרויִקן:

— איר מעגט מיר גלייבן, פֿראַו הונשקע, מיר טוט עס וויל. כ'בין צופֿרידן. קאָרטנשפּיל איז מײַן לײַדנשאַפֿט. לאָז איך זיך קאָסטן פֿאַר מײַן פֿאַרגעניגן...

געווונען געלט, פֿלעגט נעפּאָמוק אַ גליקלעכער זיך האַסטיק אויפהייבן פֿון טיש צו גיין אַהיים, ווי מורא האָבנדיק, ער זאָל דאָס געלט ניט אָנווערן. בײַם געזעגנען זיך פֿלעגט ער שטענדיק לאַנג האַלטן מאַרגיס האַנט אין זײַנער. גאָר ניט וועלן אָפּלאָזן. איין מאָל האָט ער זיך דערלויבט אַזאַ אַרויספֿאָר:

— הערט, הערשאַפֿטן! אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד וואָס מיר לעבן ניט אין מיטל־אַזיע. כ'האָב געלייענט, דאָרטן טרעט אָפּ דער גאַסטגעבער זײַן ווײַב אויף דער נאַכט פֿאַרן גאַסט. אויב דער גאַסט אַנטזאַגט זיך, איז עס אַ באַליידיקונג סײַ פֿאַרן גאַסטגעבער, סײַ פֿאַר זײַן ווײַב... אָליאַ־ליאַ!

נעפּאָמוק הונשקע האָט זיך צעלאַכט — שווער, דומפּ, ווי פֿון אַ פֿוסטער טון אַרויס.

האַנעלאָרע האָט אויפגעצאַפּלט ווי אַ ווערעמל, וואָס מען טרעט אים אָפּ דעם עק. אַזש גרין איז זי געוואָרן און געבעטן ניט צו נעמען פֿאַר אומגוט נעפּאָמוקס אומטאַקטישקייט. פֿאַר אַ האַנט האָט זי אים אַוועקגעשלעפּט צום אַרויסגאַנג.

אַ גוט אָנגעטרונקענער האָט נעפּאָמוק דאָס זעלבע איבערגעחזרט בײַם קומענדיקן מאָל אַהיימגיין און אַרומגעכאַפּט מאַרגין, וועלנדיק זי אַ קוש טאָן.

קוים אײַנגעהאַלטן איר צאָרן, האָט האַנעלאָרע געבעטן ניט צו נעמען ערנסט נעפּאָמוקס אַספּיראַציעס, ווײַל אַ העלד

איז ער בלויז מיטן שמוציקן מויל. אין בעט איז די זאַך פֿאַר אים אין גאַנצן ניט אַקטועל. זאָל מען עס וויסן! אָפּגעזאָגט עס זייער בייז, מיט גרימעניש און נקמה־דאַרשט, אַ צישע געטאָן אין נעפּאָמוקס ריכטונג „שווייַן!" און זיך גאַר קוויטשיק צעכיכיקעט, שטשירענדיק קליינע, שיטערע און צעקרימטע ציין.

איך האָב געפּרוּווט מילדערן די אַטמאָספער. צו וואָס זאָלן מיר ווערן אַרייַנגעמישט אין אַ פֿאַמיליע־קאָנפליקט ביי אַ הייליקן גערמאַנישן פּאָרל. כ׳האָב אָפּגעציטירט די באַוווסטע לעצטע שורות פון געטעס „פֿאַוסט":

> "Das Ewig-Weibliche
> Zieht uns hinan."

און דערגעבן:

— געוויס, אויב אַזאַ, ווי דער אַלטער קלוגער געטע, האָט פעסטגעשטעלט, אַז דאָס אייביק ווייַבלעכע ציט אונדז צו אָן אויפהער, וואָס קאָנען מיר, שטאַרביקע, טאָן? הער נעפּאָ־מוק הונשקע איז ניט שולדיק. אַזוי איז די מענערשע נאַטור און ניט אַנדערש.

מיר איז, ווייַזט אויס, ניט געראָטן אָפּצוּווייכערן האַנע־לאָרעס אויפגעבראַכטקייט, ווייַל נאָכן דאָזיקן אינצידענט האָבן די הונשקעס אַ גאַנצע וואָך ניט אָפּגעריכט ביי אונדז די טראַדיציאָנעל געוואָרענע וויזיטן. אין אַ וואָך אַרום האָט זיך אַלץ אומגעקערט צום אַלטן, ווי קיין זאַך וואָלט ניט האָבן פּאַסירט.

איין מאָל, זיך לאַנגווייַלנדיק בייַם שמועס וואָס האָט זיך ניט געקלעפּט, האָט האַנעלאָרע זיך פּאַרקוקט אויף מאַרגין. לאַנג געקוקט און ווי אַנטדעקנדיק אַ נייַעס, גענומען באַ־דויערן מאַרגיס ניט־נאָרדישן אויסזען. (צו זאָגן „ניט־אַרישן" האָט זי זיך אָפּגעהאַלטן, כאָטש געזוכט האָט זי אַראָפּצוזעצן מאַרגין און זיך אַרויפהייבן אין מייַנע אויגן.) געפרעגט האָט

לאַנעלאָרע, צי מען קאָן די שוואַרצהאָריקע, די טונקלהויטיקע אונגאַרן אונטערשיידן אויסערלעך פון די ייִדן. גערעגט מיט שאָדנפרייד און געוואַרט אויף אַן ענטפער.

— מיר, אונגאַרן, מאַדיאַרן, פאַר וועלכע מיר האַלטן זיך מיט רעכט, דערקענען באַלד אַ ייִדן. פאַר אונדז איז עס ניט קיין פראָבלעם, — האָט מאַרגי פריינדלעך געענטפערט. אַ גוטמוטיקער שמייכל האָט אַ שוועב געטאָן אויף אירע ליפּן, ווען זי האָט ווייטער דערקלערט: — אַ פאָרשטייער פון די נאָרדישע פעלקער, אַ גערמאַנער, אונטערשיידט עס שווער. נעמט די כינעזער, צי גאָר די נעגערס. אונדז דאַכט זיך, אַז איין מאַמע האָט געבוירן אַלע כינעזער, און אַז אַלע נעגערס שטאַמען פון איין שוואַרצער באַקפּאַרם. ווי גוט זיי אונטערשיידן אָבער איינער דעם צווייטן. פונקט ווי מיר, אַריער...

געפילט האָט מאַרגי, אַז ס'איז שוין צייט צו דעמאָנסטרירן מאַדיאַרישקייט דורך דער כיראָמאַנטיע־קונסט.

דאָס האָט אַרויסגערופן ענטוזיאַזם. דער ערשטער איז געווען נעפּאָמוק הונשקע, וואָס האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צום אָפּלייענען זיין צוקונפט. געוויס, ער איז נייַגעריק געווען צו הערן, וואָסערע גליקן דערוואַרטן אים נאָך אין לעבן. ניט קלענער איז געווען זיין באַגער, מאַרגי זאָל האַלטן זיין האַנט אין אירער. ס'איז אַ געלעגנהייט פון דערנענטערן זיך, פון אַריינקוקן מיט גאַרעניש אין די אויגן פון דער וווּנדערשיינער האַלב־מאַדיאַרין און זוכן אין זיי אַ צוזאָג...
ער איז אויפגעשפּרונגען פון באַגייסטערונג, ווען די „וואָרזאָגערין" האָט עפּעס געטראָפן פון זיין פאַרגאַנגענהייט. און געטראָפן האָט זי דאָס, וואָס האַנלעאָרע האָט איר ביי אַ געלעגנהייט פאַרטרויט: ער האָט געהאַט אַ פריִערדיקע פאַרדרייעניש מיט אַ פרוי, און ס'איז ניט זיכער, צי זיין פאָרמעלער אָפּשפּראָץ איז טאַקע פון אים... געווונען דערמיט

צוטרוי, האָט מאַרגי אויסגעלייגט דאָס, וואָס יעדערער וויל הערן וועגן זיך — אַז ער, נעפּאָמוק, האָט אַ גוטן כאַראַקטער, זוכט טאָן גוטס זײַנע מיטמענטשן. איז גרייט פאַר זײַן אידעע צו קעמפן ביז דאָס לעצט; איז געטרײַ אין לעבן און אין קאַמף; הערט אויס אַ צווייטנס מיינונג, איז פּאָלגעוודיק, באַשיידן...

וועגן דער צוקונפט זײַנער האָט זי זיך אויסגעדריקט אַבסטראַקט: עס שטייען וויכטיקע מערקצייכנס אויפן וועג... מעגלעך, אַ רײַזע... ענדערונגען צום גוטן... די זונליניע שטײַגט, הייסט עס אַן אויפשטייג... אין דינסט... מעגלעך, אַן אָפיציעלע אָנערקענונג, אַן אויסצייכענונג...

— אַן אײַזערנער קרייץ! — איז נעפּאָמוק אַן איבערגליקלעכער אויפגעשפּרונגען. זײַנע גרינלעכע אויגן פון אַ קאָטער וואָס לאָקערט אויף אַ קאַץ, האָבן זיך רויט אָנגעגאָסן און זיך פאַרצויגן מיט אַ בלוטיקער בעלמע. זײַנע נאַסע ליפּן האָבן זיך געעפנט אין האַסטיקן געמורמל: „אָליאַ־ליאַ, אָליאַ־ליאַ!"

נאָכן אַוועקגיין פון די הונשקעס פלעגט מאַרגי גאָר אָפּט אַרויסקומען מיט דער מיינונג, אַז ניט געדאַרפט האָבן מיר זיך אַרײַנלאָזן מיטן דאָזיקן פאַרפאַלק. אויך האָט זי ניט אויפגעהערט אויפצוואַרפן מיר און זיך, וואָס מיר האָבן זיך אָפּגעזונדערט פונעם שטאָם... די ייִדן לעבן טאַקע הינטערן שטעכלדראָט, זייער לעבן הענגט שטענדיק אויף אַ האָר, אָבער ניט אַלעמען וועט מען אומברענגען. איך, מיט מײַנע פעיִקייטן, וואָלט ניט פאַרלוירן געגאַנגען. און ווי ס'וואָלט געווען באַשערט, וואָלט געווען. פון אייגענעם פאַטום קאָן מען ניט אַנטלויפן. אָט — ווייניק זענען מיר געלאָפן! און ס'האָט ניט געהאָלפן. זי איז זיכער, מאַרגי, אַז מיט אונדז וועט עפּעס געשען, קוים האָבן מיר זיך פאַרפלאָנטערט מיט די דײַטשן און דינען זיי...

כ׳פלעג איר לאָזן זיך אויסרעדן און פלעג ענטפערן מיט זיכערקייט, אַז שלעכט וועט זיך ענדיקן מיט היטלערן, און מיר דאַרפן בלויז געווינען צײַט.

— מיד בין איך פון דײַנע דײַטשן, — האָט מאַרגי זיך באַקלאָגט. — אַ גליק וואָס ברונער האָדעוועט דאָרטן בײַ זיך אין דער שטיל זײַן מעטרעסע. ווען ניט, וואָלטן מיר אויך אים געהאַט פאַר אַ „שטאַמגאַסט". אַ צולאָג צו רײַנגאָלדן...

רײַנגאָלד פלעגט זיך אַראָפּלאָזן אַליין. אָפּגעהיט, קאָנ־ספּיראַטיוו, אַז קיינער זאָל אים ניט זען און ניט באַמערקן. שטענדיק איז ער געווען אָנגעשפּיצט. דערהערט אַ קלונג בײַם אַרײַנגאַנג, פאַרשווינדט ער דורך דער הינטערטיר. אַ לויב צו גאָט, וואָס די וווינונג האָט אַ הינטערטיר!

אויך ער פלעגט קומען ניט בלויז צוליב זײַן געהאַקטן רויפלייש און מאַרגיס אונגאַרישע געריכטן. דײַטשישער שנאַפּס און מאַרגי אַליין האָבן אים געצויגן צו אונדז ווי מאַגנעטן.

רײַנגאָלד פלעגט שרעקעוודיק אַרויפלאָזן אויף מאַרגין זײַן טעמפּן בליק, און דאָס קליינע פּנים זײַנס פלעגט זיך אײַנשרומפּן. ער האָט דעמאָלט שווער געשלונגען שפּײַעכץ און מיט אַ פול מויל גרויסע, אויף פאָרנט סטאַרטשענדיקע ציין פלעגט ער זוכן אין עפּעס זיך אײַנצובײַסן.

כ׳פלעג אים אונטעררוקן אַלקאָהאָל.

אַן אָנגעטרונקענער האָט ער זיך איין מאָל צערעדט:

— איר זענט טאַקע... כ׳וויל אײַך, גאָט באַהיט, ניט באַ־ליידיקן, מאַרגי... איר וועט מיר אַנטשולדיקן, וואָס ענלעך זענט איר צו אַ יודין. אָבער פאָרט ניט קיין יודין. די יודן דערקען איך אין מאָמענט. זיי האָבן אַ ספּעציפישן גערוך...

ער איז געווען שטאָלץ אויפן אַרויסגעבראַכטן פרעמד־וואָרט „ספּעציפיש". באַנוצן פרעמדווערטער באַטײַט, אַז מען איז געלערנט. ער פלעגט אָפט דעמאָנסטרירן זײַן באַ־

האַוונטקייט אין דער „ראַסן־לערע", און אויך דאָס מאָל האָט ער דערמיט געזוכט אַ גלאַנץ צו טאָן:

— איך בין באַשאָנקען מיט אַ באַזונדערער אייגנקייט. ביי מיר, אַ פאָרשטייער פון קאָנטראָלירט־ריינעם גערמאַנישן בלוט, דערוועקן ייִדן אַ ספּעציפישן ווידערווילן... ניט יע־דערער פילט עס...

מיר האָבן אים באַוווּנדערט, אָפּגעשאָטן מיט קאָמפּלי־מענטן און געלאָזט איינדרעמלען אויף דער ווייכער סאָפע אין עסצימער. דרעמלענדיק האָט ער געבלאָזן פון זיך, גע־פרייכט און געקריצט מיט די ציין.

ווי ס'פּאַסט פאַר אַ מאַדיאַרין, האָט מאַרגי אויך פאַר אים זיך אַנטפּלעקט ווי אַ „וואָרזאָגערין" און אים „אויס־געלייגט" די צוקונפט. ס'איז אים שטאַרק געפעלן און אָפּט פלעגט ער פאַרלאַנגען, זי זאָל אים „אָפּלייענען פון דער האַנט". געוואָלט האָט ער וויסן גענויער וועגן דעם וויכטיקן איבערבראָך אין זיין לעבן, וואָס דערוואַרט אים, לויט מאַרגין, ווייל די ווענוס־ליניע שטייגט מיט דערפאָלג...

— אוי, אָסקאַר, — האָט ער איין מאָל פאַר מיר זיך באַקלאָגט, און זיין פאַלצעט האָט געקלונגען ווייפּול־פּיש־טשעוודיק. — ווייסט דאָך מיין נישטיקע טועכץ... דו העלפסט מיר ניט שטייגן און אַלץ האַלטסטו פאַר זיך — דיין קלוג־שאַפט, דיין גליק, דיין ווייב... זאָג, ווי איז זי אין בעט? הייס, האַ? און מיר איז זאָגאַר פאַרבאָטן צו באַזוכן די אָפּיציעלע עפנטלעכע באָרדעלן פאַר דייטשישע מיליטער־לייט. וואָס זאָל איך טאָן, האַ? זאָג!... הער, וואָס מיר איז איינגעפאַלן — ווען דו פאַרשווינדסט... זאָגאַר אויף אַ קור־צער צייט און איך קריג אַריין מאַרגין... אין די אָרעמס, אין בעט...

— גיי, ריינגאָלד, שלאָפן. ניכטער זיך אויס. צו מיר דאַרפן באַלד קומען מענטשן, — האָב איך געזאָגט, און ס'איז געווען

געגוג אים אויפצוהויבן פון ערט און צווינגען אַוועקצוגיין.

פאַר מענטשן האָט ער זיך געשראָקן.

די מאַסקע לויפט מיט אירע גלעזערנע אויגן איבער אָס־קאַרס באַשריבענע בלעטער. לייענט אויס וועגן די אויפטוען פון דער אונטערנעמונג, וואָס איז געבויט אויף יידישן פאַר־מעגן און יידישער אַרבעטקראַפט, לייענט וועגן הונשקעס און אָסקאַרס צוזאַמענאַרבעט. עס איז דאָרטן אָפגעמערקט, אַז זיי האָבן זיך באַפרײַנדט, די הונשקעס מיט די גריקס. עס שטייט דאָרטן וועגן די וויזיטן בײַ אָסקאַרן אין דער היים.

קאַלט, פאַרגליווערט, ניט אַרויסווײַזנדיק קיין סימן פון אַ וועלכער ניט איז רעאַקציע, זיצט דער דײַטש פון יענער זײַט שרײַבטיש. פון דעסטוועגן האָט מען געקאָנט דערשפירן, אַז ער איז ניט שטאַרק צופרידן פון דעם אָנגעשריבענעם. צום סוף ברענגט ער עס אַרויס אָפן:

— ברייטער, ברייטער דאַרף מען...

— מוז איך ווײַטער פרווון. כ'וועל עס, — זאָגט צו אָסקאַר.

ער וועט עפּעס דערשרײַבן. מען דאַרף ציִען, געווינען צײַט. אמת, אויך די דײַטשן געווינען צײַט צו זוכן, צו פאָרשן. נאָר גוט, אַז עס ווערט נאָך עפּעס פאַרלאַנגט פון אים. ס'הייסט, אַז ער איז נאָך צו עפּעס נייטיק און מען וועט אים דערווײַלע ניט אַראָפּשאַרן פון דער שפּילברעט.

די געדולדשפּיל גייט ווײַטער אָן.

וואָס דערגיט מען? רײַנגאָלדן דערמאָנען? ניין! ברונערן? געוויס ניט!

בלײַבן די הונשקעס, די הונשקעס. און מיט זיי בינדן זיך פאַרלויפעניש, נײַע קאָמפּליקאַציעס, פײַנלעכע פּלאָנטער־נישן. און ניט געקוקט אויפן געפּלאָנטער, שטײַגט קלאָר און דײַטלעך אויף פון הינטערן האָריזאָנט דער

איך, אָסקאַר גריק, האָב געוווּסט: פון דער היגער געטאָ שלעפּט מען אָן אויפהער אַרויס מענטשן. די ייִדן האָבן זיך געטרייסט — אויף אַרבעט, אין אַרבעט־לאַגערן. איך האָב געוווּסט: ס'איז אויף אומקום. „מײַן" לאַגער, „מײַנע" ייִדן רירט מען ניט אָן. זיי געהערן צו אַ קריגסוויכטיקער אונטערנעמונג. דער פּראָסט ברענט שוין אין די פּאַרשנייטע רוסישע ווײַטקייטן, און די מיליטער־אינטענדאַנטן רײַסן אונדז פון די הענט אונדזער פּראָדוקציע. פון דער אַנדערער זײַט קריכט די געסטאַפּאָ פון הויט, וויל שוין ענדלעך ראַפּאָרטירן קיין בערלין, אַז די גאַנצע געגנט איז „יודנריין". קומען די מיליטער־לײַט און פאַרלאַנגען פּראָלאָנגירן דאָס לעבן פונעם רעשט „נוציקע" ייִדן...

האָט מיר רײַנגאָלד טאָקע פאַרטרויט, אַז די געסטאַפּאָ האָט באַוויליקט איבערצולאָזן צײַטווײַליק אונדזערע אַר־בעט־רעזערוון מיטן באַדינג, אַז די ייִדישע מענער זאָל מען סטעריליזירן, און די פרויען וואָס וועלן פאַרגיין אין טראָגן, — ליקווידירן.

כ'האָב באַלד געפונען אַ געלעגנהייט צו וואָרענען מײַן סימפּאַטיע — דעם שיינעם ווײַבל וואָס איז מאַרגיס אַ קאָפּיע פון אירער אַ יונגנט־פּאָטאָ, זי זאָל, גאָט באַהיט, ניט פאַרשוואַנגערן. און זי האָט געמיינט, אַז איך אייפער איר באַשערטן. בייז האָט זי אַראָפּגעלאָזט די אויגן, האַרטנעקיק פאַרפרעסט די ליפּן, עס זאָל פון זיי זיך ניט אַרויסרײַסן קיין שעלטונג אויף אַלע דײַטשן, מיך אַרײַנגערעכנט.

געוואָלט האָב איך זאָגן: „עד, ייִדישקע, ווען דו ווייסט"...

עפּעס אַ העכערן כּוח האָב איך זיך באַמיט צו דערווײַזן, אַז מײַן פּאָזיציע נוץ איך ניט אויס בלויז אין עגאָיִסטישע אינטערעסן. כ'האָב באַשלאָסן וואָס מער ייִדן אַרויסצו־

ראַטעווען פון אונטער דער האַק. אויפן גרונט פון די אַרײַנגעקומענע באַשטעלונגען האָט מען געקאָנט אַרויספּאָדערן נאָך מענטשן פון געטאָ און אָנפּראָפּן מיט זיי די ווינבלאָקן. ווען מען ראַטעוועט פון אַ זיך טרינקענדיקער שיף, לאָדט מען אָן די רעטונגשיפלעך ביז איבער די ראַנדן.

מען האָט געדאַרפט באַזאָרגן נײַע מאַשינען, פאַרזיכערן זיך מיט רוישטאָף, ווײַל דער רעזערוו פון ייִדישע פעלצן און זאַכן איז געווען בײַם אויסגיין.

דער געדאַנק אויסצובריייטערן זיך איז געפעלן געוואָרן ברונערן. אַזעלכע פּלענער בינדן צו פונקציאָנאַרן צום אָרט און מען פאַרשפּאָרט דעם פּראָנט. געקראָגן האָט ער בײַ מיר עטלעכע יוּוועליר־אַרטיקלען אויף „אָפּצושמירן" די „העכער שטייענדיקע", וואָס האָבן דעציידירט אין דער זאַך. ניט אויסגעשלאָסן, אַז ברונער האָט דעם גרעסטן טייל פון די ווערטזאַכן אַראָפּגעלאָזט אין דער אייגענער קעשענע. ס'איז אים אָבער געראָטן צו קריגן די דערלויבעניש צו פאַרגרעסערן אונדזער אונטערנעמונג און צו שיקן אַ פאָרשטייער קיין בערלין פון וועגן אָרדערס אויף נײַע מאַשינען און רוישטאָף.

ברונערס מיינונג איז געווען, אַז פאָרן זאָל איך און ניט דער האַלב־אידיאָט, ווי ער פלעגט אָנרופן הונשקען. האָט הונשקע קאַטעגאָריש געמאָלדן, אַז פאָרן וועט ער. דען ווער איז דאָ דער שעף — ער, דער אַלטער „פאַרטיי־גענאָססע" און פאַרדינסטפולער עס־אַ־מאַן צי איך, וואָס כ'האָב די ביטע אָנצוקומען אין פאַרטיי נאָך ניט באַוויליקט אָנצוגעבן?

כ'האָב גערן אײַנגעלאָזן דעם פאַרגעניגן פון פאָרן קיין בערלין און גענומען גרייטן די דאָקומענטאַציע און די מאַטעריאַלן, וואָס דאַרפן באַרעכטיקן אונדזער איניציאַטיוו. צווישן אונדזערע ייִדן האָב איך געפונען אַ גראַפיקער, און ער האָט אָנגעצייכנט דיאַגראַמען, טאַבעלעס, וואָס שפּיגלען

בילדעריש אָפּ די אויפטועו פון דער אונטערנעמונג און אירע מעגלעכקייטן אין דער נאָענטער פערספעקטיוו. צו דעם האָבן מיר דערגעבן אַ קאָמפּלעט פּאַטאָס פון די וואַרשטאַטן, צעכן און דער פּאַרטיקער פּראָדוקציע.

הונשקע האָט מיר פאָרגעשפּילט, ווי ער וועט רעפערירן און ראַפּאָרטירן אין די הויכע אינסטאַנצן. פאַרן זאָגן אַ וואָרט פלעגט ער אויסרייניקן די שטים, אײַנציִען דאָס בײַכל, פאַרריכטן דעם רימען. כ'האָב אים צוגעוווּנטשן דערפאָלג און געטאָן עס פון גאַנצן האַרצן.

געוויס, קיין מענטש ווייסט קיין מאָל ניט, פון וואַנען עס לאָזט זיך אויף אים אַראָפּ אַ בראָך.

עטלעכע טעג נאָך הונשקעס אָפּפאָר, באַגינען, האָבן קאָנוואָיִרן געבראַכט אונדזערע ייִדן צו דער אַרבעט. אין דרויסן האָט געשנייט און דער ווינטער איז אַרײַן אין זײַנע רעכט. די ייִדן זענען געווען אײַנגעקוטעט אין שמאַטעס, אַנדערע — איבערגעבונדן די לענדן מיט שטריק. כ'האָב געפילט, אַז ס'איז זיי ביטער קאַלט — פון דער קעלט און פון ניט־דערעסן. אַ טרייסט איז אָבער געווען — בײַ מיר זענען זיי פאָרט זיכער מיטן לעבן. ווי געוויינטלעך האָט מען די אָנגעקומענע אויסגעמושטירט, גענוי איבערגעציילט און צעפירט אין די צעכן גרופּקעס, גרופּקעס. איך קוק און ס'פאַלט מיר אײַן — ניטאָ מײַן סימפּאַטישע ייִדישקע. קום אַרײַן צו איר אין צעך. ניטאָ. וויל זיך נאָכפרעגן, וואָס איז דער מער, פאַלט צו מיר צו אַן עלטערער ייִד, אַ זייער אויסגעטריקנטער, מיט ציטערדיקע הענט. פאַלט צו צו מיר און צעכליפּעט זיך:

— גנעדיקער הער, איך, איך, איר פאָטער, בין שולדיק... צוליב מיר...

דער ייִד האָט גערעדט אַ קאָרעקטן דײַטש.

כ'האָב אים אָפּגעפירט אין אַ זײַט, קיינער זאָל אונדז ניט שטערן. און זיך דערוווּסט, אַז נעכטן פאַר נאַכט איז צו די

ווינבלאָקן פון אונדזערע ייִדן געווען אָנגעפּאָרן אויף זײַן מאַשין ברונער. אָפּגעוואַרט האָט ער די צוריקגעבראַכטע אַרבעטער אויף נאַכטלעגער און געגומען קאָנטראָלירן, צי זיי האָבן עפּעס ניט אַוועקגעשלעפּט פון די וואַרשטאַטן. קלאָר, אַז ניט געקאָנט האָט ער אַלעמען דורכטאַפּן. אויף דער טאָכטער פונעם ייִדן איז יאָ געפאַלן זײַן אויג, און געפונען האָט ער בײַ איר אַ ציגעלע פּוטער. ניט געהאָלפן האָבן אירע דערקלערונגען, אַז דאָס האָט זי געקראָגן פאַר איר שווער קראַנקן פאָטער, וואָס דאַרף אַ ביסל זיך שטאַרקן. דערויף האָט ברונער געמאָלדן, אַלע זאָלן הערן, אַז ער וועט ניט פרעגן און ניט פאָרשן, פון וואַנען זי האָט די פּוטער און מיט וואָס האָט זי באַצאָלט. ער וועט זי איבערגעבן אַהין, וווּ מען וועט אַלדאָס נייטיקע אַרויסבאַקומען...

— גאָט באַהיט, ניט, ניט געשאַ־אַ־כערט, — האָט דער ייִד זיך געשטיקט מיט אַ ספּאַזמאַטיש כליפּען. — באַקומען די פּוטער פון, פון אַ ליטווישן באַקאַנטן, פון אַן אַלטן גוטן פרײַנד. ניט געגנבעט, גאָט באַהיט, ניט ספּעקולירט. פאַר מיר געטראָגן האָט זי... גנעדיקער, גאָלדענער הער, ראַ־טעוועט!

כ'האָב באַלד געקלונגען צו ברונערן:

— וואָס ט'פּאַסירט דאָרטן בײַ די ייִדנבלאָקן נעכטן אָוונט?

— אָ, זאָ, גוט, געוויס, — האָט ברונער טרוקן אָנגעהויבן. — די ייִדן זענען פרעך געוואָרן. שלעפּן פּוטער! כ'האָב די טעג קאָנטראָלירט די ייִדישע באָד אין געטאָ. זיי וויסן: צו פעט זענען די ייִדנווײַבער! מען מוז פאַרקלענערן זייער שפּײַזנאָרמע. און דאָ שלעפּט זי פּוטער!

— פאַר איר קראַנקן פאָטער... מען האָט מיך אָקערשט אינפאָרמירט...

האָט ברונער מיך איבערגעהאַקט:

— אַזוי גאָר! פאַר אונדז דײַטשן גילט — קאַנאָנען אַנ־שטאָט פוטער, און די שמוציקע אונטערמענטשן געניסן פון לעבן, ווייסן ניט פון קיין פראָנט, פון רוסישע פרעסט, גייען ניט אָפּ מיט בלוט...

איך האָב געמוזט אונטערהאַלטן די דאָזיקע, אַזוי געררו־פענע, פאַטריאָטישע פּאָזיציע פון דעם אָ אויסוואָרף און זיך אַוועקגעלאָזט מיט אַ טיראַדע:

— געוויס, געוויס. עס וועט אונדז אַלעמען לײַכטער ווערן, ווען די וועלט וועט זײַן שוין אָפּגערייניקט פון דער יודענ־פעסט. אָבער אַזוי לאַנג ווי מיר פירן קריג, זענען נייטיק אַרבעטהענט. די נעכטיקע יודין מיט דער פוטער איז אַן ערשטקלאַסיקע ספּעציאַליסטין. האָט אויסגעפילט אַ זייער וויכטיקע אָפּעראַציע. גיי, געפין איצט אַ פאַרבײַט. צו וואָס דאַרפן מיר איבעריק קאָפּדרייעניש? זע, טו אַלץ און ברענג זי צוריק. ס'וועט זיך דיר באַצאָלן...

ברונער האָט זיך פאַרהאַלטן מיטן ענטפער. כ'האָב גע־מיינט, אַז די טעלעפאָן־פאַרבינדונג איז איבערגעריסן גע־וואָרן, און געזומען בלאָזן אין טרײַבל, שרײַען „האַלאָ, האַ־לאָ!" דאָ האָט זיך ברונערס שטים אָפּגעכאַפּט:

— הער אויס. מעגלעך, אַז דו האָסט געפילן צו דער שיי־נער יודין. איך נעם עס ניט פאַר אומגוט. אַלע זענען מיר מענער מיט שוואַכקייטן און כ'בין גרייט פאַר דיר צו טאָן... די זאַך, ברודער, איז קאָמפּליצירט. כ'האָב זי איבערגעגעבן, פאַרשטייסט דאָך וועמען... און ווער וויל מיט די דאָזיקע הערשאַפטן זיך אָנהייבן?

פון מײַן פראַקטיק בין איך איבערצײַגט געווען, אַז אַפילו היטלערן אַליין קאָן מען אונטערקויפן. בין איך אַרויס מיט אַ קאָזיר:

— ברונער, קום זאָפאָרט. פאַראַן עפּעס... ניט טעלעפאָ־ניש...

ער האָט פאַרשטאַנען מיט וואָס דאָס שמעקט, און איז באַלד געקומען אָנגעפאָרן.

כ'האָב אים אַרײַנגעפירט אין מאַגאַזין און געוויזן אַ ניט קיין אינווענטאַריזירטן פּרויענפעלץ פון קאַנאַדישן קאַראַ־קול און אויך אַ נאָט, ווו ס'זענען פאַרבאָרגן עטלעכע ברי־ליאַנטלעך. (אַן אַנדער פּאָר פון די טײַערע שטיינער האָב איך פריִער אַרויסגענומען פאַר זיך.) און געזאָגט האָב איך צו אים אולטימאַטיוו :

— דאָס אַלץ קאָן געשטעלט ווערן צו דײַן דיספּאָזיציע. און נאָך און נאָך... מוזט אָבער צוריקברענגען די יודין. איך פאַרלאָז זיך אויף דיר...

ברונער האָט זיך אָנגעכאַפּט — ער וועט פּרוּוון, ער האָט פאַרבינדונגען. ער וועט טאַקע די אַלע זאַכן גלײַך מיטנעמען און אָנבאָטן דעם פונקציאָנאַר, וואָס די יודין איז אין זײַנע הענט. ער מיינט, ברונער, אַז ס'וועט „קלאַפּן". זײַן באַק האָט אַ צוק געטאָן, ווי ס'וואָלט זיך פּאַר עפּעס דערשראָקן.

כ'האָב געציילט די טעג : איין טאָג, צוויי, דרײַ.

די ענלעכע אויף מאַרגין יידישקע איז ניט צוריקגעקומען. ברונער האָט זיך אַרויסגעדרייט פון אַ קלאָרן ענטפער, איז אַזש בייז געוואָרן, וואָס איך דריי אים דעם קאָפּ וועגן עפּעס אַ יידנויבע. וועט זײַן מיט איינער אַזאַ ווייניקער. פריִער צי שפּעטער, אַלע מוזן זיי דאָך פאַרטיליקט ווערן.

איך האָב געשווירן בײַ מאַרגיס לעבן, אַז ברונער וועט טײַער באַצאָלן, און פאַראַפּראַזירט אין די געדאַנקען זײַנע לעצטע ווערטער : „פריִער צי שפּעטער, וועסט פאַרטיליקט ווערן !"

און באַלד געהאַט די געלעגנהייט צו צעשטערן זײַן אידי־ליש לעבן.

אײַנגעשטעלט האָט זיך אויך אין די היגע קאַנטן אַ האַרטער, אַ קאַלטער ווינטער — מיט שנייען, ווינטן און

פרעסט. אויפן געמיט האָט געדריקט די ביטערע קעלט און די ביטערקייט פון דער סיטואַציע מײַנער. קענטיק, אַז אויך רײַנגאָלד האָט זיך קיין אָרט ניט געפונען אין דער קעלט, וואָס אַזאַ האָט ער קיין מאָל ניט געשפּירט ביז אַהער. נאָך הונשקעס אָפּפאָר פלעגט ער טאָג־טעגלעך קומען אין קאָנטאָר און אויף אַן אָרט געהאַט די גלעגנהייט אַרײַנצוקערן אין האָלדז פון די שאַרפע געטראַנקען, וואָס איך פלעג אײַנהאַנדלען אויפן שוואַרצן מאַרק, צאָלנדיק מיט פעלצהענטשקעס אָדער וואָלענע סקאַרפּעטן פון אונדזער פּראָדוקציע.

כ׳האָב פולשטענדיק געוווּנען רײַנגאָלדן. ער וואָלט פאַר מיר געגאַנגען אין פײַער און וואַסער. האָב איך זיך באַקלאָגט פאַר אים אויף די שוועריקייטן פון אָנפירן מיט דער אונטערנעמונג, וואָס אַרבעט אַזוי אָנגעשטרענגט פאַרן פראָנט. אין דער זעלבער צײַט — וואָס טוט ברונער, אַנשטאָט אונדז צו העלפן? פאַרנעמט זיך מיט אַן אומקלאָרער הור און שלעפּט פאַר איר און זיך פון די ייִדישע יוּוועליר־זאַכן, איידלשטיינער און טײַערע פעלצן. אַנשטאָט אונדז צו העלפן נעמט ער אַוועק אונדזערע בעסטע אַרבעטער און...

כ׳האָב געטראָפן אין פּינטל.

פון אָוונט איז רײַנגאָלד, ניט קיין געבעטענער, אַראָפּגעקומען צו אונדז אַהיים. אַן איבערגליקלעכער, האָט ער זיך פאַרכליניעט מיטן פאַרגעניגן: מען האָט בײַ ברונערן געמאַכט אַ הויזזוכונג און געפונען אַלץ וואָס ער, רײַנגאָלד, האָט אונטערגעזאָגט! געפונען אויך זײַן געליבטע — אַן אומקלאָר, אַ פאַרדעכטיק ווײַבספאַרשוין... ווידער אַ באַווײַז, אַז גערעכט זענען די פּרעטענזיעס פון דער געסטאַפּאָ צו דער עס־אַ, וואָס איז פריִער אָנגעפירט געוואָרן פונעם הורנזון רעם מיט זײַנע ייִנגלעך, און איצט ווייסט זי נאָר זיך צו פאַרשטעקן ווײַט פון די קאַמפן. ברונער איז שוין פאַרהאַלטן צו אַן אויספאָרשונג. אין בעסטן פאַל וועט ער

אָפּקומען מיט אַ קאָמאַנדירונג צום רוסישן פראָנט, מיטן קאָפּ אין פײַער אַרײַן !...

אַ גאַנצן אָוונט האָט רײַנגאָלד זיך באַלעקט מיט דער אָ געשיכטע, דערציילט און איבערגעדערציילט זי. ס'האָט איצט שטאַרק זיך געהויבן זײַן פּרעסטיזש אין די אויגן פון די „העכער שטייענדיקע" און זיכער איז ער, אַז ס'וועט אים קומען אַ העכערונג אין ראַנג. ווי נאָר מען וועט אים דער־געבן אַ פּירקאַנט, מעלדט ער זײַנע פאָרגעזעצטע, אַז צוגאָב־דינסט קאָן ער מאַכן אומעטום — שיסן ייִדן, אָנטיילנעמען אין אָבלאַוועס, אין הויזזוכונגען, נאָר ניט אין דער טאָפּל־וואַנט. און פאַרלאַנגט האָט ער פון מאַרגין, זי זאָל אָפּלייע־נען פון זײַן האַנט, צי דאָרטן זעט זיך טאַקע פאַר זײַן אויפ־שטײַג.

מאַרגי האָט באַשטעטיקט : יאָ, די יופּיטער־ליניע טיילט זיך איצט שטאַרקער אויס... רײַנגאָלד האָט געקוואָלן פאַר פרייד, געשטשירעט געלע פערדישע ציין, און זײַן קליינער קאָפּ אויפן לאַנגן האַלדז האָט זיך געצויגן אויף אַרויף, אַרויף.

פאַרגאָסן האָט ער זײַן פרייד מיט אַלקאָהאָל.

כ'בין געווען זיכער, אַז ברונער וועט אין דער געסטאַפּאָ ניט „זינגען". וועט ער דען וועלן זיך פאַרוויקלען מיט אַזאַ אומקלאָרן פאַרשוין, ווי איך האָב אויסגעזען אין זײַנע אויגן? וועט ער דען וועלן, מען זאָל נישטערן אויך בײַ אים אין דער היים, אין עסטרײַך ? און ווײַל איך בין אין אַ געוויסער מאָס געלעגן אין זײַנע הענט צוליב דער געשיכטע מיט די „פאַרלוירענע" פערזענלעכע דאָקומענטן און מיט די דופּלי־קאַטן, האָט ער, אָן צווייפל, זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז איך האָב געבראַכט צו זײַן אַרײַנפאַל.

אין פלוג וואָלט מען איצט געדאַרפט לויפן, וווהין די אויגן טראָגן. דער סיגנאַל צום סטאַרט איז געגעבן געוואָרן.

אַזוי האָט געלערנט די געזונטע לאָגיק. וווהין קאָן מען אָבער אַנטרינען? אַלץ איז פאַרשטעלט. אויך פאַר אַ לויפן בלינד־דערהייט. בלײַבט איין אויסוועג — לאָזן זיך ווײַטער דרייען אין דער קאַרוסעל, וואָס האָט מיך פאַרכאַפּט, און פאַרלאָזן זיך אויפן גליקלעכן צופאַל. פאַרלאָזן זיך ווײַטער אויף די נאַראָנים און לעקישן, אָן וועלכע די וועלט קאָן ניט אויסקומען און וואָס האָבן ביז איצט מיר אויסגעשטרעקט אַ האַנט.

כ'האָב זיך ווײַטער געדרייט אין דער קאַרוסעל. ניט אין ווינער פּראַטער, נאָר ערגעץ אין דער קאַלטער פרעמד, צווישן פרעמדע און פײַנדלעכע מענטשן, צווישן דײַטשן... אַ „ניט־אַריער" צווישן „ריינראַסיקע איבערמענטשן", וואָס פאַרגיסן בלוט און עסן רויפלייש צו שטאַרקן זייער גערמאַנישן גײַסט, און וואָס פאַרמעסטן זיך צו באַהערשן די וועלט. און איך, אַ ייִד פון געבורט, העלף זיי דערין.

קיין אויסוועג איז ניט געווען. פון דעסטוועגן האָב איך זיך ניט געוואָלט פאַרוויגן אין זיסע טרוימען, און גאַנצענע טעג האָט מיך ניט אָפּגעלאָזט דער דראַנג צו זוכן אַן אויסוועג — לויפן, אַנטלויפן, אַנטרינען. כ'בין געזעסן אויף הונשקעס שטול בײַם שרײַבטיש מיט דעם אָ אָנגעדראָלענעם אין מיר אומגעדולד־געפיל, ווען ס'האָט אַ קלונג געטאָן דער טעלעפאָן. אין טרײַבל איז געווען האַנעלאָרעס שטים:

— האַלאָ, אָסקאַר! ליבער אָסקאַר, נעכטן אָוונט האָט נעפאָמוק טעלעפאָנירט. פון בערלין. פאַראַן וויכטיקע און זייער דרינגענדיקע נײַעס... ס'איז ניט טעלעפאָניש... מוזט אַריבערקומען... איך שפּיר זיך ניט אין גאַנצן... כ'וואַרט, אָסקאַר... מיט אומגעדולד...

מיר איז אויפגעפאַלן דער ציטעריק־פאַמיליאַרער טאָן, דאָס פּלוצעמדיקע דוצן מיך. כ'האָב איבערגעטראַכט, געאַנט עפּעס און אַוועק.

אויפגענומען האָט זי מיך אַן אויסגעפּוצטע, אַן אָנגע־פּאַרפומירטע, אָבער אַ מאָדנע אומרויִק־אָנגעשפּאַנטע. אַרויפ־געצווונגען אויף זיך אַ שמייכל און זיך פונאַנדערגעלאַכט, צופאַלנדיק צו מיר:

— אַזאַ גאַסט! אַזאַ גאַסט! ביטע, ביטע, טו אויס דעם מאַנטל. אין שטוב איז וואַרעם. כ'האָב געזאָרגט דערפאַר. און פיל זיך פריַי...

ווידער דאָס דוצן מיך.

כ'בין אַריַין אין סאַלאָן נאָך איר. וואָס אַזוינס האָט זי מיר איבערצוגעבן?

זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער בונט־רויטער פּליו־שענער סאָפע, אומדרייסט פאַרבעטנדיק מיך פאַרנעמען אַ פּלאַץ לעבן איר. אויפן טישל ביַי דער סאָפע איז געשטאַנען אַ פלאַש עכטער מאַלאַגאַ־וויַין (זי האָט געדענקט: ביַי אַ געלעגנהייט האָב איך געזאָגט, אַז ס'איז מיַין ליבלינגוויַין). לעבן דער פלאַש — אַ פּאָר קרישטאָלענע בעכערס, אַ זיל־בערנע שאָל מיט מאָן־פּלעצלעך און אַנדערע זיסיקייטן, אַ שאָל מיט ניס.

איך האָב געטאָן צו ליב האַנעלאָרען, אויסגעטרונקען אַ פולן בעכער פונעם האַרב־זיסן וויַין, פאַרביסן מיט אַ פּאָר ניס און געוואַרט צו הערן, וואָס האָט זי מיר צו אינפאָרמירן. ס'איז מיר ניט געפעלן די סיטואַציע און מער ניט געוואָלט פאַרציִען:

— כ'בין שטאַרק נײַגעריק. וואָס אַזוינס האָט נעפּאָמוק איבערגעגעבן?

— בלויז דאָס קימערט דיך? — האָט האַנעלאָרע קאָקע־טיש מיך געדוצט און אָנגעכאַפּט מיַינע אַ האַנט. איר האַנט האָט הייס געפיבערט. אויפגערייצט און מאָדנע גיפטיק האָט זי אַרויסגעציִשעט: — און אַז לעבן דיר זיצט אַ פרוי, וואָס גייט אויס...

ניט שווער געווען צו פאַרשטיין, וואָס זי איז אויסן. כ'האָב באַפרייַט מיַין האַנט פון אירער. און זי האָט אַ ברענענדיק־אָנגעצונדענע אויסגערופן:

— נעם מיך אַרום, אָסקאַר! דאַרפסט זיך ניט קווענקלען. אין מיר פליסט שווער אַלעמאַניש בלוט! האָב מיך ליב און טו מיך אויס! טו מיך אויס!

און וויַיל איך בין געבליבן זיצן אַ געפּלעפּטער, האָט זי פונאַנדערגעשפּיליעט איר קאָפּטל, פיבערדיק עס אַראָפּגע־וואָרפן פון זיך. אַנטבלויזט אירע מאָגערע הענט, אַ שטיק בלוי־געלבלעך טרוקן לייַב, אָפּגעשאָטן מיט זומער־שפּרענ־קעלעך.

איך בין ניט געווען קיין פרויען־יעגער. אויך רייצנדיקערע און וויַיבלעכערע פון האַנעלאָרען האָבן מיך ניט געלאָקט. מאַרגי איז געווען די ערשטע און איינציקע פרוי אין מיַין לעבן. מעגלעך, אַז די סיבה דערפון איז געלעגן אין אַ קאָמישן עפּיזאָד. ריַיף געוואָרענע ייִנגלעך זענען מיר געווען, און יע־דערער פון אונדז האָט געוואָלט דעמאָנסטרירן מענעריש־קייט. אויך איך האָב זיך פאַרמאָסטן, אַריַינגעכאַפּט זיך אין אַ שאַנדהויז. אַן עלטערע, שטאַרק אָנגעפּאָרבענע מומע האָט מיך אויפגענומען און געפרעגט ווו איז מיַין געלט. כ'האָב אַרויסגענומען אַ באַנקנאָט. האָט זי אים צוגענומען און געוויזן אויפן אַרויסגאַנג:

„גיי, ייִנגעלע, צו דער מאַמען. סט'קומען, אַז סט'עלטער ווערן"...

איך בין מער ניט געקומען.

און איצט — ווי אַ קינד האָב איך געשטאַמלט צו האַנע־לאָרען:

— ווי קאָן איך... קעגן מיַין בעסטן פריַינד נעפּאָמוק...

— אַן אידיאָט איז ער! אַ טויגעניכץ! — האַנעלאָרע האָט געציטערט, אַן אָנגעצונדענע, און וויַיטער זיך אויס־

געטאָן. — אָסקאַר, האָב מיטלייד, איך גיי פון זינען אַראָפּ! כ'האָב דיך ליב... און גיי אויס...

אויף דער רויטער פּליושענער סאָפע איז געבליבן ליגן אַ גרין־בלוילעכער זאַק פון הויט און ביינער מיט צוויי שוואַרץ־ברוינע וואָרצלען אַנשטאָט בריסט. דאָס קליינע פּנים מיטן צעשאָטענעם פלאַקס אַרום אים, מיט די צוגעזשמורעטע אויגן און פאַרפּרעסטן מויל, האָט ווי צונויפגעצויגן די עפע־נונג פונעם זאַק...

— גנעדיקע פראַו הונשקע, — האָב איך קוים אַרויסגע־בראַכט, — אונטן וואַרט אויף מיר אַ דראָשקע. בייזע צינגער וועלן צעטראָגן... מען וועט אונדז באַרעדן...

— זאָל מען! עס זאָל נאָר האָבן אַ גרונט! צעדריק, צע־קוועטש מיך!

— איר זענט קראַנק? — האָט זיך אַרויסגעכאַפּט ביי מיר.

— יאָ! ליבעסקראַנק!

— איר האָט אַ מאַן, — האָב איך געפּרוווט רעדן צו איר געוויסן.

— אַ ליגן! איך האָב ניט קיין מאַן! איך האָב נאָר אַ געליבטן — דיך, דיך! — אַ נאַקעטע האָט זי זיך אַ הייב געטאָן מיט אויסגעשטרעקטע הענט צו מיר.

אַן איבלעניש האָט מיך אַרויסגעשטויסן פון צימער. כ'האָב פאַרקלאַפּט הינטער זיך דעם פראַנצייזישן שלאָס פון דער אַריינגאַנג־טיר.

אַריינגעפאַלן בין איך אין דער קעלט פונעם ווינטערדיקן דרויסן אָן דעם הוט, מיטן פאַרכאַפּטן אין איילעניש מאַנטל אין האַנט. כ'האָב זיך אויסגעגליטשט און באַלד ניט געבראָכן דאָס געניק. בין געבליבן שטיין צוגעפראָרן צום אָרט און פאַרשטאַנען, אַז איצט האָב איך זיך איינגעשאַפּט אַ געפער־לעכן פיינד. באַליידיקטע ליבע־קראַנקע און אומבאַפרידיקטע פרויען זענען געפערלעך. ווי וועט אויסזען האַנעלאָרעס

נקמה? זי האָט שוין אַ מאָל אָנגעטײַט אויף קלאַנגען, וואָס גייען אַרום וועגן מיר און מאַרגין...

ווי איך שטיי אַזוי אַ פאַרלוירענער, אַ באַפּאַלענער פון גאָר שלעכטע געפילן, גייט מיך עמעצער פאַרבײַ. דער דרוקער! זײַן קײַלעכיק, זײַן פאַרטרונקען פנים שעמערירט מיך פאַר־בײַ. שוין געהאַט אים פאַרגעסן, און דאָ... פאַרוווּנדערט קוקט ער מיך אָן, וואָס איך בין אָן אַ הוט, מיטן מאַנטל אין האַנט, שטיי אַזוי אין דער קעלט, אינעם שניי, וואָס האָט גענומען שיטן. אינסטינקטיוו פאַרנעם איך זיך צו דער וווּנונג פון די הונשקעס — נאָכן הוט, צי גאָר — איבערצו־בעטן האַנעלאָרען...

נאָך מיר כאַפּט זיך אַרײַן אין טרעפּנהויז דער דרוקער און צעבינדט די אַראַגאַנטע צונג זײַנע:

— מיר דאַכט, מיר גייען אין זעלבן אַדרעס... כ'ווייס שוין דעם אַדרעס פון דײַן שעף... אַ צופאַל פון גאָט... נאָך ניט שפּעט, קאָנסט נאָך די זאַך צורעכט מאַכן...

האָט עס מיך אַ קערעווע געטאָן צום דרויסן, טרעף אַראָפּ. כ'האָב בלויז באַמערקט, ווי דער דרוקער קוועטשט דאָס גלעקל צו די הונשקעס.

דאָס האָב איך געלײַגט, אַז עס וואַרט אויף מיר אַ דראָש־קע. צו פוס האָב איך זיך געשלעפּט און מיט אַ פולן קאָפּ שווערע גֿעדאַנקען. ווען איך לאָז ניט איבער האַנעלאָרען אַזאַ, וואָלט זי געשיקט דעם דרוקער צום טײַוול. זי פלעגט אויף מיר ניט לאָזן קיין שפּרענקעלע פאַלן. איצט וועט דער שאַנטאַזשיסט דערגיסן אייל צום פײַער.

כ'האָב אַרויפגעצוווּנגען אויף זיך רו און פונאַנדערגעטריבן בייזע געדאַנקען. דען וואָס איז דאָס טראַכטן, סײַ ווי ווייסט מען קיין מאָל ניט, פון וואַנען קריגסט דעם קלאַפּ.

קוים באַוויזן אַרײַנצוקומען אין קאָנטאָר פון דער אונ־טערנעמונג, אַז ס'צעקלינגט זיך דער טעלעפאָן. כ'נעם אַראָפּ

דאָס טרײַבל — אַן איבערראַשונג: נעפּאָמוק הונשקע!

— פון בערלין? — פרעג איך.

— דערמאָן מיר ניט בערלין, — האָט ער בייזלעך אַ זאָג געטאָן. — אָקערשט צוריקגעקומען. פאַר דער צײַט. פריִער ווי אויסגערעכנט. בלויז שאַנד געהאַט דאָרטן. ס'איז אַ געשפּרעך ניט דורכן טעלעפאָן. כ'קלינג צוליב אָט וואָס...

ס'גייט אַוועק אַ געשיכטע, ווי ער איז אָנגעפאָרן פון בערלין און נאָך מיטן טשעמאָדאַן אין האַנט געטראָפן בײַם אַרײַנגאַנג צו זיך אין שטוב עפּעס אַ היגן פּאָליאַק, וואָס זאָגט, אַז ער קלינגט שוין לאַנג און קיינער עפנט ניט. עפנט ער, נעפּאָמוק, די טיר מיט זײַן שליסל. דער פּאָליאַק — נאָך אים, און ברײַעט אין אַ געבראָכענעם דײַטש וועגן עפּעס יודנשײַנען, וואָס איך, אָסקאַר גריק, זאָל האָבן באַשטעלט. פון סאַלאָן האָט זיך דערטראָגן צו אים, הונשקען, האַנעלאָרעס יאָמערן. לאָזט ער שטיין דעם אומגעבעטענעם גאַסט און לויפט צום ווײַב. טרעפט זי אַ נאַקעטע אויפן דיוואַן, אַ האַלב צוגעדעקטע מיט איר קליידל און וויינען טוט זי, כליפּעט. פרעגט ער, וואָס איז געשען. ענטפערט זי מיט אַ נאָך שטאַרקערן אויסבראָך פון געוויין. פרעגט ער, צי זאָל מען רופן אַ דאָקטער, נעמט זי זיך צאַפּלען און שרײַען, אַז קיינער דאַרף זי ניט און טרײַבט אים, נעפּאָמוקן, פון זיך מיט היסטערישע קוויטשערײַען. דערמאָנט ער זיך, נעפּאָמוק, אינעם פּאָליאַק, גייט צו אים אַרויס, שיקט אים צו מיר, וואָס איך האָב צו טאָן מיט אַלע געשעפטן פון דער אונטערנעמונג, און דאָ, אין אַ פּריוואַטער שטוב, זאָל ער קיינעם ניט דרייען דעם קאָפּ.

פאַרענדיקט האָט נעפּאָמוק דערמיט, אַז ער וועט מאַכן אָרדענונג אין שטוב, וועט זיך אויסרוען און מאָרגן קומט ער גלײַך אין דער פרי צו דער אַרבעט. וועט אָפּגעבן אַ באַריכט, וועט דערציילן... ער האָט נאָר באַוויזן אין טעלעפאָן

צו זאָגן, אַז איך מיט מײַנע ייִדן האָב אים געמאַכט צו שאַנד און צו שפּאָט...

אָפּגעוואַרט אַ ביסל, האָב איך אָנגעטעלעפאָנירט צו די הונשקעס. אויפגעהויבן דאָס טרײַבל האָט די בלאָנדע בע־סטיע. און דאָס בין איך אויסן געווען.

— איר זעט, אַ גליק, — האָב איך אָנגעהויבן, — כ'האָב אַזעלכע פאָרגעפילן... איך דערשפּיר... גאָט האָט אונדז אויס־געהיט... און נעפּאָמוק? שלאָפט נאָך דער רײַזע? כ'האָף אַז ער האָט ניט באַמערקט מײַן פאַרגעסענעם הוט. פאַר־געסט אים איצט ניט צו פאַרשטעקן...

האַנעלאָרע האָט ניט געענטפערט. זיך צעיאָמערט און אַוועקגעלייגט דאָס טרײַבל.

אומגעדולדיק האָב איך געוואַרט אויף הונשקען מיטן באַריכט וועגן זײַן וואָיאַזש.

צו מאָרגנס אין דער פרי איז ער געקומען אַ פאַרכמורעטער. כ'בין געווען זיכער, אַז ער ווייסט ניט פון מײַן וויזיט בײַ זײַן פראַו, ניט באַמערקט אינעם הו־האַ מײַן קענטלעכן קאַפּעליוש מיט דער גרינער פעדער, און האַנעלאָרע האָט אים דערנאָך באַהאַלטן.

הונשקע איז מיך באַלד באַפאַלן:

— דײַנע אידעען! און אַלץ דײַנע ייִדן! האָבן צו טאָן מיט זיי... קלאָגן ברענגט עס און מער גאָרניט! שטעל זיך פאָר: אַ הויפּט־שטורמבאַנפירער האָט אויף מיר געשריִען און מיך אָנגערופן „אייזל״! צו קומען און ברענגען באַווײַזן, אַז ייִדן זענען צו עפּעס פּעיִק, ווען מיר ווייסן, אַז זיי זענען אונטערמענטשן, פּאַראַזיטן, פּיאַווקעס, פוילע לודערס, פון וועלכע מען דאַרף וואָס גיכער זיך באַפרײַען.

דאָ גייט אַוועק אַ לעקציע פון דעם, וואָס מען האָט הונ־שקען אָרײַנגעהאַקט אין קאָפּ דאָרטן אין בערלין, אַז די ייִדן זענען גאָר קיין מענטשן ניט. דײַטשישע ביאָלאָגן האָבן

דערוויזן, אַז דאָס בלוט, די קעמערלעך און געוועבן פון ייִדן זענען אין גאַנצן אַנדערע ווי בײַ די אַריער. די ייִדן האָבן אַנדערע ביינער און אַן אַנדערן געדאַנקען־גאַנג ווי די אַרישע פעלקער האָבן...

מען האָט געדאַרפט באַוווּנדערן, ווי הונשקע האָט דאָס אַלץ אַרײַנגעפּאַקט אין זײַן טעמפּלעך־באַשרענקטן קאָפּ. אויסגעשעפּט די פּאָסטולאַטן פון דער נאַצישער „ראַסן־לערע", האָט ער זיך צעקאָכט:

— דאָרטן זענען געלערנטע לײַט, קומען מיר, גאָרנישטן, און ווילן דערווײַזן, אַז זיי טוען עפּעס אויף, די ייִדן. ווו איז אונדזער ראַסן־באַוווּסטזײַן? אָליאַ־ליאַ! ניט אומזיסט האָט געשריִען דער הויפּט־שטורמבאַנפירער, אַז בלויז טיפן, אין וועמענס אָדערן עס פליסט ייִדיש בלוט, קאָנען קומען אויף אַזעלכע געדאַנקען, ווי מאַכן דיאַגראַמען, אויפשטעלן טאַבעלעס און פּאָטאָ־מאָנטאַזשן. אַז אין מיר פליסט ריינ־ראַסיש בלוט, האָב איך אויף דעם דאָקומענטן. און דו? האָסטו דײַן גענעאָלאָגישן שטאַמבוים? איין טרייסט — זיי האָבן דאָרטן אין בערלין אונדז באַפוילן „ווײַטער מאַכן" און שטרענג זײַן צו די ייִדן, ווײַל זייער ענד איז באַשטימט: זיי מוזן אויסדאַמפן!

— געוויס מוזן די ייִדן אויסדאַמפן, — האָב איך צוגע־שטימט. — אָבער דערווײַלע גייט מיר אָן דער זיג פון אונדזער דײַטשישן וואָפן!

— כ'האָב נאָך ניט געענדיקט! — איז הונשקע אויפגע־קאָכט געוואָרן. — ווער איז דאָ שעף — איך צי דו? איז הער אויס. איך האָב מיטגעבראַכט פון בערלין אַ שטרענג געהיימע באַשטעלונג. מיר אַליין האָט מען עס אָנגעטרויט...

ער האָט זיך צוגערוקט צו מײַן אויער און סאָפּענדיק אַרײַנגערוימט:

— אַ פעלץ פאַרן פירערס געליבטע... איך האָב די מאָסן.

מען האָט זאָגאַר אָנגעגעבן איר כאַראַקטער. סעקסועל — קאַלט. פאַרשטייסט, דער פעלץ זאָל פּאַסן צום כאַראַקטער, האָט מען מיר אָנגעזאָגט. וועסטו שוין וויסן, ווי ער דאַרף אויסזען? וועסטו וויסן, ווי צו דערקלערן אונדזערע פעלצ־נייערס? אַן עקסקלוזיוון פעלץ, געדענק איך, האָבן מיר אין אונדזער מאַגאַזין. באַהאַלטן, ווי דו האָסט פּאָרויסגע־זען, אויף אַ נויטפאַל.

— מיר האָבן אים שוין ניט, — האָב איך מיט שאָדנפרייד צוגעטראָגן די נייַעס. — ברונער האָט אים אַוועקגענומען.

איז הונשקע אויפגעשפּרונגען, ווי עמעצער וואָלט אים אַרייַנגעשטאָכן אין געזעס:

— ווי נאָר איך פאָר אַוועק, אַזוי גייט עס מיט דער פּוטער אַראָפּ! כ'וועל זיך ווענדן אין געסטאַפּאָ און אַרויס־פּאָדערן דעם פעלץ!

— די באַשטעלונג איז שטרענג געהיים, אַ־יאָ? ווילסטו האָבן צו טאָן מיט יענעם אַנשטאַלט? — האָב איך אַ ביסל אָפּגעקילט זייַן קוראַזש.

— זעסטו, דאָס איז מיר ניט אייַנגעפאַלן. דעריבער האָב איך דיך פאַר אַ געהילף, זאָלסט מיר אונטערזאָגן, — האָט הונשקע, אַ געהאַמעוועטער, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף זייַן שטול — כ'פאַרלאָז זיך אויף דיר פולשטענדיק!

כ'האָב ניט פאַרלוירן קיין צייַט. אַוועק צום מייַסטער פון אונדזערע פעלצנייערס און אים דערקלערט, אַז ס'איז נייטיק פון אונטער דער ערד צו קריגן אַ דאַמענפעלץ, נאָר עפּעס עקסטראַ מוז עס זייַן. ס'איז אַ פראַגע פון עקסיסטענץ פון דער אונטערנעמונג, פון די געשיצטע ייִדן אין די בלאָקן...

דער ייִד האָט באַלד אָנגעוויזן אַ ליטווינער, ביי וועמען ער האָט פאַרן גיין אין געטאָ איבערגעלאָזט גאַנצע דריי ערשטקלאַסיקע דאַמענפעלצן. טאַקע וואָס עקסטראַ הייסט! דאָ ניט לאַנג האָט ער, דער ייִד, דורך אַ געלעגנהייט געבעטן

דעם ליטווינער פֿאַרקויפֿן אַ פּעלץ און פֿאַרן געלט באַזאָרגן אַ ביסל שפּײַז פֿאַר אים און אויך מעדיקאַמענטן פֿאַר זײַנעם אַ קראַנקן קינד. די אָפּציעלע „ראַציאָן" איז דאָך אַ הונגער־נאָרמע. האָט דער ליטווינער געענטפֿערט, אַז די דײַטשן האָבן די פּעלצן קאָנפֿיסקירט...

כ'האָב פֿאַרשטאַנען, אַז דער ליטווינער ליגט. אויפֿגענומען דעם געטרייעם אַדרעס זײַנעם, האָבן מיר מיט הונשקען באַשלאָסן אים אַ נעם צו טאָן. הונשקע — אין פּולער עס־אַ־אוניפֿאָרם, איך — אין מײַן פֿרײַערדיקער אײַזנבאַן־אוני־פֿאָרם, זענען מיר ביידע געפֿאָרן דורכצופֿירן די אַוואַנטורע. הונשקע איז געווען באַגײַסטערט: אַ קלייניקייט, אַ פּעלץ פֿאַרן פֿירערס געליבטע!

מיר האָבן אים געפּאַקט, דעם ליטווינער, און אָן פֿאָררע־דעס באַפֿוילן אַהערגעבן צוויי פֿון די דרײַ ייִדישע פּעלצן, איבערגעלאָזטע בײַ אים. יענער, געטראָפֿן ווי פֿון אַ דונער, האָט אַ צעציטערטער אַרויסגענומען פֿון אַ באַהעלטעניש אַלע דרײַ...

— איצט וועסטו ניט דאַרפֿן זאָגן קיין ליגן, אַז דײַטשן האָבן צוגענומען. זיי האָבן טאַקע צוגענומען, קאָנפֿיסקירט!

— האָב איך גוטברודעריש גערעדט צו אים און געהייסן שיין אײַנפּאַקן די קאָנפֿיסקאַציע.

מיר האָבן צוגענומען ייִדישע פּעלצן. ניט דירעקט, אָבער פּאַקטיש באַראַבעוועט אַ ייִדן. האָב איך זיך געגעבן אַ וואָרט צו פֿאַרגיטיקן אים ווי ניט איז. מעגלעכקייטן און געלעגנ־הייטן, האָב איך געהאָפֿט, וועלן זיך שוין אײַנגעפֿינען.

ווילי‌ונגעריש־אויפֿגערוימטע האָבן מיר מיט הונשקעס מאַשין געבראַכט די פּעלצן אין קאָנטאָר.

זיי אויסגעפּאַקט, זענען זיך די אויגן פֿון מײַן שעף פֿונאַנ־דערגעלאָפֿן:

— איינעם, איינעם וויל איך. כ'וויל פֿאַר האַנעלאָרען.

אומבאַדינגט. ווער זי אויפהערן... איך קאָן שוין ניט אויס־האַלטן: נאָר זי וויינט, טרײַבט מיך פון זיך. וויל ניט שלאָפן אין דער טאָפּלבעט בײַ מײַן זײַט. און נאָר אויפן דיוואַן אין סאַלאָן. וויל ניט הערן פון די אָוונט־וויזיטן בײַ אײַך... כ׳פאַרשטיי שוין גאָרניט, גאָרניט... אָליאַ־ליאַ!

זײַן פאַרלאַנג האָט ער באַרעכטיקט אויך דערמיט, וואָס געפאָדערט האָבן מיר פונעם ליטווינער בלויז צוויי. איז דער דריטער פעלץ ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן. מעג ער אָנקומען האַנעלאָרען. זי איז גענוג פּאַטריאָטיש, גענוג אי־בערגעגעבן דעם פירער. מיר ווייסן דאָך, אַז דער „שטירמער" האָט געדרוקט אירע ווערק...

כ׳בין געווען גרייט אים צו טאָן די געפעליקייט. צוגעזאָגט, אַז ווי נאָר מען וועט אָפּקלײַבן דעם פעלץ פאַרן ספּעציעלן צוועק, שטייט האַנעלאָרע אין דער ריי. אונדזערער אַ מײַס־טער וועט דעם פעלץ איבערנייען לויט איר גרייס. ער קאָן שוין הײַנט קומען אַראָפּנעמען די מאָס.

הונשקע איז צופרידן אַראָפּגעזונקען אין זײַן ווייכן פאָ־טערשטול:

— נאָך הײַנט קומען מיר צו אײַך, אָסקאַר. ס׳איז וויזיט־אָוונט. מאַרגי איז נאָך אַלץ אַזוי רייצנדיק, אָליאַ־ליאַ!

ער האָט זיך אַזש באַלעקט, הונשקע, פאָרשטעלנדיק זיך דעם פאַרגעניגן, וואָס שטייט אים פאָר הײַנט אָוונט. דער־ווײַלע האָט ער אַרויסגענומען פון זײַן טעקע די מיטגע־בראַכטע פון דײַטשלאַנד אילוסטרירטע זשורנאַלן מיט די קרייצוואָרט־רעטענישן. דאָ וועט ער האָבן אַרבעט!

כ׳האָב באַמערקט, ווי ער צעגייט פון פאַרגעניגן, קוקנדיק אויף די פעלצן, וואָס זענען געווען אַרויפגעלייגט אויף אַן אָנלען פון אַ שטול. איינעם פון זיי וועט טראָגן דעם פירערס געליבטע! דער פירער וועט אָנרירן דעם פעלץ מיט זײַנע הענט, וועט גלעטן... ער, הונשקע, וועט האָבן אָנגעטאָן דעם

פירער ווילגעפיל. קאָן געמאָלט זײַן אַ גרעסער גליק ? און געוויס האָט ער געהאַלטן, אַז דאָס גליק האָט ער ערלעך פאַרדינט.

פון אָוונט איז הונשקע געקומען צו אונדז אַהיים, אָבער אָן האַנעלאָרען. אויך דעם קומענדיקן וויזיט־אָוונט איז ער געווען אַליין. אַלץ דאָס זעלבע — האַנעלאָרע שפּירט זיך ניט מיט אַלעמען. ווײַנט נאָך אַנאַנד, איז שרעקלעך קאַפּריז. אויך דער צוזאָג צו קריגן אַן עקסטראַ פּעלץ העלפט ניט.

און איך האָב געטראַכט, אַז זי האָט געדאַרפט דאַנקען דעם צופאַל, וואָס איך בין מיט איר ניט געבליבן. נעפּאָמוק וואָלט אונדז געפּאַקט אויפן אָרט ! מיט זײַן שליסל האָט ער שאַ־שטיל געעפנט די אַרײַנגאַנג־טיר און... די אַ אינטריגע האָט מיר געפעלט ! צו האַנעלאָרען איז נעפּאָמוק גלײַכגיל־טיק. די גלײַכגילט פאַרשווינדט אָבער, ווי נאָר ס׳מישט זיך אַרײַן אומגעטרײַשאַפט. עמעצער האָט מיך אויסגעהיט...

ברונערס פּאָסטן האָט באַלד איבערגענומען אַ נײַער ברוינ־העמדלדיקער עס־אַ־מאַן, אַן אַדעליקער פויגל, שטורמפירער האַנס פאָן קלוג, און הונשקען איז אײַנגעפאַלן אים מיט־צוברענגען צו אונדז צום אָוונט־וויזיט. אַנשטאָט האַנעלאָרען, וואָס איז נאָך אַלץ פאַרביטערט אויף אַלעמען, זידלט, שילט די מענער און ייִדן.

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס אָן האַנעלאָרען האָט ער אומגעשטערט געקאָנט אַרויסווײַזן מאַרגין סימפּאַטיע־גע־פילן, האָט הונשקע מיך געבעטן אומבאַדינגט באַווירקן זײַן צעפאָרן ווײַבל, זי זאָל מיטקומען צו אונדז. כ׳האָב אים צוגעזאָגט דאָס צו טאָן בײַ אַ געלעגנהייט. דערווײַלע האָט זיך געהאַנדלט וועגן פאַרבעטן אונדזער ביידנס אייבערשעף. וועט צוקומען די פעלנדיקע האַנט צום סקאַט.

פאָן קלוג, ווי סע פּאַסט פאַר אַ „פאָן" — שטײַף, אַ ביסל פלעגמאַטיש. ר׳איז געווען קליינוווקסיק, שמאָלפּלייציק מיט

טונקעלע היטלער־וואָנצקעס אונטער דער לענגלעכער נאָז. אַ מענטשל ניט קיין ווײַטער, אָן אַן אייגענער מיינונג און שטענדיק אָנגעשפּיצט צו דעם, וואָס עמעצער וועט זאָגן. הונשקע האָט זיך פּאַר אים געמאָלט ווי דער יעניקער, וואָס וועלטן קערט ער, און פון קלוג האָט באַגיטיקנדיק צו אַלץ צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

איך האָב ניט געאייפערט מײַן אָפּיציעלן שעף. זאָל ער. זאָל ער אַרויפנעמען אויף זײַן קאָנטאָ אַלע, אַלע אונדזערע אויפטוען. איך בין געווען צופרידן מיטן בײַט ברונער — פון קלוג. דער „פון", איז מיר אויסגעקומען, וועט לײַכטער גיין אין שפּאַן. כ'האָב פאַר אים אַקצענטירט איין זאַך : אויב מיר ווילן, אַז אונדזער אונטערנעמונג זאָל דינען דעם פירער, דעם דריטן רײַך און דעם זיג, מוזן מיר היטן אונדזער אַר־בעטקראַפט — די יידן, ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט קלינגען. פאַרשטייט זיך, ביז נאָכן קריג, ווען מען וועט מיט זיי פאַר־ענדיקן די שפּיל.

האָט דער נײַער אייבערשעף אונדזערער אין גיכן געהאַט צו דערציילן אַ געשיכטע, ווי אַ באַווײַז, אַז שטרענג האַלט ער זיך בײַם פּרינציפּ אָפּצוהיטן אַרבעטקראַפט. ריין צופע־ליק האָט ער בײַ אַ פאָטאָגראַף אין שטאָט געכאַפּט אַ יידיש־קע פון געטאָ. אָן די געלע צייכנס, אָן אַ דערלויבעניש איז זי אַנטלאָפן פון אַרבעטפּלאַץ. האָט ער ניט געזוכט, ניט גע־פאָרשט, וואָס זי טוט אין שטאָט און צו וואָס זי האָט נייטיק אַ קליינע פּאַספּאָרט־פאָטאָ. ער האָט זי געשטראָפט, און שוין. אָפּגעשמיסן עפּנטלעך בײַם געטאָ־טויער, אַלע זאָלן זען. אַליין געשמיסן האָט ער מיט דער הוילער האַנט אויפן נאַקעטן געזעס פונעם יידנווײַב...

מיר האָבן אַלע געלאַכט און דער דערציילער האָט גע־קוואָלן פונעם דערפאָלג, וואָס זײַן געשיכטע האָט געהאַט בײַ די צוהערער.

מיט פאָן קלוגן האָט מען געקאָנט אויסקומען. כ'האָב אים לייכט אין גאַנצן געוווּנען מיט אַ פּאָר געפּוטערטע לעדערנע הענטשקעס, און אויך אַרײַנגערוקט אַזאַ פּאָר פּאַר אַ דאַמע. עס שטייט דאָך אין דרויסן אַ האַרבער ווינטער. און ס'איז קריגסצײַט. כ'האָב אים געגעבן אָנצוהערן, אַז אויב ער האָט אַ וועלכן ניט איז באַגער, זאָל ער זיך ניט זשענירן. מעגלעכקייטן זענען פאַראַן... אויך אויף אים האָב איך אין גיכן באַשטעטיקט מײַן לאַנג שוין געמאַכטן אויספיר, אַז אַלעמען קאָן מען זיי אונטערקויפן. אַפילו דעם פירער. מיר האָבן דאָך אָפּגעשיקט פאַר זײַן געליבטע אַ פראַכטיקן טאָפּלזײַטיקן פעלץ פון הערמעלין און בלויע נאָרקעס.

נאָר וואָס העלפט דאָס אַלץ, אַז כ'האָב ניט געקאָנט ראַטעווען מײַן סימפּאַטישע יידישקע! אירע פאַראומערטע, מיט אַ פאַרשײַטן פונק אָנגעשטעקטע אויגן, זיי האָבן אָן אויפהער באַדויערט זיך און אויך מיך...

כ'האָב אַלץ געטראַכט וועגן די קאָנסעקווענצן, וואָס ברונערס פאַרשיקונג קאָן נאָך האָבן. אומגעדולדיק פלעג איך יעדן טאָג דורכנישטערן די נעקראָלאָגן־זײַט אין דער דײַטשישער צײַטונג...

און די באַליידיקטע האַנעלאָרע? אַזעלכע פוריעס, ווייסט מען, זענען געפערלעך אין זייער צאָרן.

און אויך דער דרוקער. צי וועט ער אויפהערן מיר ברענען די טריט?

כ'האָב געהאַט וועגן וואָס איבערצוטראַכטן. געהאַט פאַר וואָס זיך צו שרעקן.

גאָט, גאָט, איך האָב שוין ניט קיין אויסדויער צו לויפן, אַנטלויפן! ווען וועט זיך דאָס אַלץ ענדיקן?

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— ווען וועט איר ענדיקן? ניין. אייגנטלעך, ווען וועט איר

אָנהייבן דערציילן? — פרעגט דער אויספאָרשער זייער גליַיכ־גילטיק, מיט זיַין געוויינטלעכער איינטאָניק־האַרטלעכער שטים, און זיַין פנים — די דריַיעקיקע מאַסקע מיט גלעזער אַנשטאָט אויגן און סטאַרטשענדיקע העלע ברעמען איבער זיי — שפּאַנט זיך אָן אין אַ דראָענדיק־אומגעדולדיקער דער־וואַרטונג.

קלאָר — עס באַפרידיקן אים ניט אָסקאַרס אָנגעשריבענע עטלעכע זיַיטלעך, וואָס ער האָט אָקערשט דורכגעאַקערט מיטן בליק. ס'איז דאָרטן פאַראַן אַ דעטאַלע שילדערונג וועגן דער טעטיקייט און די אויפטועו פון דער אונטער־נעמונג און וועגן איר קריגס־וויכטיקייט. ס'ווערן אויסגע־רעכנט זיַינע, אָסקאַרס, באַמיִונגען און פאַרדינסטן. ס'פאַלט אַ גוט וואָרט וועגן נעפּאָמוק הונשקע. ס'ווערט אָפּגעמערקט פאָן קלוגס אינטערעס און קאָנקרעטע זאָרג, די אונטערנע־מונג זאָל געבן פּראָדוקציע, זאָל אַרבעטן ווי געשמירט...

ווי ס'זעט אויס, באַפרידיקט דאָס אַלץ ניט דעם אויס־פאָרשער, דעם שטורמפירער, דעם פונקציאָנאַר. עס ענדערט זיך אָבער ניט זיַין געדולדיקע איַינגעהאַלטנקייט, און ער שטעלט פעסט:

— דאָס אַלץ איז אַלגעמיין באַקאַנט. איך ווייס אָבער, אַז איר פאַרהוילט פון מיר אַ זייער וויכטיקן פאַקט... אַזאַ, וואָס האָט אַן אומגעהיַיערן ווערט פאַר אונדז... אַ פאַקט! כ'וויל איַיך ניט צווינגען, וויל פון איַיך דאָס ניט אַרויס־פרעסן, ניט געקוקט אויף דעם וואָס מיר האָבן רעכט און אַלע מיטלען דערצו...

ערשט איצט באַמערקט אָסקאַר אַ נייַעס: הינטער דעם דיַיטש, ביַי דער וואַנט — אַ שאַפע מיט גלעזערנע טירלעך. און אויסגעהאַנגען זענען אינעווייניק לעדערנע קאַנטשיקעס, שטאָלענע ריטער, גומענע דרענגלעך, שוואַרצע צוואַנגען און בלישטשעדיקע שטאָלענע קלעמען, שפּיזלען... אַ ניַי מעבל־

שטיק אינעם ליידיקן, מיט קינסטלעכן טאָגליכט אָנגעגאָ־
סענעם, סאַלאַט־גרינעם צימער.

די מאַסקע וואַרט, שטאַרט מיט די קאַלטע גלעזערנע אויגן אויף אָסקאַרס אַסימעטרישן פּנים און קאָן ניט אָפּלייענען דעם איינדרוק, וואָס די שאַפּע מיט איר קאָלעקציע מאַכט אויפן פּאָרשאָביעקט. איין זייט פונעם פּנים נעמט, ווי ס'קומט אויס, אויסדריקן גרייטקייט זיך אונטערצוגעבן; קומט די אַנדערע זייט און מאַכט עס צו נישט מיט אַן איראָ־נישער איינגעשפּאַרטקייט. די געדולד פונעם אויספּאָרשער איז אין אויספּרווו. ער ווייסט, אַז זי איז פּאַרהאַרטעוועט, זיין געדולד, אינעם טיגל פון דעם טויזנטיאָריקן קאַמף, וואָס די גערמאַנער פירן פאַר עקסיסטענץ און הערשאַפט אין אייראָפּע. זי דאַרף זיך איצט גרייטן, זיין געדולד, צו דער נייער טויזנטיאָריקער העגעמאָניע אין דער וועלט־געשיכטע, וואָס דער פירער האָט פּראָקלאַמירט. די געדולד!

— הערט, אָסקאַר גריק, — נעמען זיך באַוועגן די ליפּן פון דער מאַסקע און גיבן ווי איבער אַן אָפיציעלע דערקלערונג:

— מיר פּאַרמאָגן אַלע מיטלען אַלץ צו דערגיין. און מיט דייטשישער גרינטלעכקייט! איך וויל אָבער אין איינער פּאַל זיי ניט אָנווענדן. איבערצייגט בין איך, אַז דער פּאַטריאָטיזם, וועלכן איר דעקלאַרירט, קאָן אונדז ברענגען גרויס נוצן. איך האָף אויף פּאַרשטענדעניש און צוזאַמענאַרבעט. אין אַזאַ פּאַל מוז אויפקומען אַ קעגנזייטיקער צוטרוי. איר קאָנט, איר דאַרפט אים געווינען. ס'איז אויך אין איינערע פּערזענ־לעכע אינטערעסן... דאָ איז נאָך פּאַפּיר. כ'האָב אָפּגעציילט פינף בויגנס. נעמט, שרייבט. איך וואַרט. פּאָרלויפיק בין איך געדולדיק.

ס'טוט אַ ציטער, ס'טוט אַ ווונק די מאַסקע — צו אָס־קאַרן, צום וואַכפּאָסטן, אַן אַריינגעקומענעם אויפן פוסדריק אין אַן עלעקטרישן קנעפּל.

דער ווייטיקדיק בלויער קאָרידאָר פירט אַוועק אָסקאַרן אין זײַן צימער — אין דער גרויער פאַרלוירנקייט און אָטעם־פאַרכאַפּנדיקער קלעמעניש.

שרײַבן...

וואָלקנס הויפּענען זיך אָן — גרויע, שוואַרצע, רויטע. צו פיל פאַרדראָסיקע צופעליקייטן און באַדרענגענישן, סכנות־פולע שטרויכלונגען און אָנשיקענישן... פון אַהינטער גרויע, פון אַהינטער שוואַרצע און רויטע וואָלקנס קומט דײַטלעך אויף איבערן האָריזאָנט, צום וויפלטן מאָל שוין, די רעאַלע וואָר. דאָס מאָל — דער

מיראַזש וועגן די פאַטאַלע אָנשיקענישן — — —

ניט אַלע זענען צעזאַרן, אָבער יעדערער שטייט איין מאָל אין לעבן פאַר זײַן רוביקאָן. די דאָזיקע קלוגע און וואָר־האַפטיקע סענטענץ, געדענק איך, האָב איך ערגעץ געלייענט. פאַר וויפל רוביקאָנען בין איך, אָסקאַר גריק, שוין געשטאַנען? און וויפל שטייען מיר נאָך פאַר? און ווען וועט זיך ענדיקן דאָס גיין איבער אַ שטריק, וואָס הענגט איבער אַן אָפּגרונט?

די עקוויליבריסטיק... געוווּסט האָב איך, אַז מען דאַרף היטן דאָס גלײַכגעוויכט, האַלטן די נערוון. און אין מײַן פאַל — אויך געווינען צײַט. דאָס איז די איינציק גילטיקע פאַר מיר סטראַטעגישע דאָקטרין.

אַמעריקע איז אַרײַן אין קריג! די רוסן האָבן אָפּגעשלאָגן אַלע דײַטשישע אָנגריפן בײַ מאָסקווע און אַריבער אין אַ קאָנטר־אַטאַקע. טרײַבן צוריק די בראַוונע גערמאַנישע וועלט־דעראָבערער... פון פראָנט הערן ניט אויף צו קומען עשעלאָ־נען, אָנגעפּראָפּטע מיט קוים זשיפּענדיקע, דערפרוירענע דײַ־טשישע „מיזרח־ריטער", צעריבענע אין די מילשטיינער פון פולווער, בלײַ און רוסישן פראָסט.

כ'האָב אין געהיים געכאַפּט הערן ראַדיאָ־לאָנדאָן. די ביביסי־אוידיציעס אויף דײַטש האָבן מיטן פּאַטום־סיגנאַל פון בעטהאָווענס פינפטער סימפאָניע אָנגעקלאַפּט אויך אין מײַן האַרץ — האָפענונגען זענען געוואַקסן, זיך געשטאַרקט פון טאָג, און כ'האָב אויסגעכאָוועט די אילוזיע, אַז שוין, כ'בין דערלאָפן צום געגאַרטן פיניש. די דאָזיקע אילוזיע האָט פאַרצערט מײַן געדולד און אַ שטויס געטאָן צו אַ פּאַטאַלן פאַרזע. כ'האָב פאַרגעסן, אַז ניט פרײַ בין איך, נײַערט שטאַרק פאַרפלאָנטערט און געפּענט. ס'האָבן מיך געהאַלטן אין זייער קלעם דער שמאָלקעפּיקער אָליאַ־ליאַ נעפּאָמוק הונשקע, דער פריש צוגעקומענער, דערוויַלע אומקלאָרער פאַרשוין פון דער אַדעליקער קאַסטע, האַנס פאָן קלוג, דער קליינקעפּיקער אַלקאָהאָליקער און זייער גליטשיקער רײַנ־גאָלד מיטן אוראַלטן גערמאַנישן, קילאָמעטער־לאַנגן פאַ־מיליען־נאָמען... ס'האָבן געלאָקערט אויף מײַן צוקונפט, אויף מאָרגיס צוקונפט די פאַרשווונדענע הינטער קוליסן אַרנאָ־היינץ און ברונער... און ווו איז די פלאַקסהאָריקע גערמאַנערין האַנעלאָרע, דער פאַרטרונקענער פּאָליאַק, דער דרוקער? וואָס שפּינען זיי, וואָס טוען זיי?... און איבער אַלץ און אַלעמען האָט פּלוצעם אַרויפגעוואָרפן זײַן בלוט־רויטן שאָטן דער בראַנד, דער פלאַקער אין מיטן נאַכט און די קאָנסעקווענצן...

נאָר ביז דעמאָלט — אָפטע וויזיטן בײַ אונדז פון הונשקען סאָלאָ, אָן האַנעלאָרען, און דעם רעפערענט פאַר די „ייִדן־אָנגעלעגנהייטן", שטורמפירער פאָן קלוג. אָוונטן מיט שאַר־פע געטראַנקען און פּיקאַנטע שפּײַזן פון דער אונגאַרישער קיך, ווי דאָס עסטערהאַזי־געבראָטנס מיטן מאַדיאַרישן מוסטאַר און צום פאַרבײַסן — די וועלט־באַרימטע וואַרגאַ־בעלעש־באַבקע. מאָרגי, ווי אַ „האַלבע מאַדיאַרין" האָט דאָס מיט אַ ראַפינירטן קולינאַרישן געשמאַק צוגעגרייט

און סערווירט, און די גזעלשאַפט האָט געלעקט די פינגער.

מיר פלעגן זיך אָנטרינקען, מיר פלעגן זיך אָנפרעסן און, ווי ס'פּאַסט פאַר באַוווסטזיניקע נאַציס, געטריַיע צום פירער, אַוועקלאָזן זיך אָנגריַיפן, וואַרפן שמוץ אויף ייִדן, די שולדיקע אין אַלע פּלאָגן פון דער מענטשהייט.

פאָן קלוג האָט ווי געוואַרט אויף דער געלעגנהייט צו דעמאָנסטרירן פילאָסאָפיש וויסן און באַהאַוונטקייט אין דער ראַסן־לערע. מיט אַ סאַמעטענער שטים און מיט אַ סך פּאָזע, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ „פאָן", איבערגעקריַיט דעם פּאָסטולאַט פון דער נאַציסטישער „טעאָריע", אַז די פריִערדיקע געשיכטע איז געווען איין גרויסע אומאָרדענונג, און די מיסיע פון היטלערן איז איַינצופירן אָרדענונג, אַ ניַיע אָרדענונג. דעם וועג וועלן איר אויספלאַסטערן בלוט און טויטע... ביז אַהער — די אָפּיציעלע פאָרמולירונג. פון זיך האָט ער פּאַטעטיש דערגעבן:

— רויזן וועלן זיך צעבליִען אויפן דאָזיקן געמיש פון בלוט און טויטע, און מוזיק וועט שפּילן!

ווי אַ פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר די „ייִדן־אָנגעלעגנהייטן", האָט פאָן קלוג געהאַלטן פאַר זיַין פליכט צו נעמען שטעלונג צו דער דאָזיקער פּראָבלעם און אויסגעפירט, אַז די ערשטע מוזן מיט זייער בלוט באַצאָלן די ייִדן, דער ערגסטער צוויַיג פון דער סעמיטישער ראַסע. דערנאָך וועלן קומען די אַנדערע. ייִדן זענען געבוירן פאַר קנעכטשאַפט, האָט שוין געזאָגט דער אַלטער טאַציטוס. פרידריך ניטשע האַלט אונטער די דאָזיקע מיינונג און דער גרויסער ראַסן־טעאָרעטיקער אַלפרעד ראָזענבערג האָט וויַיטער אַנטוויקלט און פאַרטיפט די טעזע. אין זיַין „מיטאָס" זאָגט ער קלאָר און דיַיטלעך, אַז אַלע אונדזערע טוּונגען ווערן דיקטירט פון דעם ראַסן־אינסטינקט און דער שטים פון בלוט. די פריִערדיקע וויסנשאַפט איז געגאַנגען אויף קוליעס און ניט געווען אין שטאַנד

פעסטצושטעלן דעם באַטײַט און די דעצידירנדיקע ראָלע פון די אָ צווײ פֿאַקטאָרן. און דער אויספֿיר: פֿאַר די נידע־ריקע ראַסעס איז ניטאָ קיין אָרט אויף דער ערד! זיי זענען אויסער דער נאַטור! האַרט מוזן מען האַנדלען אין דאָזיקן פֿאַל. מיטלייד איז אַן אָנשיקעניש, וואָס ציט זיך פֿון דעם ייִד יעזוס, דעם ענגלענדער דיקענס, דעם רוס טאָלסטאָי, דעם פֿראַנצויז הוגאָ...

— עס מוז געמאַכט ווערן שלוס מיטן מיטלייד! — האָט פֿאַטעטיש פֿאַרענדיקט פֿאָן קלוג זײַן עקספּאָזע און שטאָלץ אַנטשוויגן געוואָרן.

מיר אַלע האָבן ענטוזיאַסטיש געפּאַטשט בראַוואָ, ווי אַן אָנערקענונג פֿאַר זײַן טיפֿער ערודיציע. און אויך אויסגע־טרונקען לכּבֿוד דעם.

— און ווי לאַנג, הער גריק, — האָט פּלוצעם זיך געווענדט צו מיר פֿאָן קלוג און באַלד זיך געכאַפּט: — און אויך צום הערן הונשקע איז געווענדט מײַן פֿראַגע. ווי לאַנג, דענקט איר, וועט נאָך נייטיק זײַן די ייִדישע אַרבעטקראַפֿט? מען מוז זוכן אַן אַלטערנאַטיוו.

הונשקע האָט עפּעס פֿאַרלוירן געמורמלט און געבעטן מיך אויפֿקלערן די זאַך. און איך בין, צום ווײַפֿלטן מאָל שוין געווען געצוווּנגען אַרויסצוקומען מיט דער טראַפּאַרעטער אַרגומענטאַציע, אַז די ייִדן זענען טאַקע אונדזער אומגליק, זיי ברענגען אָבער דערווײַלע נוצן. מירן אויסקוועטשן זייערע זאַפֿטן, האַלטן זיי ביז דער קריג וועט זיך ענדיקן און דע־מאָלט — אויסראָטן, פֿאַרטיליקן זיי ווי אומפֿלייט...

— אין פּרינציפּ איז אויך מײַן מיינונג אַזאַ, — האָט פֿאָן קלוג צוגעשטימט און געגעבן מיר אַ קאָמפּלימענט פֿאַר מײַן פּאָליטיש אויסגעהאַלטענער פּאָזיציע, וואָס איז פֿולשטענדיק אין גײַסט פֿון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער אידעאָ־לאָגיע.

געטראַכט האָט ער דערבײַ, ווי איך פאַרשטיי, אַז וואָס וואָלט ער געווען און ווו וואָלט ער געווען אָן די ייִדן? געוויס — אויפן פראָנט...

פאַרענדיקן פלעגן מיר דאָס עסן און די שמועסן מיט אַ לאַנג־פאַרצויגענער קאָרטנשפּיל. כ׳פלעג אומיסטן פאַרשפּילן. זאָלן זיך פרייען די צוויי ריינראַסיקע באַשעפענישן. סײַ ווי האָב איך פאַרשפּילט ניט מײַן געלט. פונעם רעאַליזירטן ייִדישן פאַרמעגן איז עס געווען, און געזאָלט האָט עס אַרײַנ־פליסן אין דער גוט אויסגעליידיקטער אימפּערישער קאַסע פון דײַטשלאַנד. אויף לינקע וועגן האָב איך דאָס געלט אַראָפּגעלאָזט אין מײַן קעשענע און איצט אַ טייל פון דעם פאַרשפּילט מײַנע צוויי „פאָרגעזעצטע". זאָלן זיי קוועלן פון אַזאַ גוטן ברודער, ווי זיי האָבן געפונען אין מיר.

ס׳איז געווען אַ זייער פּראַקטיקער אָוונט. אַווינט האָט מיט אַ ווילדן געפײַף געווייעט אַ דינעם און שאַרפן שניי, געשטאָכן מיט אים די פּנימער פון מענטשן, ווי מיט נאָדלען. מיר האָבן מיט מאַרגין זיך שוין געפרייט צו קאָנען אַן איבע־ריקן אָוונט בלײַבן אַליין און זיך אָפּרוען פון מענטשן און דער שפּאַנונג, וואָס זיי האָבן אין אונדז אַרויסגערופן. נאָר ניין, זיי זענען געקומען, הונשקע און פאָן קלוג. ביידע — אין זייערע ברוינע אוניפאָרמס, און אַ שווער דריקנדיקע ברוינע כמאַרע אַרײַנגעטראָגן אין שטוב.

בײַ אונדז איז געווען וואַרעם, ליכטיק. די געטראַנקען און שפּײַזן האָבן אַלעמען נאָך מער צעוואַרעמט, און די קאָרטנ־שפּיל האָט געלאָזט פאַרגעסן אינעם בייזן געוויטער, וואָס האָט מאָנסטעריש זיך אַרויפגעוואָרפן אויף דער וועלט.

ווי שטענדיק, האָב איך אויך דאָס מאָל צוערשט געשפּילט ערנסט און אַרײַנגעבראַכט מײַנע צוויי מיטשפּילערס אין אַ פּאַניק. אַ זיסער נעפּל האָט געשוועבט מיר פאַר די אויגן, כ׳האָב אים אײַנגעאָטעמט, און ער׳ט מיך באַרוישט: איך זע

נאַציס זיך צאַפּלען! זאָל עס זײַן אין אַ שפּיל, זאָל עס זײַן אַן אילוזיע. ניין, ס'איז געווען אויף דער וואָר: זיי צאַפּלען זיך פאַרלוירן! שטענדיק פלעג איך צו ענד נעמען פושערן. האָב געזאָרגט, אַז מײַנע מיטשפּילערס זאָלן צופרידענע אַהיימגיין.

דאָס מאָל האָב איך זייער צעטומלעניש און פאַרלוירנקייט געלאָזט אָנוואַקסן. איך וועל אײַך באַווײַזן, בלוטריינע אַרי־שע הינט! מאָרגן צי איבערמאָרגן קערט זיך אַלץ איבער! אויף די פּראָנטן ברעכט איר האַלדז־און־נאַקן. די ביביסי־שטים פויקט אַרײַן אינעם וועלט־עטער די פרייד — איר פאַרלירט דעם קריג, קוים איז אַמעריקע אַרײַן אינעם גע־ראַנגל! און די פּאַטריאָטישע דײַטשישע גענעראַלן, וואָס היטלער פאַרטראָגט זיי ניט, וועלן אים אין גיכן אַראָפּדרייען דעם קאָפּ. מירן אײַך באַווײַזן, איך וועל אײַך באַווײַזן, ברוינע קעגענערס מײַנע, מיט וועמען איר האָט צו טאָן! כ'האָב זיי געשלאָגן ווי אַ באַזעסענער און אָן מיטלייד. געריסן פון זיי זייערע קאַסעס, ביז זיי זענען געבליבן זיצן בײַ אַ ריינעם טיש.

כ'האָב אָפּגעוווּנען בײַ מײַנע מיטשפּילערס דאָס געלט, וואָס כ'האָב זיי געהאַט פאַרשפּילט אין לויף פון עטלעכע אָוונטן. זייערע צעקוואַטשטע געזיכטער מיט די אָנגעקוואָ־לענע טרערן אין די אויגן האָבן מיך צערייצט: איר וויינט נאָך?! כ'האָב געוואָלט עמעצן שלאָגן, פּלעטן מיט מײַן צעיושעטן צאָרן.

כ'האָב געוואָלט ווייטאָן, אָפּשפּעטן פון די פרומע נאַציס, וואָס אַ ייִד פירט זיי פאַר דער נאָז. זיי זענען ווערעם, צווויי פּיסיקע קרעטינען! כ'האָב געלעכצט אויסצורופן: „איך, אָשער, דער זון פון יאַנקל דעם שנײַדער, שפּײַ אויף אײַך!"

אויפגעשפּרונגען פון טיש מיט די אָפּגעוווּנענע באַנקנאָטן אין האַנט, האָב איך דאָס בלוטיקע ייִדישע געלט אויפגע־

הויבן אין דער הייך, אַלע זאָלן זען, און צעריסן. צעריסן פאַר צווי פאָר אין שרעק פאַרגאַפּטע אויגן פון מײַנע ביידע שעפן, צוגעבנדיק פײַערלעך:

— אַזוי וועט איר אַלע צעריסן ווערן!

געוויס, שאַדנפרייד איז די זיסטע פרייד!

כ'בין געווען אָנגעטרונקען. געוווּסט און ניט געוווּסט וואָס איך טו. די ערד האָט זיך געוואַקלט אונטער מיר, און ס'האָט זיך מיר געגלוסט לאַכן. אין מײַן קאָפּ האָט זיך עפּעס געקערט, און דעם אויסבראָך פון מײַנע, די גאַנצע צײַט געהאַמעוועטע געפילן, געדענק איך אויסגעצייכנט.

„אַזוי זאָלט איר אַ ל ע צעריסן ווערן!" צו וואָס האָב איך געזאָגט „אַלע"? אָן דעם וואָרט וואָלט עס געגאָלטן בלויז פאַר מײַנע מיטשפּילערס...

הונשקע און פאָן קלוג האָבן, פאַרשטומטע, זיך אַרויסגעשאַרט פון צימער ווי געשלאָגענע הינט מיט אַראָפּגעלאָזטע וויידלען. הונשקע האָט נאָר צעטומלט אַ קרעכץ געטאָן פאַרן אַרויסגיין: „אַליאַ־ליאַ!"

מאַרגי האָט זיי אַרויסבאַגלייט, עפּעס פרײַנדלעך צו זיי גערעדט, און זיס האָט זיך צו מיר דערטראָגן איר שטים. כ'האָב זיך אַנידערגעוואַלגערט אויף דער סאָפע און דערהערט, דערפילט דעם שניישטורעם אין דרויסן, וואָס זײַנס אַן אָפּגעריסן געוויי האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט צו אונדז דורך דער געעפנטער טיר.

די ברוינע כמאַרע איז פאַרשוווּנדן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ ביז צו וויינען דריקנדיקע שטימונג.

מאַרגי איז אַראָפּגעזונקען אין אַ פאָטעל און זיך צעהעשעט:

— וואָס האָסטו געטאָן? וואָס האָסטו געטאָן? איצט זענען מיר פאַרלוירן!

ניט דערוואַרטנדיק מײַן רעאַקציע האָט זי דערגעבן:

— וויפל מאָל דיך געוואָרנט, אַז דאָס בעסטע מיטל צו לעבן רויִק איז — קאָנען שווײַגן, ווען ס'איז נייטיק. און ווייסטו ניט, אַז אַ מענטש איז ווי אַ פיש — ווען ער האַלט פאַרמאַכט דאָס מויל איז אים שווער צו כאַפּן. פאַרשטייסטו ניט, אַז אַ ייִד וואָס האָט ניט אָנגעהאָפטן זיך די געלע שאַנדצייכנס אויף זײַן ברוסט און רוקן, איז ניט אַרײַן אין געטאָ און האָט צו טאָן מיט נאַצי־דײַטשן, טאָר קיין פעלערן ניט באַגיין...

ס'האָט מיך אַ הייב געטאָן פון אָרט. צו גלײַך האָב איך ווי אַרויסגעיאָגט פון מײַן קאָפּ אַן עסעריקן נעפל, אײַנגע־אָטעמט אָפּפרישנדיקע לופט און פאַרזיכערט מאַרגין:

— מיר פאַרלירן קיין מאָל ניט! מיר געהערן ניט צו דער קאַטעגאָריע פאַרלירערס! לאָז מיר נאָר צונויפנעמען די געדאַנקען.

מאַרגי איז אָבער באַשטאַנען אויף דאָס איריקע:

— מיר זענען פאַרלוירן. פון מאָמענט וואָס מיר זענען אין געטאָ ניט געגאַנגען. מיר זענען שולדיק! שולדיק!

האָב איך זיך צעשריִען:

— איך וויל בעסער זײַן שולדיק! די ייִדן ווערן רעפּרע־סירט און צעשאָסן אומשולדיק. וויל איך זײַן שולדיק! הערסט, איך וויל זײַן שולדיק!

כ'האָב גענומען שפּאַנען איבערן צימער — מײַן אויסגע־פּרוּווטער מעטאָד פון קומען צו זיך און געפינען דעם געזוכטן אויסוועג. דער שווערער נעפל אין מײַן קאָפּ האָט זיך אין גאַנצן אויסגעוועפּט.

כ'בין אַרײַן אין צווייטן צימער, געזעצט זיך צום שרײַב־טיש און, ניט לאַנג טראַכטנדיק, אָנגעשריבן אַ מעלדונג צו דער זיכערהייט־פּאָליציי, ס'הייסט צו דער געסטאַפּאָ. אַ מעלדונג מיט מאָרגעדיקער דאַטע און פאָלגנדיקן טעקסט:

„נעכטן אָוונט האָב איך געוואָלט אויספּרוּוון די פּאַטריאָ־

טישקייט פון מײַנע ביידע פאָרגעזעצטע, דעם הער פאָן קלוג, פונעם שטאָט־קאָמיסאַריאַט, און נעפּאָמוק הונשקע, מײַן שעף אין דער אונטערנעמונג פאַר וואַרעמע מיליטערישע זאַכן. איך האָב בײַ זיי געוווּנען געלט אין קאָרטן און מאַכנ־דיק זיך פאַר באַטרונקען, דאָס געלט צעריסן מיטן אויסרוף „אַזוי וועט איר אַלע צעריסן ווערן!‛ וויל איך זען, צי זיי ביידע וועלן וועגן דעם דאָזיקן פאָרפאַל מאַכן אַ מעלדונג״.

כ׳האָב אָפּגעשיקט מײַן „מעלדונג״ און געטראַכט: ווען פאָן קלוג איז ניט דערבײַ, וואָלט הונשקע געשוויגן. צו פיל נייטיקט ער זיך אין מיר. אָבער אַ סוד פון וועלכן דרײַ ווייסן, קאָן בלײַבן אַ סוד נאָר ווען צוויי פון זיי זענען טויט. ווי געזאָגט, הונשקע וואָלט געשוויגן. פאָן קלוג איז אַ קנעכטיש־אונטערטעניקער, פאַנאַטיש־גלייביקער נאַצי און וועט מיך אָן צווייפל אַרויסגעבן. דאָס וועט אויך הונשקע פאַרשטיין. קומט אויס, אַז אויך ער וועט מעלדן. ביידע וועלן „זינגען״...

קענטיק, אַז ביידע האָבן טאַקע „געזונגען״, ווײַל שטיל איז געווען אַרום דער זאַך. אַלע דרײַ האָבן מיר אויסגעע־האַלטן דעם עקזאַמען אויף פּאַטריאָטישקייט, און איך האָב ווידער געוווּנען צײַט.

די וויזיטן בײַ אונדז האָבן זיך באַנײַט, ווי קיין זאַך וואָלט ניט האָבן פּאַסירט. סײַ הונשקע, סײַ פאָן קלוג זענען צו מיר, און באַזונדערש צו מאַרגין, איבערגעטריבן פרײַנדלעך געווען.

ווי ניט ווענלנדיק מער זיך אומקערן צו דער געשיכטע מיטן צעריסענעם געלט, האָט פאָן קלוג געזאָגט:

— אין יענעם שטורעמדיקן אָוונט האָט מעפיסטאָפעלעס באַהערשט די וועלט און צעדולט די מענטשן... מוז מען יענע ווינטערדיקע וואַלפּורגיע־נאַכט פאַרגעסן. און וואָס גיכער.

די אילוזיע פון אויסלייז איז דערוווײַלע געבליבן אַן אי־לוזיע, און איך האָב מײַנע דײַטשן ווידער מיט אַ ניכטערן קאָפּ געגומען פאַרשפּילן געלט...

ניט קיין דונער אין מיטן העלן טאָג, ווי עס הייסט דאָרטן אינעם פאָלקסווערטל. אַ בראַנד, אַ פלאַקער אין מיטן דער שוואַרצער ווינטערנאַכט האָט מיך אויפגעהויבן צום טעלע־פאָן. געשריִען אין טריַיבל האָט הונשקע, ווי איך וואָלט געווען שולדיק אינעם אומגליק. אַ געוויינטלעכע דערשיַינונג: מיט דערפאָלגן פליַיסט ער זיך ביַי יעדערער געלעגנהייט. די דורכפאַלן וואַלגערט ער אַרויף אויף זיַין שטעל־פאַרטרע־טער. פאַרשטענדלעך. אַ ריינראַסיקער נאַצי, אַן אַלטער „פאַרטיי־גענאָססע", קאָן קיין פעלערן ניט באַגיין.

כ'האָב ניט געוואָלט גלייבן מיַינע אויערן. געמוזט גלייבן די אויגן: ס'האָט געברענט אונדזער אונטערנעמונג! און אויסגערעכנט דעמאָלט, ווען די מאַגאַזינען זענען פול געווען מיט ניַי־באַקומענעם רוישטאָף און פאַרטיקער פראָדוקציע.

ווי האָט זיך געגומען אַזוי פיל פיַיער צו שפּאַרן, צו ריַיסן זיך דורך די פענצטער אין נאַכטיקן פלייש אַריַין?

אין שפּיץ פון די פיַיער־לעשער האָב איך זיך געראַנגלט מיט די פלאַמען. און ס'איז אונדז געראָטן זיי איַינצושטיקן מיט וואַסער, מיט רויכן, מיט דער נאַכט־פינצטערניש.

באַגינען האָב איך מאָביליזירט די ייִדן אויפצורוימען, אויפצושטעלן, ראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך פונעם אינווענ־טאַר, פון די ניימאַשינען, פונעם ווערקציַיג און די רוישטאָפן. ראַטעווען ניט נאָר מיַין אָנהאַלט אין לעבן.

הונשקע האָט אַרומגעשמיַיעט אַ פאַרלוירענער און נאָר געשריִען, נאָר געטומלט, נאָר זיך געזידלט און געשאָלטן די ייִדן. איך האָב געקעמפט פאַר דער עקסיסטענץ פון דער אונטערנעמונג — פאַר מיַין עקסיסטענץ, פאַר דער עקסיס־טענץ פון איבער צוויי טויזנט ייִדן. פאָן קלוג האָט געהאָלפן — ער האָט געהיט „זיַינע" ייִדן און זיַין פאָסטן. און ס'האָט געהייסן, אַז די אונטערנעמונג איז וויַיטער טעטיק.

כ'האָב געצוווּנגען די ייִדן צו אַרבעטן אין קאַלטע, האַלב

צעשטערטע צעכן, ווו דער ווינט האָט אַריַינגעווייעט שניי דורך די צעבראָכענע פענצטערשויבן. מיר האָבן וויַיטער אויס־געפילט באַשטעלונגען פאַרן פראָנט...

דער בייַנאַכטיקער בראַנד... ווי אַזוי? ווער? כ'האָב אונ־טערגעהערט אַ שמועס פון ייִדן. אין אַ האַלב פאַרשטעל־טער שפּראַך, אין דער שפּראַך פון מיַינע עלטערן, האָבן זיי זיך געאַמפּערט, צי מען מעג אַרבעטן פאַרן דיַיטש. אַרבעטן פאַרן טויטפיַינד, וואָס וועט זיי אַלעמען אומברענגען...

כ'האָב זיך קוים איַינגעהאַלטן פון אַריַינמישן זיך אין זייער שטריַיט און דערקלערן זיי, אַז מען טאָר ניט אונטער־זעגן דעם צוויַיג, אויף וועלכן מען האַלט זיך. קיין אויסוועג איז ניטאָ. ייִדן מוזן איצט צאָלן אַ טיַיערן פּריַיז — אַ טאָג אַרבעט פאַרן פיַינד פאַר אַ טאָג לעבן. דער טאַריף וועט זיך ענדערן, ווען ס'וועלן זיך ענדערן די באַדינגונגען...

דער אויסגעבראָכענער בראַנד ביַי אונדז. דער בראַנד אויף מאָרגן אין אַ זעגווערק, ווו מען האָט אויסגעפּאַרטיקט ביַיד־לעך פאַר דיַיטשישע פראָנטסאָלדאַטן. די געסטאַפּאָ האָט זיך מיט ביידע פאַראינטערעסירט און פאַרשט. ריַינגאָלד האָט עס מיר פאַרטרויט.

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו אונדז נאָך די ביידע גע־שעענישן אַ זייער צעשרויפטער. אַראָפּגעוואָרפן דעם גרינעם לעדערנעם מאַנטל, אויף וועלכן איך האָב באַמערקט צע־שמירטע ליים און רויט־ברוינע פלעקן. אַראָפּגענומען ס'היטל און (ניט געוויינטלעך פאַר אים) ניט באַגריסנדיק זיך, בייז־לעך־שטאָלץ אויסגערופן:

— אָסקאַר, מיַין בעסטער פריַינד, שנאַפּס, שטאַרקן שנאַפּס! היַינט שטינקט מיַין פּיסטויל מיט ייִדנבלוט!

אַנידערגעזעצט זיך צום טיש אין סאַלאָן, האָט ער זיך פונאַנדערגערעדט, אַז אויסגעקומען איז אים אָקערשט אָפּ־שיקן צום אורפּאָטער אַבראַהאַם צוואַנציק ייִדן פון געטאָ,

צוואַנציק וועלט־אונטערצינדערס, זיי זאָלן מער ניט קאָנען אונטערצינדן קריגסוויכטיקע אָביעקטן.

— דאָס מאָל זענען עס געווען ריכטיקע ייִדן, — האָט ער אַרײַנגיסנדיק אין זיך אַ גוטע פּאָרציע אַלקאָהאָל און קײַענדיק דעם פֿאַרבײַס אויףביידע באַקן, געברײַעט: — שטעל זיך פֿאָר, זיי האָבן זיך ניט געלאָזט! אַנשטאָט זיך אויסטאָן, געוואָרפֿן זיך מיט די הוילע הענט אויף אונדז. אומגעשלײַדערט מיך. האָט די פּיסטויל פֿון אַ קאַמעראַד געטאָן, וואָס זי דאַרף. יאָ, טײַערער פֿרײַנד, בלוט שטאַרקט דעם גערמאַנישן גײַסט. דאָס זאָגט שטענדיק אונדזער ראָטענפֿירער. און נאָך האָט ער געזאָגט, אַז ווו נאָר ייִדן, דאָרטן אונטערצינדערס. האָבן מיר, ווי אַ וואָרענונג, אָן איבערצוקלײַבן, צוואַנציק ייִדן פֿון געטאָ אין אָרדענונג געמאַכט...

ער האָט זיך אָנגעזויפֿט, אָנגעפּרעסן און אַוועקגעפֿאַלן אויף דער סאָפֿע. ווען ער האָט זיך אַ ביסל אויסגעניכטערט, האָב איך אים געוואָרנט, אַז ס'איז צײַט אַוועקצוגיין. צו אונדז קומען באַלד מענטשן.

דערהערט עס, האָט ער זיך גענומען פֿעדערן אין וועג אַרײַן. ער האָט נאָר געהאַט צו מיר אַ פּרעטענזיע, וואָס מאַרגי איז ווייניק געזעסן מיט אונדז בײַם טיש. און נאָך האָט ער מיר אײַנגערוימט אין אויער, אַז מאָרגן קומט ער זוכן אונטערצינדערס אין אונדזער אונטערנעמונג, און איך וועל אים מוזן בײַהילפֿיק זײַן.

— בײַ אונדז האָט אַ קורצשלוס אָנגעמאַכט דעם בראַנד,

— האָב איך אים אַרײַנגעהאַקט אין קאָפּ. — זײַ רויִק.

און איך האָב שוין געוווּסט, אַז ייִדן האָבן געהאַט איבערגעלאָזט אויף איבער נאַכט אײַנגעשלאָסענע פּרעסאַײַזנס. זיי גייען, די ייִדן, ניט אויף לעבן נאָר אויף טויט. אויך אין דעם אַ פֿאַל בין איך ניט קיין ייִד. כ'גיי אויף לעבן. נעם זוכן פֿאַר זיך נײַע באַוואָרענישן.

אין זייערע בלאָקן האָבן די ייִדן אַ מעדיצינישן פונקט. כ'האָב אים געהאַט באַזאָרגט מיט אַ ביסל מעדיקאַמענטן און אַ מינימאַלן אינסטרומענטאַריום, וואָס נאָר ס'האָט זיך געלאָזט אַרויסקוועטשן פון די דײַטשישע אינסטאַנצן. מיטן פונקט האָט אָנגעפירט אַ ייִדישער דאָקטער, אַ כירורג, מיט וועלכן כ'האָב די גאַנצע צײַט געהאַט צו טאָן וועגן פאַרבאַנדשטאָף, היילמיטלען און אינסטרומענטן. כ'בין צו אים אַרײַן „געשעפּטלעך" און צום שלוס אַ פרעג געטאָן האַלב אין שפּאַס:

— און ווי, אויב מען זאָל וועלן אויפשטעלן בײַ אַ מאַנצביל זײַן אָפּגעשניטענע אַרישקייט ?

שטענדיק צוריקגעהאַלטן, זאַכלעך־טרוקן און זייער קאַרג אויף ווערטער, איז דאָס מאָל דער דאָקטער געוואָרן באַרע־דעוודיק און ברייטלעך גענומען באַהאַנדלען די זאַך. ווי ס'וואָלט זיך געהאַנדלט אין מיר פּערסאָנעל, האָט ער מיך אויפגעקלערט כ'זאָל וויסן, אַז פאַראַן אַן אויסוועג. אַ פּאָר־מעלער. פאַראַן אַ פּאַטאַלאָגישע דערשײַנונג אַזאַ — פימאָזיס, ווען מען מוז אויך קריסטן באַשנײַדן. איז די גלײַכסטע זאַך — קריגן אַ צײַגעניש וועגן אַ דורכגעפירטער אָפּעראַציע... ער האָט מיך אויך געוואָרנט, אַז צוהעפטן אַ פרעמד שטיקל הויט קומט ניט אין באַטראַכט. ס'ווערט אָפּגעשטויסן. סײַדן איבערפלאַנצן אייגענע הויט. און דאָס איז גאַנץ קאָמ־פּליצירט. מיט אַ געוויסער פּלאַסטישער אָפּעראַציע קאָן מען צו מאָל עפּעס צורעכט מאַכן...

געוועזן אַ באַזאָרגטקייט אין זײַנע אויפקלערונגען, אַ ווילן צו העלפן, צוצודינען.

— גוט, — האָב איך פאַרענדיקט דעם שמועס און זיך שוין געקליבן אַוועקצוגיין. כ'האָב זיך דערמאָנט אין אַרנאָ־הײַנצן און זײַן גוטהאַרציק־נאַיִוון פאָרשלאָג, וואָס איך האָב גע־האַט אָן איבערטראַכטעניש אָפּגעוואָרפן. איצט וואָלט איך

אים יאָ אָנגענומען. וואַרפט אים אָפּ אַליין די נאַטור. עפּעס לאָזט זיך אָבער יאָ צורעכטמאַכן... כ'בין שוין געווען בײַ דער אַרויסגאַנג־טיר. האָב איך זי פאַרריגלט און זיך אויסגעקערעוועט צום דאָקטער. צוגעגאַנגען האַרט צו אים, שטראַם זיך אויסגעגליכן און געזאָגט:

— דאָקטער, איר דאַרפט מיר עפּעס צורעכטמאַכן. און זאָפאָרט. טוט אַ קוק. ס'לאָזט זיך?

כ'האָב אָנגעהויבן אָפּשפּיליען די הויזן.

דער דאָקטער איז ניט איבערראַשט געוואָרן. אָפּגעטראָטן אַ ביסל אויף צוריק, האָט ער ניט אָנגעוווירן דעם אָפּשײַ צו מיר און דערקלערט זייער ערנסט:

— בײַם בעסטן ווילן... מען מוז האָבן מינימאַלע באַדינגונגען. ס'אַ געפאַר פון סעפּסיס. מען מוז זיך פאַרזאָרגן מיטן נײַעם מיטל, דעם רויטן פראַנטאָזיל.

האָב איך זיך פאַרווונדערט:

— איר פירט דאָ דורך, ווי איך ווייס, אַ גאַנץ ערנסטע כירורגישע באַהאַנדלונג... אין די זעלבע באַדינגונגען...

— אַ באַהאַנדלונג פון ייִדן, — האָט ער אָנגעשלאָסן זײַן ענטפער אין מײַן פראַגע. — אין אײַער פאַל מוז איך זיך באַוואָרענען פון קאָמפּליקאַציעס.

כ'האָב זיך געהאַט דעצידירט. אָפּלייגענישן זענען מיר קיין מאָל ניט צום האַרץ געווען. כ'האָב געפּרוווט באַווירקן דעם דאָקטער, אַז כ'נעם די ריזיקע אין גאַנצן אויף זיך און די זאַך בלײַבט שטרענג דיסקרעט.

ערשט עמעצער דריקט מיט אַראָגאַנץ דאָס טירהענטל. וויל אַרײַן.

דער דאָקטער האָט האַסטיק אָפּגעריגלט, געעפנט די טיר. אין איר איז געשטאַנען רײַנגאָלד — אַ לאַנגע שלאַנג אין אַ לאַנגן, טונקל גרינעם לעדער־מאַנטל. אויפן קליינעם קעפּל — אַרויפגעזעצט אַ גרין פאַרריסן היטל אויף אַרויף.

כ'האָב געפילט, אַז דאָס גאַנצע בלוט מײַנס איז מיר אַרײַן אין קאָפּ, ווען מײַן „בעסטער פרײַנד" האָט פאַרוווּנדערט אויסגערופן:

— אָסקאַר! מיט אַ ייִדן הינטער אַן אָפּגעשלאָסענער טיר! בעסטער פרײַנד, מײַנער!

— און דו, וואָס זוכסטו בײַ אַ ייִדן הינטער אַן אָפּגעשלאָסענער טיר? — איז צו מיר צוריקגעקומען מײַן אײַנגעבוירענע פאַרשײַטקייט, און כ'בין אַרויס אין אָנגריף, אַוועקפירנדיק רײַנגאָלדן אַלץ ווײַטער פונעם מעדיצינישן פונקט.

— איך, איך זוך די אונטערצינדערס! — האָט רײַנגאָלד דערקלערט מיט שטאָלץ. — ס'איז מײַן פליכט!

— אויב אַזוי, ווילסטו מיך אויסקאָנקורירן? — האָב איך געזאָגט מיט אַ געווויסן אויפוואָרף. — ניט שיין פון אַ גוטן ברודער און אַ בעסטן פרײַנד. אַזאַ דעליקאַטע פראַגע. צוזאַמען האָבן מיר זי געדאַרפט דורכטראַכטן און ניט יעדערער באַזונדער...

רײַנגאָלד האָט זיך צעטומלט. געגומען זיך אַנטשולדיקן. זײַן קליין קעפל אויפן לאַנגן האַלדז האָט פאַרלוירן זיך צעוויגט. און די הענט, די לאַנגע בײַטשן, האָט ער ניט געוווּסט ווו אַהינצוטאָן.

כ'האָב אים גענומען צו זיך — אָנזויפן, אָנפּרעסן. אונטערוועגנס האָט ער מיך געבעטן אים צו פאַרשטיין, האָבן מיט אים אײַנזעעניש, אַרויסהעלפן, אויסשטרעקן אַ האַנט. ווײַל איך בין קלוג, ווײַל איך האָב אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס, מוז איך אים העלפן געפינען די יודאַ־באָלשעוויסטישע אונטערצינדערס צווישן „מײַנע" ייִדן. אָן דעם וועט ער, רײַנגאָלד, ניט אַוואַנסירן. ווי לאַנג קאָן ער בלײַבן אַ געוויינטלעכער שטורממאַן און בײַ זײַן נודנעם, געוויינטלעכן דינסט?

בײַ אונדז אין דער היים האָב איך אַוועקגעשטעלט אויפן טיש אַ פלאַש שטאַרקן ווײַנבראַנד, האָפנדיק, אַז דער אַל־

קאָהאָל וועט אים גוט טאָן און אָפּוועגדן זײַנע געדאַנקען אין אַן אַנדערער ריכטונג. מאַרגי ט׳געזאָרגט פֿאַר אַ גוטן פּאַרבײַס, און לויט מײַנעם אַ ווונק האָט זי געמאַכט צו אים פֿרײַנדלעכע מינעס. זײַן שטימונג האָט זיך געהויבן, און ער האָט אויסגעדריקט זיכערקייט, אַז מיט מײַן הילף, מיט דער הילף פֿון זײַן בעסטן פֿרײַנד, וועט ער פֿאַרט הויך שטײַגן. מאַרגי האָט עס אים פֿאַרויסגעזאָגט, און אירס אַ וואָרט איז פֿאַר אים טײַער און הייליק, הייליק, הייליק!

כ׳האָב געהאָפֿט, אַז דער אַלקאָהאָל וועט פֿאַרטושן אין זײַן מוח אונדזער פֿריִערדיקע צופֿעליקע באַגעגעניש. און געטראַכט האָב איך, צי דער דאָזיקער צופֿאַל איז ניט אַ מאָל פֿון גאָט, כאָטש איך האָב אין קיין געטער ניט געגלייבט, ניט געהערט דאָס ווײַטע קלאַפּן פֿון זייער האַרץ און געוויסן.

כ׳בין געבליבן געייִדישט, ווי מײַן טאַטע.

און דאָ איז געשען דאָס פֿאַטאַלע — די פֿאַרבעטונג אַהער.

— —

די בלויע קאָרידאָר־שײַן, יעדע ווײַלע אַ צעפּאַסעוועטע פֿון בלוט־רויטע פֿײַערצינגער, שטייט אָסקאַרן פֿאַר די אויגן, כאָטש ער געפֿינט זיך אינעם העל באַלויכטענעם, סאַלאַט־גרינעם קאַבינעט פֿונעם אויספֿאָרשער מיטן הילצערנעם צי גיפּסענעם קאָפּ און דער מאַסקע אַנשטאָטן פּנים. הינטער אים זענען די טירלעך פֿון דער שאַפֿע מיט די אינסטרומענטן געעפֿנט. דעמאָנסטראַטיוו גרייטע, וואַרטן זיי, די אינסטרו־מענטן, דראָען.

דער אויספֿאָרשער, ווי שטענדיק אין דער אויסגעפּרעסטער גרין־גרויער אוניפֿאָרם, מיטן ברוינעם העמד און שוואַרצן שניפּס, מיט די גלאַנציקע זילבערנע ראַנג־קוואַדראַטלעך און די עס־עס־בליצרונען אויף די קראַגנשפּיצן פֿונעם מונדיר. הײַנט איז ער נאָך מער אָנגעצויגן, שטײַפֿער, ווי גרייטנדיק זיך צו אַ פּיזישן אָנשטרענג.

קאַלטבלוטיק נעמט ער צו די פאַרשריבענע זײַטלעך, וואָס אָסקאַר שטרעקט אים אויס. האַסטיק, האַסטיק פירט ער אַדורך איבער זיי זײַנע גלעזערנע אויגן. זיי בלײַבן פֿרירן, די אויגן, אין זייערע לעכער נאָך דעם, ווי ער ענדיקט איבער־מישן דאָס לעצטע זײַטל. אָן אַ וואָרט אַרויסצובריינגען דער־לאַנגט ער אָסקאַרן אַ בלעטל, וואָס ער נעמט אַרויס פון אַ שוואַרצן פּאַפּיר־האַלטער.

דאָס פּאַפּיר איז פון ברעג ביז ברעג באַדעקט מיט אַ צע־פאָרן גאָטיש געשריפטס. איין שורה קריכט אַרויף אויף דער צווייטער. שווער דורכצוקריכן דאָס געפּלאָנטער פון די ווער־טער. פון צווישן זיי רוקן זיך אַרויס זאָרגעוודיק־דײַטלעך אָנגעשריבענע — דער נאָמען און פאַמיליע־נאָמען — אָסקאַר גריק. שטרענגט זיך אָסקאַר אָן און לייענט ווי ניט איז אַרויס, אַז עס רעדט זיך וועגן דער פאַרריגלטער טיר בײַם יידישן דאָקטער אין די בלאָקן פון די יידישע וועלט־אונטער־צינדערס. און אָפּגעזונדערט הינטער דער פאַרריגלטער טיר האָבן זיך אײַנגעפונען אָסקאַר און דער יידישער אונטער־מענטש מיטן דיפּלאָם... דערנאָך איז געווען עפּעס אָנגע־דריידלט. און אונטערגעשריבן זייער קלאָר — רײַנגאָלד קופּ־פערפּפעניגלאָרד. די דאַטע — דרײַ טעג פאַר דעם, ווי ס׳איז געשען דאָס פאַטאַלע...

נו יאָ, רײַנגאָלד האָט די גאַנצע צײַט געזוכט אויסצודינען זיך, קריגן אַ העכערונג. ביז איצט איז אים דאָס ניט געראָטן. האָט ער געפּרוּווט מיט נײַע מיטלען און אויסגערעכנט, אַז דאָס „פאַרשיטן" זײַן בעסטן פרײַנד קאָן אים מערער אײַנ־טראָגן, ווי דאָס שטענדיקע אויסקוקן אויף יענעמס גנאָד. אויך פון מאַרגין קאָן ער זיך קיין ליבע ניט דערוואַרטן אַזוי לאַנג, ווי איר מאַן פאַרשטעלט דעם וועג...

ווי נאָר אָסקאַר לייגט אַוועק דאָס איבערגעלייענטע בלעטל אויפן טיש און וויל שוין אָפּגעבן אַ דערקלערונג, רוקט אים

דער אויספּאָרשער האַסטיק אונטער אַ צווייט בלעטל.

ס'איז ליניִרט פּאַפּיר. אויך באַדעקט מיט גאָטישן שריפט, אָבער קאַליגראַפיש, יעדעס וואָרט אויסגעציקלט, זאָרגעוו־דיק אַוועקגעשטעלט אויף דער ליניע. אָסקאַר זוכט צוערשט די אונטערשריפט, די דאַטע. האַנעלאָרע הונשקע איז געווען פלינקער. זי האָט געשלאָגן אַלאַרם אַ סך פריִער. צוערשט פאַרגעשטעלט זיך — איר ריינראַסישקייט און ליבע צום פאָטערלאַנד. אָנגעוויזן גענוי דעם נומער פונעם „שטירמער", ווו געווען זענען געדרוקט אירע „שפּאַנונגען"... דערנאָך האָט זי אויסגעגאָסן איר ביטער האַרץ אויף דעם „הער אָסקאַר גריק", וואָס זײַנע אײַנגעבוירענע אייגנשאַפטן רופן אַרויס שטוינונג. ער שטופּט אָפּ פון זיך אַל דאָס אַרישע, אַל דאָס ריינראַסישע. ער האָט אַ דרוקער געצווּונגען אים צו פאַר־שאַפן אומלעגאַלע שוצשײַנען פאַר ייִדן, מיטן ציל זיי צו פאַרהיטן פון דער גערעכטער, נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער רייניקונג. ווײַטער שרײַבט זי, אַז נאָר דערפאַר וואָס אָסקאַר גריק איז באַשאָנקען מיט אַן איבערנאַטירלעכער ווירקונג־קראַפט, איז אים געראָטן צו דערגרייכן אַזאַ פּאָזיציע, און ער איז ניט קיין פּאַרטיימאַן, געהערט ניט דער עס־אַ און איז, אין אַלגעמיין גענומען, אַ טונקעלע פּערזאָן. לעבט מיט אַ פרוי, וואָס איז טיפּיש ייִדיש, און עס פּאַראיבלט אים ניט דערפון, ווי עס דאַרף געשען מיט אַ ריינראַסישן דײַטש.

אָסקאַר לייגט ניט אַוועק דאָס בלעטל. האַלט עס לאַנג אין האַנט. ניט געפּערלעך. ער וועט קאָנען אויפנעמען דאָס געפּעכט. ער טאָר איצט ניט איבערגעבן די איניציאַטיוו, ווי ס'איז געשען נאָכן אַוועקלייגן רײַנגאָלדס „מעלדונג". וואַרט ער ניט און הייבט אָן גענוי אויסצודערציילן, ווי ס'איז אַלץ געווען מיט האַנעלאָרען. מיט אַלע פּיקאַנטע דעטאַלן. איז שוין קלאָר, פון וואַנען עס נעמען זיך דער אינסינואַציע־שרײַבערינס געפילן. ס'אַ קלאַסישע דערשײַנונג, שוין באַ־

וווּסט אין די אוראַלטע צײַטן — די נקמה פֿון די אַלטגריכי־שע וואַקכאַנקעס אין אָרפֿעוסן, וואָס האָט זיי אָפּגעשטופּט פֿון זיך בלײַבנדיק געטרײַ זײַן געליבטער. ס'איז ברונהילדעס צאָרן אינעם „ניבעלונגען־ליד"...

די מאַסקע רעאַגירט ניט. ווידער שטרעקן אויס די הענט פֿונעם אויספֿאָרשער נײַע בלעטלעך. איצט שוין צוויי מיט אַ מאָל. איין „מעלדונג" הונשקעס, אַ זייער קורצע, זייער טרוקענע וועגן דעם פֿאַקט מיטן צעריסענעם געלט נאָך דער קאָרטנשפּיל. די צווייטע — פֿאָן קלוגס. אויך וועגן דער זעלבער זאַך, נאָר אויסגעלייגט באָמבאַסטיש, מיט הויך קלינ־געוודיקע ווערטער אין סטיל פֿון דער פּאַרטייישער פּראַזעאָ־לאָגיע. אָבער אַלץ אָן אַ וועלכן ניט איז אָנדײַט אויף אָס־קאַרס אָפּשטאַם. ס'איז געווען ווי ער, אָסקאַר, האָט פּאָרויס־געזען —ביידע האָבן זיי „געזונגען". זייער רויִק לייגט ער אַוועק די בלעטלעך אויפֿן טיש, דערקלערנדיק:

— עס פֿרייט מיך, וואָס דעם אויספּרווו האָבן מײַנע קאָלעגן גוט באַשטאַנען. מײַן מעלדונג וועגן דעם איז אָן צווייפֿל געווען די ערשטע...

— אַנדערש האָט עס ניט געקאָנט זײַן, — טוט אַ וואָרטשע די מאַסקע. — מען דאַרף אײַך ניט לערנען ווי צו לאַווירן. און דער דרוקער? איר וועט באַלד דערקלערן — פֿאַרזיכערן אַרבעטקראַפֿט פֿאַר דער אונטערנעמונג, זאָרג פֿאַרן פּראָנט, דער זיג פֿונעם דײַטשישן וואָפֿן... מיר קענען דעם דאָזיקן טראַפּאַרעט...

— איין גאָט ווייסט, — האָט אָסקאַר אַ לײַכטן קרעכץ געטאָן, — ס'איז געווען די אָנווײַזונג פֿון מײַן פֿאָרגעזעצטן זיך צו ווענדן דירעקט צום דרוקער, ווײַל אויסגעגאַנגען זענען אינעם שטאָט־קאָמיסאַריאַט די שײַנען, די בלאַנקען.

— ברונער?

אַנשטאָט צו רעדן אָדער וואַרטן אויפֿן ענטפֿער, דערלאַנגט

דער אויספאָרשער אָסקאַרן אַ צײַטונג מיט דער געעפנטער נעקראָלאָגן־זײַט. פון איר שפּאַרט אַרויס אַ שוואַרץ־אײַנגערעמלטע מעלדונג, אַז האָרסט ברונער האָט „געפונען דעם העלדנטויט אויף דער אָסטפראָנט".

„הייסט עס, פאַראַן אַ שטראָפנדיקע האַנט", — טראַכט אָסקאַר. די נײַעס וועגן ברונערס אומקום איז פאַר אים אַן אמתע סאַטיספאַקציע.

דער אויספאָרשער וואַרט, ביז אָסקאַר לייגט אַוועק די צײַטונג. דעמאָלט עפנט ער ענערגיש זײַן שפּראַך־אַרסענאַל:

— אַ שאָד. ברונער וואָלט געקאָנט נעמען דאָס וואָרט. נאָר ווי זאָגט דער פירער: אונדזער צוקונפט מוזן מיר דורכווייקן אין בלוט — אינעם מינערווערטיקן פון אונדזערע פײַנד, אינעם הויכווערטיקן פון אונדזערע בעסטע גערמאַנישע זין... אַ־פּראָפּאָ, בײַ ברונערס מעטרעסע האָט מען געפונען אַ פאַרמעגן. דאָס זענט איר בײַהילפיק געווען? פון דײַטשישן „ווערט־ערפאַסונג"־פאָנד?... נאָר לאָמיר עס לאָזן אין אַ זײַט. פאַראַן וויכטיקערע פּראָבלעמען. איר האָט פון פאָרויס געוווּסט דערפון, פון ברונערס אומקום? איר רעדט אַלץ וועגן קאָנקרעטע, אונדז באַקאַנטע פּערזאָנען. דאָס זענען דײַטשן, אַריער... איך בין אויסן אײַער פּאַטענץ, הער גריק. ניט אין סעקסועלער הינזיכט. איך בין אויסן אײַערע קאָנטאַקטן, די איראַלע קאָנטאַקטן...

— איראַלע? — איז אָסקאַר דערשטוינט.

— נאָר אָן פאַלשן אָנשטעל, טראַכט דעם, וואָס איר מאַכט עס זייער גראָטן, — איז ערנסט־קאָנצענטרירט דער אויספאָרשער, און זײַן מאַסקע ציט צונויף צוויי קנייטשן איבער דער נאָז. — כ'האָב אין זינען קרעפטן, וואָס זענען אַקטיוו, וואָס אָפּערירן מיט איבערנאַטירלעכע מעגלעכקייטן. מישן זיך אַרײַן אין דער אָרדענונג פון אונדזער וועלט... וואָס קאָנט איר מיר דערווידערן?

אָסקאַר קווענקלט זיך: ווי, ווי ענטפערן? פאַרהאַלט זיך מיטן ענטפער. ווייסט ניט וואָס צו ענטפערן.

און דער אויספאָרשער שלײַכט זיך צו צו זײַן רויב:

— וואָס מאַכט איר אַלץ דעם אָנשטעל? ר׳ווייסט דען ניט? נאַ, צום בײַשפּיל, די טרויעריק באַרימטע פּראָטאָקאָלן... פון די, ווי איר רופט זיי, „זיקניי ציאָן"... פון דער יידישער וועלט־קאָנספּיראַציע...

— וואָס האָט עס צו מיר? — צינדט אָסקאַר זיך אָן.

די מאַסקע צעלאַכט זיך. צום ערשטן מאָל לאַכט זי אין אָסקאַרס בײַזײַן. ענדערט איר אויסדרוק. אויפגעהערט לאַכן בלײַבט זי מיט פאַרפרעסטע ליפּן און רוצחיש־שטרענג פאַרגליווערט. נאָך בלייכער ווי געווען. נאָך שפּיציקער ווערט איר קין:

— הערט, אָסקאַר גריק! גענוג געשפּילט זיך אין באַהעל־טערלעך. לאָמיר איינער פאַרן צווייטן אויפדעקן די קאָרטן. אין ביידנס אינטערעסן. מיר ווייסן, אַז ד ו ביסט אַ ייִד!

— אַ ייִד?! — שפּרינגט אָסקאַר אויף און נעמט אָפּשפּיל־יען די הויזן. — מײַן בעסטער באַווײַז...

— נאַ, נאַ, ניט נייטיק, — האַלט אים אָפּ דער אויספאָר־שער. ער איז זיכער, אַז דאָס איז ווידער אַ ייִדישער טריק, אַ שפּיצל אַזאַ. די ייִדן טוען אומקענטלעך באַשנײַדן די יע־ניקע, וואָס ווערן באַשטימט דורכצופירן דיווערסיעס צווישן די אַרישע פעלקער. דאָ האָבן זיי נאָך אַרײַנגעשיקט אַזאַ, וואָס פון זײַן פּנים וועט דער טײַוול אַליין קיין זאַך ניט אָפּלייענען. נאָר ער, דער אויספאָרשער, איז אײַנגעשפּאַרט, איז האַרטנעקיק. זײַן קאָנצעפּציע איז באַזירט אויף דער ראַסן־טעאָריע, דער איינציק געגרונטפעסטיקטער וויסנ־שאַפט, וואָס די לעבנס־פּראַקטיק באַשטעטיקט זי. פון דעם, ווי זײַן קאָנצעפּציע וועט זיך דורכזעצן, איז אָפּהענגיק זײַן קאַריערע, זײַן צוקונפט. ער וועט, ער מוז אַרויסקריגן די

באַשטעטיקונג. אויב ניט מיט גוטן, איז מיט די אינסטרו־מענטן וואָס אין דער אָפענער שאַפע. איין גאָט ווייסט, אַז אינעם געגעבענעם פאַל וויל ער אויסמײַדן גוואַלד.

— פאָרלויפיק דאַרפט איר זיך ניט שרעקן, — צינדט דער אויספאָרשער אָן אַ ציגאַרעט, צו באַרויִקן זיך, און צעבלאָזט אַ שמעקעדיקן רויך איבערן צימער. ווידער אירצט ער זײַן פאָרשאָביעקט: — איר זעט, די אָפענע שאַפע. מיר פאַרמאָגן אַלע נייטיקע מיטלען אַלץ זיך צו דערוויסן. אָבער מיט אײַך, הער גריק, בין איך גרייט צו רעדן גאָר אַן אַנדער שפּראַך. כ'ווייס, איר האָט אַ שיין לעבן, אַ שיינע פרוי און געניסן טוט איר פון לעבן. און כ'באַטאָן צום צווייטן מאָל, אַז מיך וווּנדערט, וואָס איר האָט מיט איר ניט קיין קינדער. כ'פאַר־שטיי, איר דאַרפט האָבן פרײַע הענט. ניט אַזוי? כ'וויל, איר זאָלט וויסן, אַז צוליב אײַערע ביידנס לעבן דאַרפט איר אונדז אין עפּעס העלפן. ס'האַנדלט זיך וועגן זאַכן, צו וועלכע איר האָט אַ צוטריט... פון וואָס איר ווייסט. און ווייסן ווייסט איר ניט ווייניק. אין דעם בין איך איבערצײַגט. ווי קומט איר צו זאָגן, אַז איר זענט ניט קיין ייִד?

אַ דרוק אויף אַ געהיימען עלעקטרישן קנעפּל, און דורך אַ טיר רײַסט זיך אַרײַן אַ ברוין־גרויער וואָלפסהונט, גרויס ווי אַ קאַלב. לויפט צו צום טיש, בייזט שטשירענדיק די ציין, און בלײַבט שטיין פאַרגליווערט ווי אַן אָנגעשטאָפּטער עקס־פּאָנאַט אין אַ זאָאָלאָגישן מוזיי.

דאָס בלוט ווערט פאַרקילט אין אָסקאַרס אָדערן.

דער הונט וואַרפט זיך ניט אויפן פרעמדן.

דער אויספאָרשער איז צופרידן. הינט דערשפּירן, ווען אַ מענטש דערשרעקט זיך, און וואַרפן זיך אויף אים. ייִדן שרעקן זיך שטענדיק. דער אָ ייִד — צו אַלץ האָט ער אַ קעגנ־מיטל. איז דער אויספאָרשער העכסט צופרידן — אַ גרויסער העכט איז אַרײַנגעפאַלן אין זײַנע הענט.

ווידער אַ דריק אויפן עלעקטרישן קנעפּל, און מען שלעפּט אַרויס פֿאַרן האַלדזגאַרטל דעם פֿאַרשטאַרטן הונט.

צו אַ ייִדן מוז אַ ריינראַסיקער דײַטש רעדן אויף „דו״. און ס׳מוז דער ייִד שטיין פֿאַר אים שטראַם אויסגעצויגן, מיט די הענט צוגעפּלעטשט צו די היפּטן. און דאָ זיצט ער, אָסקאַר, אַקעגן דעם אַלמאַכטיקן דײַטש פֿון דעם אַלמאַכטיקן אַנשטאַלט, ווי אַ גלײַכער מיט אַ גלײַכן. אַ נוציקער ייִד. פֿאַראַן אַזאַ באַגריף אינעם נאַצישן לעקסיקאָן. און ער, אָסקאַר, געהערט צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע. העלפֿט די נאַציס פֿירן אַ קריגסוויכטיקע אונטערנעמונג און אַרבעט טאַקע פֿאַר זייער זיג... די דײַטשן וואָס טראָגן זײַנע פּעלצן, וואַרעמע היטלען, הענטשקעס מיט אונטער־פֿוטער, מאָרדע־ווען, ראַבעווען, פֿאַרלענדן. טאָמער איז דאָס ווייניק, פֿאַר־לאַנגט מען פֿון אים נאָך עפּעס אַ דינסט. וואָס פֿאַראַ דינסט? דער אומזיניקער קריגט אומזיניקע דימענסיעס.

דער אויספֿאָרשער איז פֿול אימפּולסן און הערט ניט אויף אָנצוגרײַפֿן:

— אָן צווייפֿל ווייסט איר פֿון אײַערן אַ קאָלעגע — ראובן, גענאַנט רודאָלף, מעסינג. מעגלעך, איר האָט אים פּערזענלעך געקענט. אַ וואַרשעווער... געווען איז ער אין אונדזערע הענט. פֿאַרשפּאַרט אין וואַרשעווער פּאַוויאַק. געהערט פֿון אַזאַ סאַ־נאַטאָריום? דער טײַוול אַליין וואָלט פֿון דאָרטן זיך ניט אַרויסבאַקומען. מעסינג אָבער האָט מיט זײַנע איבער־ראַ־ציאָנעלע מעגלעכקייטן, מיט אַזאַ סאָרט ייִדישן היפּנאָז געצוווּנגען די באַוואַכונג צו עפֿענען פֿאַר אים טיר־און־טויער. איצט איז ער בײַ די רוסן. העלפֿט סטאַלינען...

אָסקאַר דריקט אויס שטוינונג:

— מעסינג?

— נאַ, ווידער מאַכט איר דעם אָנשטעל. איר קענט דען ניט דעם דאָזיקן ברוין־רויטן ייִד מיטן אויסגעפּוקלטן שטערן

און דעם גוז אויפן קאַרק ! אין דעם גוז איז פאַרבאָרגן זײַן מאַגישע קראַפט... און איר פערזענלעך ווילט ניט, פרווט גאָר ניט אַרויסקלײַבן זיך פון דאַנען ! אײַער טיר איז ניט אָפּגעשלאָסן. כ'פאַרשטיי, איר ווייסט ניט גענוי די צײַט, ווען צו אײַך קומען די סוגעסטיווע פּאַטענצן... און גערעכט, וואָס איר פרווט ניט. מיר האָבן אויסגעשטעלט אַ פאַרבאָרגענע באַוואַכונג... אָפּגעקליבענע עס־עס מיט קאָנטראָלירט בלוט...

— צו וואָס זאָל איכ'ס טאָן ? כ'בין איבערצײַגט אַז די אומפאַרשטייעניש וועט זיך באַלד אויפקלערן. כ'בין ניט קיין ייִד ! — איז אָסקאַר אײַנגעשפּאַרט אויף דאָס זײַניקע.

ווי געטראָפן פון אַן אומדערוואַרטן שטויס, פאַלט צוריק דער אויספאָרשער אויפן אָנלען־ווענטל פון זײַן שטול. ס'פאַרציט זײַן מאַסקע אַ גאָר, גאָר שטרענגער, אַזש אַ דראָענדיקער אויסדרוק :

— כ'זע, מירן מוזן אָנקומען צו די אינסטרומענטן... זײַ וויסן, אַז ניט אַלעמען וועסטו קאָנען באַווירקן. פאַראַן טאַקע אַזעלכע, וואָס זענען באַווירקט געוואָרן. פאַראַן אַ סורפּריז...

אויפן דרוק פון זײַן פוס אינעם עלעקטרישן קנעפּל לאָזט מען אַרײַן...

ווי אויף דער בינע, ווען אַ נײַער פערסאָנאַזש דערשײַנט אומדערוואַרט... אַרנאָ־היינץ ! אַ ניט קיין גרעסערער, אין אַ צעקנאָדערטער אוניפאָרם, וואָס האָט איר גראַנאַטעווע פאַרב געביטן אויף אַ ברודיקן ערדקאָליר. זײַנע אַש־בלאָנדע האָר — אויפגעשויבערט, שטייען איבער זײַן שטערן ווי אַ רויך. ער זעט אַרום זיך קיין זאַך ניט. פאַלט צו דירעקט צו אָסקאַרן :

— אַבי דו לעבסט ! כ'האָב געפילט, ס'האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז... קוים האָט מען מיך געפרעגט אויף דיר...

דער אויספאָרשער פאָדערט־אויף אַרנאָ־היינצן אָפּצוטרעטן, בלײַבן אויף אַ דיסטאַנץ פון אָסקאַרן, און פרעגט זייער שטרענג:

— ווייסט איר, אַרנאָ־היינץ ווײַגעל, אַז אָסקאַר גריק איז אַ ייִד?

גלײַכט זיך אויס אַרנאָ־היינץ און ענטפערט מיט אַ צע־קוואַטשטער שטים:

— כ'ווייס איינס — איך האָב אים געליבט, איך ליב אים און וועל אים אייביק ליבן!

די מאַסקע ווערט אָנגעשפּיצט:

— ביסטו אויך אַ ייִד?!

— איר קאָנט עס אויספאָרשן, הער שטורמפירער. איר קאָנט מיך דערוויַילע פאַרשפאַרן צוזאַמען מיט אָסקאַרן. מיט אים וויל איך טיילן לייד און פרייד...

דאָס מויל פון דער מאַסקע שפּאַרט פון זיך אַרויס אַ טרוקענעם געלעכטער, ווי צוויי ברעטלעך וואָלטן געקלאַפּט איינס אין צווייטן. געקלאַפּט און פּלוצעם אויפגעהערט. די פאַרגליווערטע ליפּן עפענען זיך מיט אַ באַדויער:

— און דו פירסט עס אָן מיט אַ דײַטשישער אײַזנבאַן! איצט פאַרשטיי איך, פאַר וואָס אונדזערע אַרמייען זענען געבליבן שטעקן אויף אַן אָרט דאָרטן, אין רוסלאַנד...

דעם אויספאָרשערס פּוס טוט צוויי מאָל אַ קוועטש דעם גלעקלקנאָפּ.

צוויי פּאָסטנס קומען אַרײַן און טוען אַ נעם אַרנאָ־היינצן אונטער די אָרעמס. ער פּרוּווט זיך ראַנגלען, רײַסט זיך צו אָסקאַרן. מען פאַרברעכט אים אָבער די הענט, און דער באָדן גליטשט זיך אַוועק פון אונטער זײַנע פיס...

יעדע ערלעכע לײַדנשאַפט, וואָסערע זי זאָל ניט זײַן, איז ניט לעכערלעך. נעמט אַ שרעקלעכער ווייטיק אַדורך אָס־קאַרן. ער איז אויפגעטרייסלט, פריטשמעליעט. ער ווייסט

אָבער ווי אויסצוהיטן דעם גליַיכגילט, ווערן אַ ניט־היגער... אָ, ווען ער קאָן טאַקע נאָכטאָן מעסינגן! געוויס, ער ווייסט פון אים, געהערט וועגן אים. אים נאָכטאָן... צי דאַרף ער, אָסקאַר, זיך אָנשטרענגען אַזוי, אַז דער מוח זײַנער זאָל זיך צעוויברירן און אַרויסשיקן אַ ספּעציפישע ציטערניש, וואָס באַווירקט דאָס הײַטל און די פונקציעס פון אַ צווייטן מאַרך?

דער אויספאָרשער וועקט אים אויף פון דער פאַרטראַכט־קייט:

— אָסקאַר גריק, ביסט אַ ייִד! מיר האָבן דאָקומענטאַלע באַווײַזן.

— באַווײַזן? — פאַרוואונדערט זיך אָסקאַר. — פון וואַנען קאָנען זיי קומען? איך בין אַן אַדאָפּטירט קינד. פון געבורט אַן אומגעזעצלעך קינד... און ניט געיידישט... וואָס קער איך זיך אָן צו די פון גאָט און פון מענטשן פאַרשאָלטענע?

ווערט ערנסט די מאַסקע און דערווידערט זאַכלעך:

— דאָס איז אַ קלוגער ענטפער. אַ פּיפּיקער גאַנג. כ'ווייס, דו האָסט אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס. ווען ניט, וואָלסטו דען דערגרייכט דײַן פּאָזיציע? און וואָס אויף דיר איז נאָך אַרויפגעלייגט... אַ־פּראָפּאָ, ווער ט'געגעבן די אָנווײַזונג, זאָלסט אין געטאָ ניט גיין? דאָס איז וויכטיק. די ווערסיע פון דער אַדאָפּטאַציע זעט מיר ניט אויס... מיר, דײַטשן, גלייבן דאָקומענטן. שוואַרץ אויף ווײַס. און אַזעלכע, ווי זענען זיי? מיר ווייסן אויך, אַז ייִדן וועלן ניט אַדאָפּטירן קיין פרעמדשטאַמיקן גוי. ווי ס'זאָל ניט זײַן, ניט קיין געוויינטלעכער ייִד ביסטו! און דאָס איז די הויפּטזאַך, דײַן פּריווילעגיע...

און ווידער רײַסט זיך בײַ אָסקאַרן אַרויס אַן אָפּלייקע־נונג, ווי ער וואָלט פון זיך אָפּגעשלײַדערט דעם טויט. ער איז ניט קיין ייִד!

דער אויספאָרשער איז מיד. ער ווערט אויך אומגעדולדיק.

צו לאַנג פֿאַרציט זיך די שפּיל. אַזאַ פּרעציזע פּרעלימינאַרע אויספֿאָרשונג, אַ גוט באַטראַכטע צוגרייטונג, ווי אַ מאַסיווע אַרטילערישע באָמבאַרדירונג פֿאַר אַ פֿראָנטאַלן אָנגריף. און גאַנצע דרײַ וואָכן פֿאָרשן דירעקט דעם אָביעקט! צום דאָנער־וועטער! אומיסטן ווערן בײַ די ייִדן אַזעלכע צוגעקליבן. מיט דראַט אָנשטאָט נערוון. מיט געזיכטער און אייגנקייטן אָן די ספּעציפֿישע ייִדישע אַטריבוטן. מיט אַ ניט געייִדישטן קערפּער. וואָס טראַכט ער זיך, דער ייִד, וואָס אַנטקעגן אים? ער זיצט רויִק, אַנשטאָט צו שטיין מיט די הענט אַראָפּ־געלאָזט און ציטערן. אויב ס'איז טאַקע אַזוי, אַז דער דאָזיקער אָסקאַר גריק ווייסט ניט פֿון זײַן פֿונקציע אין דער ייִדישער פֿאַרשווערונג, פֿילט ער זי אויס אינסטינקטיוו. ער, דער אויספֿאָרשער, מוז עס אָבער דערוויסן. און אויב ס'געראָט אים ניט צו געווינען דעם דאָזיקן טיפּ פֿאַרן קאַמף מיט דער ייִדישער קאָנספּיראַציע? דעמאָלט גייט פֿאַרלאָרן זײַן בעסטער שאַנס צו אַוואַנסירן. ס'וועלן צערינען האָפֿע־נונגען. ס'וועט פּלאַצן זײַן קאַריערע. טריומפֿירן וועט דער שטאַנדאַרטנפֿירער, וואָס איז סקעפּטיש צו פֿרישע קאָנ־צעפּציעס, פֿאַרמאָגט אַליין ניט קיין אינטויִציע און לאָזט דעם צווייטן ניט אַרויסווײַזן שווונג און איניציאַטיוו. יענער איז אַ געוויינטלעכער פֿליישער — קאַטעוועט ווו ער טרעפֿט נאָר, זעצט אַרויס ציין, אויגן, ברעכט ריפּן, דרייט אויס גלידער פֿון די געלענקען, רײַסט נעגל, לאָזט אַרײַן נאָדלען אין די אינטימע ערטער און האָט ליב בלוט. עס דאַרף זיך גיסן וואָס מער בלוט. און דערנאָך — אַ קויל אין נאַקן. מעגלעך, אַז איצט איז די סטאַדיע אָנצווענדן צו דעם ספֿינקס, וואָס אַנטקעגן אים, אַ האַרבערן צוגאַנג. דאָס געצײַג איז גרייט. מען דאַרף בלויז דרײַ מאָל אַ דריק טאָן מיטן פֿוס אויפֿן גלעקלקנאָפּ, וועלן אַרײַנקומען די פֿאַכלײַט. אין געגעבענעם פֿאַל איז עס אָבער קעגן זײַן קאָנצעפּציע

און די געפּלאַנטע סטראַטעגישע גענג. אויך מוז ער זיך היטן פֿאַרן היפּנאָטישן בליק פֿון דעם ניט־געוויינטלעכן ייִדן, וואָס לייקנט אַז ער איז אַ ייִד. און דאָס פֿאָדערט אַן איבער־מענטשלעכן אָנשטרענג.

— איך וואָרן! — טוט דער אויספֿאָרשער אַ פֿאָכע מיט דער האַנט אין דער ריכטונג צו דער שאַפֿע. — לאָמיר אויס־מײַדן אַ בלוטיקע קאָנפֿראָנטאַציע און ניט לאָזן אין גאַנג דאָס געצײַג. מירן אָן צווייפֿל געפֿינען אַן אינאיינעמדיקע שפּראַך. ווי געזאָגט, איר דאַרפֿט בלויז מיטאַרבעטן — אָפֿן און ערלעך... עס גייט אין... — דאָ ווערט די מאַסקע שטאַרק פֿאַרכמורעט און נעמט דוצן אָסקאַרן: — זײַ ויסן — דײַן לעבן און דאָס לעבן פֿון דײַן שיינער לעבנס־באַגלייטערין שטייען אין קאָן. ווייסט דאָך, אַז ייִדן לעבן בײַ אונדז אַזוי לאַנג, ווי זיי זענען אונדז נוציק. האָף איך, אַז וועסט אונדז לאַנג ברענגען נוצן. אַזוי לאַנג, ווי וועסט לעבן. דרײַ וואָכן האָסטו שוין געקראָגן אין אַוואַנס. מיר קאָנען געבן אַ פּראָ־לאָנגאַציע אָן אַ שלוסטערמין — דיר, דײַן הייסגעליבטער פֿרוי. אַזוי לאַנג, ווי ס'וועט אײַך באַשערן דער ליבער הער גאָט. מיר... כ'מיין, אַז פֿאַרשטייסט, מיט וועמען דו האָסט צו טאָן. און דו מיין ניט, אַז כ'ווייס ניט וועגן דיר אַלץ, אַלץ... און אַלע ערטער, וווּ ביסט אויסגעוועןן. און כ'ווייס, אַז איר ביידע האָט ניט קיין קינדער, ווײַל זיי בינדן הענט און פֿיס. און כ'ווייס, אַז דײַן פֿרוי באַנוצט זיך מיט דער כיראָמאַנטיע אום דיך אַרויסצוהעלפֿן. מיר פֿאַרשטייען די דאָזיקע פֿוילע שטיק! אונדז זענען באַקאַנט אַלע דײַנע טונ־קעלע מאַכינאַציעס. כ'ווייס ניט דײַנע פֿאַרבינדונגען, דאָס זיצאָרט פֿון אײַער צענטראַלע. אײַערע געהיימע באַראַטונגען און וועלט־אונטערצינדערישע פּלענער... און דײַן פֿונקציע אינעם פֿאַרברעכערישן געזינדל? ביסט געווען בײַם ייִדישן דאָקטער. אַ־יאָ? דער בראַנד אין דער קריגסוויכטיקער

אונטערנעמונג. געשיקט האָט מען דיך אַרײַנצודרינגען און אונטערצינדן זי און אויסגערעכנט דעמאָלט, ווען אירע מאַ־גאַזינען זענען פול געווען מיט פּאַרטיקע זאַכן און רוישטאָף. אויף מאָרגן איז אין שטאָט אַוועק מיטן פּײַער אַ קריגס־וויכטיק זעגווערק. ס'איז די טיפּיש־ייִדישע אונטערצינדערי־שע האַנטשריפט. און מיין ניט, אַז מיר ווייסן ניט...

ס'פאַרהאַלט זיך דער דײַטש. גענוג! גענוג האָט ער גע־רעדט. ניט נייטיק איז צו דעקלאַרירן פאַר דעם אָ ייִדישן עקספּאָנאַט, אַז מען ווייסט גענוי ווער די ייִדן זענען און וואָס זיי פאַרטראַכטן. די באַרימטע „פּראָטאָקאָלן פון די סיאָן־קלוגע", וואָס יעדעס קינד קאָן זיי לייענען, האָבן אויפגעדעקט די ייִדישע אַספּיראַציעס. די ייִדן האַלטן, אַז זיי זענען באַשאַפן פון אַ געטלעכן שטאָף, דעריבער מוזן אַלע רײַכקייטן פון דער וועלט געהערן צו זיי. דער גוי האָט ניט קיין רעכט צו געניסן פון אַל דעם גוטס. דאָס בלוט פון אַ גוי איז גאָרניט ווערט, און דער ייִדישער גאָט באַלוינט גאָר פאַרן טייטן אַ גוי. דער הויפּטציל פון די ייִדן איז צו באַ־הערשן די וועלט, און אויפן וועג דערצו זענען דערלויבט די געמיינסטע פאַרברעכנס. דאָס אַלץ איז אַ דאַנק די „פּראָ־טאָקאָלן" אַלגעמיין באַוווּסט, און היטלער איז געקומען ראַטעווען די מענטשהייט פון ייִדישן אומגליק. און אויך ער, דער אויספאָרשער, לייגט צו אַ האַנט. נעמט ער זיך ווידער אייפערדיק צו איינעם פון די קאָנספּיראַטיווע ייִדישע רעדלפירערס:

— יאָ, ביסט געווען בײַם ייִדישן דאָקטער. הינטער אַן אָפּגעשלאָסענער טיר. און פאַר וואָס ווייסט דער דאָקטער צו זאָגן, אַז איר האָט באַהאַנדלט בלויז די אַפּראָוויזאַציע פונעם מעדיצינישן פונקט? צונויפגערעדט זיך?

אָסקאַר וויל עפּעס זאָגן, באַמערקן, אויפקלערן, דערלאָזט עס ניט דער דײַטש. ער גרײַפט אָן און מען טאָר אים ניט

שטערן. זײַן מאַסקע שטעפּט די פּראַזעס אין אַ פּרעציזער שפּראַך. מען פילט, ווו עס קומט אַ פּונקט, אַ קאָמאַ, אַ פּרעגצייכן, אַפילו אַ זעמיקאָלאָן אויף איבערצוכאַפּן אָטעם. דערצו שיטן זיך אָן אויפהער אָנצוהערענישן:

— געוויס ווייסטו פון דעם אַהאַסוער. קענסט דעם אייביקן וואַנדערייִד. אין יעדער עפּאָכע בײַט ער זײַן געשטאַלט. אויף ווען, אויב אַזוי, זענען באַשטימט אײַערע באַגעגענישן? נאָר דריי זיך ניט אַרויס פון אַ דירעקטן און קלאָרן ענטפער, אויב ווילסט אויסמײַדן...

דער געענדערטער טאָן, דאָס שטאַרק באַטאָנטע דוצן אים האָבן אָסקאַרן קיין גוטס ניט אָנגעזאָגט. ער איז געווען ווי צוגעקוועטשט צו דער וואַנט. עמעצער האָט, אָנכאַפּנדיק אים פאַר די האָר, ווי געשטויסן זײַן קאָפּ אין שטיין. געבאָדן האָט ער זיך אין אַ קאַלטן און זייער בײַסיקן שווייס. אָפּגעהיט האָט ער אַ טאַפּ געטאָן מיט דער האַנט דעם שטערן, די נאָז — צום גליק זענען זיי געווען טרוקן און האָבן ניט אַרויסגעגעבן זײַן צערודערונג. דער ציגאַרעטן־רויך, וואָס איז געהאַנגען ווי אַ נעפּל איבערן טיש פונעם אויספאָרשער, האָט מער ניט געשמעקט מיט זײַן פּאַרפום־ריח, נײַערט האָט געקרעלט אין האַלדז, געשטיקט, פאַרקוועטשט די קעל.

ער מוז האָבן אַן איבעררײַס, אָסקאַר, אָפּצואָטעמען און צו מאָביליזירן דאָס לעצטע, צונויפשאַרן וואָס נאָר מעגלעך אינעם אויסגעלייזדיקטן רעזערוו פון זײַנע קאַמפּמיטלען. געווינען צײַט! די אייגציקע סטראַטעגישע אַלטערנאַטיוו...

— הער שטורמפירער, — הייבט אָסקאַר אָן זייער האָפערדיק און דערפילט, אַז זײַן אײַנגעשפּאַרטקייט קאָן אַראָפּפירן דעם קעגנער פון זינען. — איר ווייסט זיכער פונעם ווערטל, אַז אַ פאַרזע איז ערגער פון אַ פאַרברעך... איך וויל אײַך ניט ברענגען צו קיין פאַרזע. כ׳מוז אָנערקענען, מוז

באַוווּנדערן אײַערע מעטאָדן. מוז באַוווּנדערן אײַער צוגאַנג. מוז אויסדריקן אָפּשײַ צו אײַך פּערזענלעך. האָב איך אַ פאָרשלאָג. הײַנט, אויב ס'פּאַרפּירט מיך ניט דאָס געדעכעניש, איז מאָנטיק. רופט מיך אַרויס פינקטלעך האַלבע נאַכט פון פרײַטיק אויף שבת... וואַרט נאָר, וואַרט, — אָסקאַר פאַר־טראַכט זיך פילדײַטיק, ציילט עפּעס אויף די פינגער. — יאָ, פּריסטנס פון פרײַטיק אויף שבת, אויב דעם הער שטורמ־פירער פּאַסט די צײַט. געניוי מיטנאַכט...

אַ דערבראַכטער צו דער העכסטער שפּאַנונג, דערפילט דער אויספאָרשער דעם זיסן טעם פון ערשטן נצחון. אײַנגע־בראָכן דעם קעגענער! פאַרשטאַנען האָט ער, אַז דער דאָזיקער טיפּ טאָר זיך ניט אָריענטירן אין דער צײַט, וועט ער ניט וויסן, ווען ער קאָן דורכפירן די אין פאָרויס באַשטימטע ספּיריטואַליסטישע סעאַנסן — די קאָנטאַקטן מיט די אַנ־דערע פאַרשווערערס. איצט איז קלאָר אַז ער, אַ געוויינטלע־כער שטורמפירער פון עס־עס, וועט זײַן פון די ערשטע וואָס דעקן־אויף קאָנקרעטע אַנטיילנעמערס אין דער טרויעריק באַרימטער יידישער פאַרשווערונג קעגן דער אַרישער ראַסע און דער גאַנצער וועלט. ווען דער דאָזיקער ייִד, וואָס האָט ביז איצט ניט אָנערקענט זיך פאַר אַ ייִד, וואָלט ניט געווען איינער פון „יענע", וואָלט ער דאָך ניט געקאָנט אַזוי טיף אַרײַנדרינגען אין די אַרישע ספערן... איצט וועט ער, דער אויספאָרשער, פון אים דערגיין, ווען און ווו די יידישע וועלט־פאַרברעכערס פירן דורך זייער אַלגעמיינע „אַסיפאַ" און וואָס וועט איצט שטיין אויף איר טאָג־אָרדענונג. דער אויס־פאָרשער זעט אויפגיין די פּרוכט פון זײַן שווערן פאַרזיי: טרוימען ווערן פאַרווירקלעכט! יאָ, הימלערן פערזענלעך וועט ער פּרעזענטירן דעם דאָזיקן ייִדישן פויגל! אַ גליק־לעכער פאַרציט ער אַ פרישן ציגאַרעט און שלינגט גיריק דעם רויך. שטייט אויף און דערלאַנגט אָסקאַרן די האַנט:

— אַלזאָ, אום האַלבער נאַכט פון פּרײַטיק אויף סאַבאַט...
און אויך צו די מאַסאָנען־לאָזשעס וועלן מיר דערגיין...

צום ערשטן מאָל זינט ער האָט געשווירן טרײַשאַפט דעם האַקנקרייץ, גיט ער אַ ייִדן די האַנט — אין די אינטערעסן פונעם פירערס קאַמף.

די מאַסקע טוקט זיך אין אַ צעשמאָלצענעם שמייכל.

צוויי אַרויסגערופענע וואַכמענער פירן אַוועק אָסקאַרן.

אַן אויסגעשעפּט־צופרידענער לאָזט זיך אַראָפּ דער אויס־פאָרשער אויפן שטול.

ס׳איז צײַט אַרויסצוהייבן פון איר נעסט און ברענגען אַהער דעם ייִדנס שיינהייט.

— —

אויפן צווייטן טאַפּטשאַן שלאָפט מאַרגי, אַ דערדריקטע. פאַרכליניעט זיך מיט אַ שווערן שלאָף. צוליב אים, אָסקאַרן, איז זי אַרײַנגעפאַלן אין דעם שמוציק בלויען אָפּגרונט. בכדי צו פאַרגרעסערן דעם דרוק אויף אים, פאַרשטייט ער, האָט מען זי געבראַכט אַהער און ניט פאַרשפאַרט ערגעץ אין אַ קעלער, צי געפירט דירעקט צו דער גרוב...

אויס נעפלען, אויס מיראַזשן. אַ זייער טרויעריקע, זייער ניכטערע וואָר פון ליגן ווי אַ צוזאַמענגעבראָכענער אַמאָק־לויפער אין אַ נעפל פון ציגאַרעטן־ווײַרויך. וויפל צײַט האָט ער אין זײַן דיספּאָזיציע? מינימום פיר מעת־לעת. מאָל פיר און צוואַנציק שעה און מאָל זעכציק מינוט. און דאָס אַלץ — מאָל זעכציק סעקונדעס, די איינציקע צײַטמאָס וואָס גילט פאַר אים איצט. דאָס איז ניט ווייניק. גענוג צײַט עפּעס זאָל געשען — דאָ־הי, אויף די פראָנטן, אין דײַטשלאַנד, אין דער וועלט. טאָמער עס געשעט דערווײַלע גאָרניט, קאָן ער די שפּיל פאַרציִען. ווי יענער ווינטשט זיך — שפּילן אין קאָרטן, ווי דאָס אָרט פון קיניגן, קיניגינען און פּויערים פאַרנעמען קרום־נעזיקע, לאַנגבערדיקע ייִדישע וואַמפּירן, אַראָפּגעגאַנ־

גענע פון די זײַטן פון „שטירמער". פֿאַרצײַען די מיסטעריעזע שפּיל, כאָטש ניכטער געטראַכט, טאָר מען ניט אויף קיין סעקונדע אַרײַנגעבן אין די הענט פון מאַניאַקן אַ וועלכן ניט איז אָנהאַלט פֿאַר זייער ראַסיסטישער פּאַראַנאָיע.

די מיראַזשן זענען פֿאַרשוווּנדן. ער האָט וואָס צו זאָגן מאַרגין. שלאָפֿט זי. און אַז זי וועט דערוואַכן? אָן אַ וואָרט אויסצורעדן, ווי זאָל ער איר זאָגן? אָנשרײַבן? זענען די בלעטלעך שרײַבפּאַפּיר אויסגעציילט. וועט איינס פֿעלן, קאָן מען זיך ריכטן אויף אַ האַרמידער: אויף וואָס אויסגענוצט? צי ניט געשריבן אַ קאָנספּיראַטיוון ראַפּאָרט צו יענע, וואָס פֿאַרמעסטן זיך אומצוברענגען די אַריער?... אָסקאַר האַלט קוים איין דאָס געלעכטער. אײַנגעהאַלטן עס, ווילט זיך אים אַזש וויינען: דײַטשן... מיר דײַטשן, מיר עסטרײַכער... וואָס פֿון אונדז איז געוואָרן!

די מיראַזשן זענען פֿאַרשוווּנדן, פֿאַרזונקען הינטערן האָריזאָנט פֿונעם לעבן, און אָסקאַר ליגט אַן אויסגעליידיקטער, אויסגעהוילטער אינעם צעמישעניש פֿון דער בוטאַפֿאָריע, וואָס ער אַליין, דער צופֿאַל און זײַן ייִדישער פֿאַטום האָבן אַרום אים צונויפֿגעשאַרט, אויפֿגעשטעלט אויף אָפּצושפּילן אַ טראַגעדיע. אויף דער בינע פֿון לעבן צי גאָר אויף אַ מאָדערנער גלאַדיאַטאָרן־אַרענע?... אַ געוויסע פּראָלאָנגאַציע פֿאַר אים און מאַרגיס לעבן וועט זיך באַקומען. פֿאַר וואָר, דער קראַנק וועט דערנאָך זײַן שטאַרקער, הילכיקער. אָבער ביז דעמאָלט — ניט וויניק סעקונדעס, אָנגעלאָדענע מיט אַן אַ צאָל שאַנסן און מעגלעכקייטן.

די מיראַזשן זענען פֿאַרשוווּנדן... ביז האַלבער נאַכט פֿון פֿרײַטיק אויף שבת. נאָך דעם, ווי ייִדן ריכטן אָפּ זייערע צערעמאָניעס מיטן ליכטצינדן, מיטן דאַוונען און דעם פֿײַערלעכן מאָלצײַט. זיכער ווייסט דער שטורעמפֿירער פֿון דעם, איז באַהאַוונט אין דער ייִדישער טראַדיציע... זעט עס אויס

צו זײַן באַזונדערש מיסטעריעז — אין דער נאַכט פון פרײַ־טיק אויף שבת... אַ גוטער, אַ גלענצנדיקער אײַנפֿאַל! הײַנט איז די נאַכט פון דינסטיק אויף מיטוואָך. ווען וועט מען אַרויסרופן מאַרגין? ער פאַרלאָזט זיך אויף איר געזונטן פאַרשטאַנד און אָפּגעהיטנקייט. אויך זי וועט לייקענען, אַז זיי זענען ייִדן...

ס׳איז שוין די נאַכט פון דינסטיק אויף מיטוואָך.

און הייבן הייבט זיך אָן די לעצטע סטאַדיע אויף דער לעצ־טער דיסטאַנץ פונעם פאַרצויגענעם

גלאַף צום פיניש — — —

מיטוואָך אין דער פרי.

דער אויספאָרשער גרייט זיך אויפצונעמען די לעבנס־באַגלייטערין פונעם אויסנעמלעכן ייִדן. מעלדט זיך פלוצעם אָן זײַן שפירהונט, רײַנגאָלד קופפערפפעניגלאָרד.

פאַרן קומען אַהער האָט רײַנגאָלד זיך געהאַט אָנגע־שטויסן אין דער פאַרזיגלטער אַרײַנגאַנג־טיר צו מאַרגין... נאָך אָסקאַרס מיסטעריעזן פאַרשווינדן איז ער יעדן טאָג געווען בײַ איר. ער פלעגט קריגן אויסצוטרינקען און צו פאַרבײַסן. דערבײַ פלעגט ער פרווון דערקלערן, אַז ער קאָן אָן איר ניט לעבן. איצט, אַז אָסקאַר לײַדט צוליב זײַנע שאַכער־מאַכער־קאָמבינאַציעס... געגעבן האָט ער איר צו פאַרשטיין, אַז ער, רײַנגאָלד, געהערט צו די אַלמאַכטיקע, וואָס אַלע ציטערן פאַר זיי. הינטער זײַנע פלייצעס — ווי הינטער אַן אײַזערנער וואַנט. און זי איז אײַנגעשפאַרט געווען: אַז אָסקאַר וועט צוריקקומען, וועט איר שטימונג זײַן דערבײַ, וועט זי אָנהייבן ווערן אומגעטרײַ דעם מאַן. האָט רײַנגאָלד פאַרטרונקען איר ענטפער מיט אַ שטאַרקן געטראַנק, גוט פאַרביסן און געמאָלט זיך צוקונפטבילדער. געטריבן האָט ער פון זיך די קלאַנגען וועגן די גריקס...

ער האָט זיך פאַרלאָזן אויף זײַן קענטעניש צו דערשפּירן אַ ייִדן לויטן גערוך, געגלייבט זײַנע אויגן, וואָס דערקענען ייִדן לויטן נאַקן, לויט די אויערן און נעגל. ניט אומזיסט איז ער דורכגעגאַנגען אַ ספּעציעלן קורס... נאָר אַז ער האָט דערזען די פאַרזיגלטע טיר, האָבן זיך אים די אינגעווייד איבערגעקערט. געמוזט האָט ער אויסטרינקען. אויפן מאַרק האָט ער אויסגעביטן בײַ איינעם אַ ספּעקוליאַנט דעם האַנט־זייגערל, אָסקאַרס געשאַנק, פון וועלכן ער האָט געוואָלט לויז ווערן, אויסגעביטן אויף אַ פלאַש היימישן בראָנפן און אַ שטיק געריכערטן שפּעק. אָנגעטרונקען זיך...

איצט שטייט ער פאַרן שטורמפירער. ווי שטענדיק, שטראַם אויסגעצויגן, מיט צוגעקלאַפּטע אָפּצאַסן. אַלע קנעפּלעך פאַר־נעם פרענטש — צוגעשפּיליעט. ער ווייסט, אַז זײַן שעף פאַר־לײַדט ניט קיין אָפּגעשפּיליעטן קנאָפּ. ער געדענקט עס, כאָטש אויך אין קאָפּ קערט זיך בײַ אים אַלץ איבער, און ניט בלויז אין די געדערעם.

רײַנגאָלדס קליין קײַלעכיק קעפּל ציטערט אַזש פון שפּאַ־נונג און זייער האַסטיק טוט ער ראַפּאָרטירן:

— איך האָב די ערע... די ערע... איך האָב אויפגעדעקט און האָב געמאָלדן וועגן אָסקאַר גריק הינטער דער פאַר־שלאָסענער טיר בײַם ייִדישן דאָקטער. און ווידער האָב איך די ערע צו מעלדן... צו מעלדן, אַז הײַנט... פריִער, ס'הייסט געגנוי הײַנט אין דער פרי, דערזעענדיק די פאַר־זיגלטע טיר... נאָרמאַל האָב איך דעם מאָגן איין מאָל אַ טאָג, אין דער פרי. אָבער הײַנט געמוזט גיין נאָך אַ מאָל, און זיצנדיק אין קלאָזעט איז מיר אײַנגעפאַלן... אַזוי וואָר ווי איך לעב — דער אייביקער ייִד מיטן געלן געזיכט, מיט דער שפּיציקער באָרד, מיט דער שפּיציקער נאָז און שפּי־ציקע אויגן, מיט די שפּיציקע שפּאַרבער־נעגל, פון וועלכע עס טריפט בלוט... דער אייביקער ייִד האָט מיך באַשטעלט,

כ׳זאָל דערשיסן דעם פּירער... דעם פּירער אַדאָלף היטלער! כ׳מעלד עס ווי אַ פונקציאָנאַר פונעם זיכערהייט־דינסט! אַזוי וואָר ווי איך לעב!

— ביסט ווידער באַטרונקען! — שפּרינגט אויף דער אויס־פּאָרשער. — ווען ניט דײַן פּראָטעזשע, וואָלסטו בײַ מיר שוין לאַנג געפלויגן!

— ניט באַטרונקען, ניט! — נעמט אַזש ציטערן רײַנגאָלד מיטן גאַנצן קערפּער, און זייער נעבעכדיק פאַרטיידיקט ער זיך: — ניכטער ווי אַ טרוקענע פלאַש, אַזוי העלפט מיר גאָט!

דעם אויספאָרשער טוט עס אַ טראָג איבערן צימער. צע־דולט לויפט ער הין און צוריק ריטשענדיק:

— איך זע, זע! ניט רײַנגאָלד, רײַנע שײַסע ביסטו! ניט קופּפערפּפעניגלאָרד, אַן אַרשלאָך ביסטו! און אָנגעגעבן זיך, אַז דערשפּירסט ייִדן לויטן גערוך. און געשווירן האָסטו אָקערשט, אַז ביסט ניכטער. פאַלש געשווירן מיט גאָט! פאַרשטייסטו דײַן שולד?! און וואָס זאָגסטו? דערשיסן דעם... דעם...

דער אויספאָרשער פאַרהאַלט דעם אויסבראָך פון זײַן צאָרן. לויפט צו צום פענצטער. טוט אים ראַפּטעם אָן עפן. אַרײַנגעלאָזט קאַלטע לופט, אָפּצופרישן זיך. קילט עס אים אַ ביסל אָפּ און ס׳פאַלט אים אײַן, אַז אָסקאַר גריק האָט זיכער געהאַט אַ קעגנווירקונג קעגן ייִדישן גערוך. דאָס רע־האַביליטירט רײַנגאָלדן, וואָס שטאַמט פאָרט פון אַ זייער געאַכפּערטער גערמאַנישער פאַמיליע און האָט הויכגעשטעל־טע פּראָטעזשירערס.

— און דאָס ייִדנווײַב?! — רייסט ווידער זיך אויף דעם שטורמפירערס צונג. — דאָס מאַדיאַרישע ייִדנווײַב, ווי איר רופט זי דאָרטן, מאַרגי? ביסט גשלאָפן מיט איר, האַ? ווי איז זי אין בעט — הייס צי קאַלט? קלאָר, אָנטיילגענומען

האָסטו אין דער ייִדישער פאַרשווערונג. אין זייער קאָנספּי־ראַציע! און וואָס ביסטו דאָרטן געקראָכן צום דאָקטערס פאַרשלאָסענער טיר, האַ? און די ייִדישע אונטערצינדערס, ווו זענען? קיין איינעם האָסטו ניט אויפגעדעקט! און אויפפּאַסן האָסטו געזאָלט אויף דער קריגס־וויכטיקער אונטערנעמונג! דײַנע בעסטע פרײַנד, דאָס ייִדישע פאָר־פאָלק! וואָס האָבן זיי פון דיר אַרויסגעהאַט, אַז זיי שווייגן ביידע, היטן זיך מיט אַ וואָרט?...

די אַרײַנגעשטראָמטע קאַלטע לופט פאַרשטײַפּט רײַנגאָלדן דעם מוח. די וועלט קערט זיך אויס אין זײַנע אויגן דאָ אויף איין זײַט, דאָ אויף דער פאַרקערטער, ווי כוואַליעס וואָלטן זי אַרומגעשלײַדערט. און דער דיל, דער פאַרקעט־דיל ווערט אַרויפגעשלײַדערט אויפן סופיט. פאַרלירט רײַנגאָלד דעם דיל אונטער די פיס, צעוואַקלט זיך, האַלט זיך קוים אײַן ניט אומצופאַלן און באַלעבעטשעט אָן אויפהער, אַז זיצנדיק אין קלאָזעט האָט מען אים געהייסן דערשיסן דעם פירער.

ער כאַפּט אַרויס זײַן פּיסטאָלעט און צעיאַכמערט זיך:

— מיט דעם, מיט דעם אָ פּיסטאָלעט! דערשיסן דעם פירער!

צוליב זיכערקייט ציט זיך אָפּ דער אויספאָרשער אַהינטער דעם צעמישטן צווייפיסיקן שפירהונט זײַנעם, דערווײַטערט זיך פון אים. ניט שטערן, לאָזן אים פרײַ אויסלאָדן זיך. אָן אַלטע אַקסיאָמע, וואָס ווערט ווידער און אָבער אַקטועל: וואָס מער אַ מענטש רעדט, אַלץ מער פאַרראַט ער זיך... קוקנדיק אויף רײַנגאָלדן, אַנטפּלעקט זיך פאַר אים די ייִדי־שע פאַרשווערונג אין איר גאַנצער נאַקעטקייט. גענוי ווי זי ווערט פאָרמולירט אין די טעאָריע־ביכער: שמירגעלט, ווײַן און ווײַבער — די ייִדישע מיטלען צו באַהערשן די וועלט. ס'איז אויך קלאָר, אַז עס פאַרמערן זיך די קאָנקרעטע פאַקטן, וואָס באַשטעטיקן זײַן היפּאָטעזע. אַלע וועלן שטוי־

נען איבערן פלאָנטער, וואָס ער וועט אויפדעקן און אויס־
פלאָנטערן. און דאָס וועט זײַן דאָס שוואַנענליד פון זײַן
קאַריערע!

אומקלאָר באַלעבעטשעט ריינאָלד און באַלעבעטשעט.
פלוצעם ווערט ער פאַרשטומט, ווי ער וואָלט זיך דערוואָרגן
מיט די אומקלאָרע ווערטער, וואָס דרינגען פון זײַן קעל.
ער לאָזט אַראָפּ דעם פּיסטאָלעט. טוט האַסטיק אַ קאָנ־
טראָליר דעם קוילן־מאַגאַזין פונעם וואָפן. פול! אַלע אַכט
קוילן זיצן פעסט! וועלן זיי קלעקן פאַר אַ שטאַרקן ריינ־
ראַסיקן דײַטש?

איין קויל אין שלייף איז געווען גענוג.

אויפגעשטעלט דעם פּראָטאָקאָל וועגן דער געשעעניש,
באַפוילן אויסווישן די בלוט־קאַלוזשע און גוט אָפּוואַשן
אירע פלעקן פונעם דיל, אַרײַנגעלאָזט פרישע פּראָסטיקע
לופט דורך אַלע געעפנטע פענצטער, אויסגעטרונקען אַ טעצל
שטאַרקע און זייער זיסע שוואַרצע קאַווע, פאַרצויגן אַ
שמעקעדיקן ציגאַרעט, איז דער אויספאָרשער ווידער שלאַכט־
גרייט. ער דערוואַרט די אָקערשט באַשטעלטע יידישע
שיינהייט.

איין בליק אויף איר אינעם ווייכן טאָגליכט, און האַסטיק
ווענדט ער אָפּ די אויגן פון דער העטערע, וואָס פאַנגט אין
אירע נעצן רייִנבלוטיקע דײַטשן. קלאָר, זי פאַרמאָגט די
נייטיקע אַטריבוטן דערצו, פאַרמאָגט ביז גאָר רייצנדיקע
ווײַבערשע אַקסעסואַרן און אויגן, וואָס פאַרבעטן... דער
יידישער גאָט האָט ניט געקאַרגט, באַשאָנקען זי מיט אַ
ברייטער האַנט. און ער, דער אויספאָרשער, פאַרשטייט,
פילט־מיט די אַרײַנגעפאַלענע, וואָס האָבן ניט אויסגעהאַלטן
דעם אויספּרווו. דעם בליק האַלט ער אײַנגעגראָבן אינעם
שרײַבטיש, און פעסט איז זײַן באַשלוס: די אַ געוועלטיקע־
רין איבער די לײַדנשאַפטן פון אַרישע מענטשן וועט ער אַרײַנ־

נעמען אין זײַן קלעם! דערװײַלע טרעט ער צו אָן פּאָררעדעס צו אַ װיכטיקן פּונקט, מורא האָבנדיק צו פיל אויף איר זיך צו פאַרקוקן:

— אײַער כיראָמאַנטישע קונסט אינטערעסירט מיך. װי זעען אויס די זאַכן אויף מײַן האַנט?

ס׳זאָל בלײַבן אַ שיידוואַנט צווישן ביידן, שטרעקט ער אויס איבערן טיש זײַנע אָן אויף אַרויף געעפנטע דלאָניע.

מאַרגי רירט זי ניט אָן. אַ לאַנגע, האַרטע, געלבלעכע דלאָניע — ס׳איז קאַלטקייט צו מענטשן, ס׳איז עגאָצענטרישקייט, נקמה־דאָרשט, טיראַניע. מאָגערע, קליינע, צוזאַמענגענומענע פינגער — גײַסטיקע באַשרענקטקייט. אַזעלכע טיפן זענען געפערלעך. און די האַנטליניעס? ניט װיכטיק זייערע באַטײַטן. דעם דײַטש דאַרף מען זאָגן אַזוינס, װאָס זאָל אים אימפּאָנירן.

— עס טוט אײַך מאַטערן אַ זאַך. זי װעט זיך ציִען און... יאָ, איר װעט קומען צום ציל, װײַל האַרטנעקיקע שטרעבערישקייט צייכנט אײַער װעג צום הויכפּונקט. די שיקזאַלליניע איז אין שטײַגן, ניט געקוקט אויף אַלע איבעררײַסן, װאָס קרייצן זי... זי שטײַגט... עפּעס שטייט אײַך פאָר. און זייער באַדײַטנדיקס. דאָס װעט װירקן אויף דער ליניע פון אײַער לעבן. צו איר גונסטן. ס׳פאָדערט זיך צײַט, עס געדויערט. דײַטלעך איז אָבער דער צייכן פון אויפשטײַג. שװעריקייטן װעלן זײַן. זיי קומען פון דער זײַט... אָבער... אַ שטאַרקער װילן... און מען קאָן זײַן אָפּטימיסטיש...

פאַרגליווערט האַלט נאָך לאַנג דער אויספאָרשער זײַן האַנט אויפן טיש, כאָטש דאָס אָפּלייעניש פון איר האָט אויפגעהערט און די װאַרעמע שטים פון דער װאָרזאָגערין איז ערגעץ אַװעקגעשװוּמען. ער איז אָנגעשטרענגט, מוז זיך אַנטקעגנשטעלן דער סאַטאַנישער װירקונג פון דעם װײַבסגעשטאַלט, װאָס געפינט זיך אין צימער. ער שטעלט פעסט —

האַרמאָניש איז די צוזאַמענאַרבעט פון דעם טײַוולשן ייִדנ־פאָרל גריק.

— איך קאָן בלויז זאָגן, — קוועטשט ער ענדלעך פון זיך אַרויס, — אַז עס שטייט אײַך פאָר בײַ אונדז אַ געזיכערטע צוקונפט. מיט אַזעלכע אייגנשאַפטן, ווי אײַערע...

אויף הײַנט וועט זײַן גענוג. ביז אויף דער נאַכט פון פרײַ־טיק אויף שבת מוז ער מאַכן אַן איבעררײַס. זיך אָפּרוען, זיך צוגרייטן. ווײַטער זיך פאַרטיפן אין דער טעאָרעטישער ליטעראַטור, שטודירן. און אונטערטראָגן אַ לעקציע אַלע שמאָלקעפּיקע קאָנסערוואַטאָרן און ענג־האָריזאָנטיקע אומ־פרײַנד, מעגן זיי זײַן הויכראַנגיקע שעפן און פון דער פּראָ־מינענץ.

די ייִדישע מאַדיאַרין פירט מען אויף זײַנעם אַ צייכן אַרויס. דער אויספאָרשער איז צופרידן: אויסגעהאַלטן, ניט אָנגעטראָפן זיך מיט איר פאַרדאַרבערישן בליק און ניט געלאָזט זיך באַווירקן פון דער עראָטישער אינפלוענץ, וואָס שטראָמט פונעם דאָזיקן ייִדנווײַב. יאָ, שמירגעלט, ווײַן און פרויען — דאָס איז דער אייביק־עפעקטיווער ייִדישער וואָפן.

ער איז נאָך אַלץ אונטערן אײַנדרוק פון דער וואָרזאָגערין. זי קאָן טאַקע פאַרבלענדן. מוז ער זיך וואָס גיכער באַפרײַען פונעם דאָזיקן אײַנדרוק. מוז אָפּרייניקן דעם גײַסט און די געפילן פון ראַסנפרעמדער ווירקונג. עס פאַלט אים אײַן צו נעמען אַ דוש. אַ הייסן דוש, וואָס זאָל אַדורכהיצן, דעזינ־פעצירן... לאָזט מען ניט. אַ געדראַנג הײַנט צו אים אַזאַ. ווידער אַן אָנמעלדונג. אַ דרינגענדיקע. ווער האָט עס דאָרטן קיין געדולד ניט? דאָס פאָרפאַלק הונשקע? ניט אַנדערש,ביידע אויף אַ מאָל. זאָלן זיי אַרײַן.

זיי שטייען פאַר אים צעטומלטע, נידערגעשלאָגענע, מיט בלאַסע פּנימער און צעשראָקענע אויגן. זיך דערשראָקן פאַרן אָרט ווו זיי שטייען?

האַנעלאָרע הונשקע, קומט צו־זיך די ערשטע. נעמט אַרויס אַ נומער פונעם „שטירמער" און רעפּרעזענטירט זיך מיט אירע געדרוקטע פּערזן. לייענט פאַר עטלעכע.

אומגעדולדיק האַקט זי איבער דער אויספאָרשער:

— ס'איז גענוג!

האַסטיק נעמט דער מאַן אירער דאָס וואָרט, שטעלט זיך פאָר ווי דער שעף פון דער קריגסוויכטיקער אונטערנעמונג, וואָס פּראָדוצירט וואַרעמע זאַכן פאַרן פראָנט און באַשעפּטיקט יידן. און בעט די דערלויבעניש צו פּאָרטרויען דעם הער שטורמפירער אַ זייער דיסקרעטע זאַך: אים, נעפּאָמוק הונשקע, איז אין בערלין אָנגעטרויט געוואָרן אויפצונייען אין זײַן אונטערנעמונג אַ פעלץ פאַר דעם פירערס געליבטע...

— איז עס ניט שטרענג געהיים? — פרעגט דער אויס־פאָרשער.

— געוויס, געוויס, — באַשטעטיקט הונשקע, און זײַן אָפן געבליבן מויל גיט אַרויס דאָס צעשראָקענע קלאַפּעניש פון זײַן האַרץ.

— נאַ, גוט, וואָס איז דער מער מיט אײַך? — וויל דער אויספאָרשער פאַרענדיקן זייער וויזיט.

אַרײַנפאַלנדיק איינער דעם צווייטן אין די רייד, בעטן די הונשקעס ניט נעמען פאַר אומגוט זייער קאָנטאַקטירן מיטן פּאָרפאָלק גריק. ניט געוווסט האָבן זיי, אַז דאָס קאָנען זײַן יידן. שולדיק איז דער שטורמפירער פון עס־אַ, ברונער, האָרסט ברונער. דאָס האָט ער צוגעשטעלט דעם ייד, דעם דאָזיקן אָסקאַר גריק צו זײַן אים, הונשקען, אַ געהילף.ביידע הונשקעס גאָר ריינעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן געוויסן באַשטעטיקן די מעלדונגען, וואָס זיי האָבן פריִער אַרײַנגעשיקט...

אויף הויכע טענער אַרויפציִענדיק איר שטים, געפינט האַ־נעלאָרע פאַר נייטיק צו באַטאָנען, אַז זי האָט די ערשטע

דערפילט, אַז עפּעס שטימט דאָ ניט. עפּעס אָפּשטויסנדיקס איז דאָ פאַראַן... האָט זי די ערשטע איבערגעריסן מיט די ייִדן. דערקעגן איר מאַן, אַ געפאַנגענער אין די נעצן פון דער ייִדישער הור, איז אַהין ווײַטער געגאַנגען און מיטגעשלעפּט דעם הער האַנס פאָן קלוג.

— אַ ליגן! — שרײַט אויס נעפּאָמוק, אַן אויפגעצאַפּלטער.

— דאָס ייִדנווײַב האָט קיינעם צו זיך ניט צוגעלאָזט. ניט געווען קיין אָרט פאַר ראַסנשאַנד! אויך דער הער רײַנגאָלד קופּפערפּפעניגלאָרך האָט ניט געוואָרנט! אָליאַ־ליאַ!

טוט האַנעלאָרע אַ שמיץ צו אים אַ בייזן בליק. ס'דער־הערט זיך איר קריץ מיט די ציין. אין אַזאַ שטאַנד און אַזאַ אָרט, פאַר אַזאַ פּערזאָן קומט איר אידיאָט מיט זײַן פראַנ־צייזישן „אָליאַ־ליאַ”!

דער אויספאָרשער וויל וואָס גיכער פאַרטיק ווערן מיט זײַן קליִענטור. וויל בלײַבן אַליין מיט די ביכער, וואָס ליגן גרייטע אויפן טיש. אַדורכשטודירן די פונדאַמענטאַלע ווערק פון דער ראַסן־לערע, גרייטן זיך צו דער וויכטיקסטער קאָנ־פראָנטאַציע אין זײַן פּראַקטיק. און דאָ — הוילע שטערונגען. טוט ער אָפּ דאָס צעשרויפטע פאָרפאָלק מיט אַ דערקלערונג, אַז ביידע זענען זיי, זעלבסט־פאַרשטענדלעך, ניט שולדיק. אָבער אויך ניט אין גאַנצן אומשולדיק. דערווײַלע זאָלן זיי זיך ניט קלעמען. עס וועט נאָך אויסקומען צו רעדן, פאַר־פּינקטלעכן דעטאַלן. אויף הײַנט וועט אָבער זײַן גענוג. זיי קאָנען גיין. ער דאַנקט פאַר דער אַרויסגעוויזענער הילפס־גרייטקייט און וואַכעוודיקייט, ניט געקוקט, וואָס ניט שטענדיק איז זי געווען אויף דער הייך. נאָר, ווי געזאָגט, זיי קאָנען רויִק זיך פאַרנעמען מיט דער אַלטאָג־באַשעפטי־קונג צום גונסטן פונעם גרויסדײַטשישן רײַך און דעם פון גאָט אַראָפּגעשיקטן פירער.

פאַרענדיקט מיט זיי, ווערט ער געוווירר אַז אויך דער נײַער

רעפערענט פאַר די „ייִדן־אָנגעלעגנהייטן", האַנס פאָן קלוג, איז אין דער ריי אויפגענומען צו ווערן.

נאָכן „הײַל־היטלער"־גרוס מיטן פאַרבונדענעם דערמיט צערעמאָניאַל, הייבט פאָן קלוג אָן זיך צו אַנטשולדיקן, וואָס בײַם איבערנעמען דעם אַמט האָט ער ניט איבערגעריסן די טעטיקייט פונעם „יודנשווײַן", ווי ער הייסט דאָרטן, אָס־קאַר גריק. ער האָט אַרויסגענומען אַ פּעקל דאָקומענטן, וואָס שטעלן פעסט זײַנע פאַרדינסטן פאַר דער פּאַרטיי און וואָס דערווײַזן זײַן אַדעליק־גערמאַנישן אָפּשטאַם. (זײַנע שוואַרצע האָר, טונקעלע אויגן און די לענגלעכע, איבער די היטלער־וואָנצקעס אַראָפּגעפּלעטשטע נאָז האָבן אים ווי געצוווּנגען צו בראַווירן מיט דאָקומענטן...) ער דערווײַזט אויך, אַז געוואָלט האָט ער אָנקומען אין דער עס־עס, נאָר צוליב מאָטיוון פון געזונט געמוזט זיך באַנוגענען מיט דער עס־אַ. און ווידער האָט ער זיך אַנטשולדיקט, וואָס אַרײַנ־געפאַלן איז ער אין דער נעץ פונעם „יודנשווײַן", ווײַל ניט באַוויזן האָט ער זיך אַרומקוקן... אַנדערש וואָלט ער דעם דאָזיקן גריק, דעם דאָזיקן אָסקאַר, ליקווידירט מיט די אייגענע הענט און אָן מיטלייד.

— אָ, ניין, ניין! מען טאָר ניט זײַן איבערגעאײַלט, — באַמערקט אײַנגעהאַלטן דער אויספאָרשער, צינדט אָן אַ נײַעם שמעקעוודיקן ציגאַרעט און פאַרציט טיף, טיף דעם פּרישן רויך. — אין דעם אָ פאַל מוזן מיר זײַן ניכטער אָפּגע־היט. נאַ, גוט, איצט איז שוין ניט אײַער קאָמפּעטענץ צו דעציד ירן. מ'וועט שוין וויסן, ווי צו האַנדלען...

פאַרענדיקט אויך מיט דעם דאָזיקן וויזיטאַטאָר, אָטעמט דער אויספאָרשער אָפּ, שפּאַצירט זיך דורך איבערן קאַבינעט און בלײַבט שטיין בײַם שטויס ביכער. ביז איבער מאָרגן מיטננאַכט. ווי וועט ער באַווײַזן זיי דורכצושטודירן?

און דאָ — ווידער אַן אָנמעלדונג. צום דאָננערוועטער!

עפעס אַ דרוקער, אַן אָרטיקער פּאָליאַק. באַפעלט ער אים שיקן צום טײַוול!

צום טײַוול קאָן ער אָבער ניט שיקן דעם אייבערשעף, דעם שטאַנדאַרטנפירער, וואָס באַשטעלט אים דרינגענדיק צו זיך און דערלאַנגט אַ טעלעגראַם.

אָ, שלאַקסדאָננערוועטער! אָ, געטער, באָמבאַרדירט זײַן היימשטאָט! באָמבאַרדירונגען פון דײַטשישע שטעט זענען אַזוי זעלטן. ווערט אויסגערעכנט געטראָפן זײַן הויז און פאַמיליע. צי קאָן דאָס געמאָלט זײַן? צי שטימט עס? אַ באַגלייבטע, אָפיציעל באַשטעטיקטע טעלעגראַם ברענגט די דאָזיקע ביטערע נײַעס. אַ שוואַרצער שטעמפּל מיטן האָקנקרייץ איז אָפּגעדריקט אויפן בלאַנק. מוז מען גלייבן. ווי בינדט זיך עס מיט דער וואָרזאָגערײַ, אַז זײַן ליניע שטײַגט? צי דען האָט די ייִדין אָפּגענאַרט? געווען אין אירע רייד אַ וואָרענונג, אַז שוועריקייטן וועלן זײַן. דאָס זענען זיי! אָ, די ייִדישע קאָנספּיראַציע קעגן דער אַרישער ראַסע! די אַרויפגעלייגטע שווערע ייִדישע האַנט אויף דער מענטשהייט!

דער שטורמפירער זיצט פאַרשטיינערט. עס שטייט אים פאָר אַהיים צו פאָרן. די טעלעגראַם באַטײַט עס. הייבט ער אָן צעטראָגן:

— און ווי וועט זײַן? ווי וועט זײַן מיט דער זאַך וואָס איך פיר? אין רעכטן ברען פון די אַנטפּלעקונגען... אויף האַלבער נאַכט פון פרײַטיק אויף זאַמסטאַג... איך וויל וואָרענען, מען זאָל היטן יעדע באַוועגונג פונעם דאָזיקן ייִד. מיט זײַנע איבערנאַטירלעכע מעגלעכקייטן קאָן ער פאַרשווינדן. שוין געווען אַזעלכע פאַלן. צום בײַשפּיל...

דער שטאַנדאַרטנפירער האַקט אים איבער:

— ניט געזאָרגט. מירן שוין זאָרגן. איר לאָזט אַלץ איבער און פאָרט אַרויס! מײַן בײַלייד! און בלײַבט אין אײַער

היימשטאָט, וויפל ס'איז נייטיק. אין אַזעלכע פאַלן איז דער אורלויב אומבאַגרענעצט. די זאָרג פאַרן דײַטשישן מענטש איז בײַ אונדז, ווי איר ווייסט, איבער אַלץ!

און געטראַכט האָט דער שטאַנדאַרטנפירער: מען וועט אַ ביסל זיך אָפּרוען פון דעם ענטוזיאַסטישן קרומען קאָפּ מיט זײַנע טעאָריעס און ווילדע געגנג. ווען אַ באָמבע מאַכט מיט אים דאָרטן קורצע צערעמאָניעס, וואָלט געווען די שענסטע לייזונג פון דער פּראָבלעם... פאַרן אונטערגעאָרדנטן דעמאָנסטרירט ער פּאַטערלעכע באַזאָרגטקייט:

— מײַן טיפן בײַלייד אײַך! אונדז דײַטשן איז ניט לײַכט. מיר ווייסן אָבער די היסטאָרישע מיסיע, וואָס דער פירער האָט אַרויפגעלייגט אויפן דײַטשישן פאָלק — פאַרגיסן דאָס בלוט פון זײַנע בעסטע זין פאַר דער צוקונפט פון אייראָפּע און דער גאַנצער וועלט! הײַל היטלער!

ביידע שפּרינגען אויף פון די ערטער. ביידע — מיט אויפ־געהויבענע רעכטע הענט צום „דײַטשישן גרוס".

— —

דאָס לײַדיקע צימער מיט די צוויי טאַפּטשאַנעס, מיטן טישל צווישן זיי און די צוויי טאַבורעטן איז בײַ נאַכט גרוי־בלוי, שמוציק בלוי. אַ גאַנצן טאָג איז עס סומנע, שמו־ציק גרוי. אָן אַ פרימאָרגן, אָן אַ פאַרנאַכט. די קילבלעכע לופט איז דאָ שטײַף, דריקט, וואַרגט. די שײַבלעך פונעם ברייט אויסגעצויגענעם פענצטער בײַם סופיט — מאַט, ניט דורכזעיק. און הינטער זיי — גראַטעס, דיקע גראַטעס. די וועלט זאָל ניט פּרוּוון אַרײַנבליקן אַהער, ניט פּרוּוון אַרײַנ־דרינגען אַהער.

אין דער שמוציקער סומנעקייט פונעם צימער איז פאַר־שטײַפט מאַרגי. אָקערשט געקומען פון דעם סאַלאַט־גרינעם קאַבינעט, פונעם דײַטש מיט דער אויסגעשטרעקטער דלאָ־ניע איבערן דעמבענעם שרײַבטיש.

אָסקאַר פּרוּווט אָפּטרעפן פון איר פּנים, וואָס מיט איר איז דאָרטן פאָרגעקומען און פאַר וואָס די אוידיענץ האָט אַזוי ווייניק געדויערט. ער פאַרשפּאָרט אָפּטרעפן.

מאַרגי דערציילט באַלד, אַז פאַרלאַנגט האָט דער הער שטורמפּירער בלויז אָפּצולייענען פון זײַן האַנט, וואָס די צוקונפט באַשערט אים. און אָפּגעלייענט האָט זי פון די זייער קלאָרע האַנטליניעס, אַז עס שטייען אים פאַר זאָרג, געוויסע שוועריקייטן, אָבער דאָמינירנדיק איז די שטײַגנדיקע פאָרטונע־ליניע — דערפאָלג, גאָטס בענטשונג...

באַגייטיקנדיק שאָקלט אָסקאַר מיטן קאָפּ. צעשמייכלט זיך: דאָס איז דער שאַבלאָן פון אַלע וואָרזאָגערס, וואָס ווילן ווילגעפעלן... מאַרגי האָט אָפּגעלייענט פון דעם אויס־פאָרשערס האַנט... פאַלט אָסקאַרן אײַן: ווי נאָר דער דײַטש האָט אים, אַ ייִדן, אויסגעשטרעקט די האַנט, האָט ער אויך מאַרגין אַרײַנגעשלעפּט פאַר אַ האַנט אין בלויען אומקום־זומפּ. אוי, מאַרגי, מאַרגי, זי האָט זיך אַ מאָל געהאַט אויס־געדריקט, אַז ווער עס נעמט בײַ די נאַציס פלייש, מוז זיי אָפּגעבן די אייגענע ביינער... אַרויסגעפּרעסט זײַן, אָסקאַרס, גרייטקייט צו „צוזאַמענאַרבעט", האָט אים שוין דער שטורמפּירער אַרײַנבאַקומען אין זײַנע הענט מיט פלייש און ביינער. און צוזאַמען מיט אים, אָסקאַרן, אויך מאַרגין, וואָס האָט סקעפּטיש אויפגענומען זײַן שטענדיקן אָפּטימיזם און זיך אַרומגעטראָגן מיט שלעכטע פאָרגעפילן.

אין איר אָראַנזשעווער, שטײַף אָנגעצויגענער אויפן קער־פּער קאָפּטל גליווערט מאַרגי. אַ וווּנדערלעך שיין געפאָ־רעמטע פרויען־מאָדעל, אַרײַנגעוואַקסן אין דער גרויקייט פונעם צימער — קאַלט, שטרענג, אָן לעבן. פאַר וואָס אָן לעבן? כאַפּט זי אָסקאַר אַרום, זעצט זיך צוזאַמען מיט איר אויף זײַן טאַפּטשאַן. קושט זי אין די ליפּן און זאָגט אויפ־געלעבט:

— ניט פֿאַרצווייפֿלען! גוט וועט זײַן, ווײַל אַנדערש קאָן ניט זײַן! אַלץ וועט זיך אָוועקשטעלן אויף די ערטער. מיר געהערן ניט צו דער קאַטעגאָריע פֿאַרשפּילערס. מיר האָבן אַ מיסיע...

די אָ רייד פֿאַרוווּנדערן מאַרגין. סײַדן זיי גילטן פֿאַרן דריטן, וואָס הערט זיי אונטער.

פֿון זײַנע אָקערשט אַרויסגעבראַכטע ווערטער בלײַבט שטעקן אין אָסקאַרס געדעכעניש דאָס אויסנעמלעכע וואָרט — אַ מיסיע. לעבן בלײַבן, ראַטעווען זיך מיט אַלע מיטלען, איז דען אַ מיסיע? באַהאַלטן אין זיך דעם ייִד און דינען זײַנע בלוטפֿײַנד, איז אַ מיסיע? אַרײַנגעבן דעם באַזעסענעם מיט דער אַנטיסעמיטישער מאַניע אַן אילוזיע, וואָס קאָן כאָוועץ זײַן ראַסיסטישן שיגעון, איז אַ מיסיע? ער קאָן זיך אָבער ניט באַצווינגען, אָסקאַר, קאָן ניט אָפּהאַלטן זיך און וועט ווײַטער לויפֿן. מוז אַנטלויפֿן. מוז אַנטלויפֿנדיק געווינען צײַט.

מאַרגי איז דערבײַ. זאַלבעצווייט באַקומען זיי זיך אַרויס פֿון דער פֿאַרלוירנקייט. אַנטרינען אין זייער בשותּפֿותדיקן, זוניק־שײַנענדיקן אַמאָל, וואָס זעט איצט אויס נאָך זוניקער און נאָך שײַנענדיקער. מיט שאַרפֿזין און בילדערישקייט דערמאָנט אָסקאַר קוריאָזן, פֿאַרלויפֿענישן, שילדערט פֿאַר־געניגנס, פֿון וועלכע זיי האָבן ביידע גענאָסן. און ביידע דער־מאָנען זיך אין גוטע פֿרײַנד — גוטע דײַטשן און עסטרײַכער. יאָ, געווען זענען אויך אַזעלכע.

פֿאַרן אומגעזעענעם דריטן שפּילן זיי אין האָפֿערדיקייט. צוריקגעהאַלטן, מיט טאַקט, מיט אַ מאָס. מײַדן אויס אים צו רייצן, פּראָוואָצירן. זאָל ער בלויז איבערגעבן העכער, אַז זיי פֿילן זיך ניט פֿאַרלוירן און זענען ווײַט פֿון דעספּעראַציע. זאָל ער איבערגעבן, אַז צום ערשטן מאָל הערט ער אונטער אַזאַ מאָדנע פּאָרל.

זיי ווערן מיד, אָסקאַר און מאַרגי, פון זוכן טעמעס פאַר אינסצעניזירטע שמועסן. ווי לאַנג קאָן מען אויפהאַלטן אויפן ראַנד פון אַן אָפּגרונט אַרויפגעצוווּנגענע אויף זיך האָפערדיקייט?

מאַרגי וואַנדערט אַריבער אויף איר געלעגער. אפשר, אפשר וועט זי געפינען אויסלייז אין אַ ביסל שלאָף. ווייניקסטנס איינדרעמלען נאָך דער שפּאַנונג פון דער באַגעגעניש אינעם קינסטלעכן טאָגליכט פונעם סאַלאָט־גרינעם צימער, וואָס אַנשטאָט צו באַרויִקן נאָגט דער קאָליר אויס די נערוון.

אויך אָסקאַר בענקט נאָך אַ טראָפּן רו־עליקסיר. רו, רו, רו... און שטילקייט...

אַן אָנגעשפּאַנטע שטילקייט פּויזעט אָן פון אַלע ווינקלען.

לאַנג ציט זיך אויס די שטילקייט.

זייער לאַנג.

די געוווּנענע צײַט איז געווּונען. וויַיטער געווינען צײַט — דאָס איז דער זינען פון דער שפּיל.

די האַלבע נאַכט פון פרײַטיק אויף שבת, וואָס אים איז אײַנגעפאַלן פאַרצושלאָגן. ווי וועט עס דעמאָלט אויסזען דאָרטן, בײַם שרײַבטיש, זיצנדיק פאַר דער מאַסקע, פאַרן מטורפן דײַטש אין דער גרין־גרויער אוניפאָרם? פון וואָס וועט, ער, אָסקאַר, אָנהייבן די נײַע שפּילפּאַזע? זײַן נײַעם סטאַרט?

דערמאָנט ער זיך גאָר: די צופעליקע, די אומגליקלעכע לונגען־אָנצינדונג האָט אים אַנידערגעוואַלגערט אויך אין דער נאַכט פון פרײַטיק אויף שבת... אַלץ צופעליקייטן. דעם מענטשנס לעבן אויף דער ערד איז אַ קייט פון צופאַלן. אַ צופאַל קאָן אויך ברענגען אויסלייז. דאַרף מען ראַטעווען יעדע סעקונדע, וועט געגעבן ווערן אַ שאַנס דעם צופאַל. שפּילן אויפן קאָרט פונעם צופאַל, ראַנגלענדיק זיך... ער

ווייסט דאָך, אָסקאַר, אַז אַ גוטער שיפס־קאַפּיטאַן וועט אויך מיט צעריסענע זעגלען קערעווען די שיף פאָרויס און בלויז פאָרויס.

וואָס מער ער טראַכט, רעכנט, קאַלקולירט, אַלץ מער האַפט קריגט דער זאָג, אַז ווער עס נעמט בײַם שונא פלייש, מוז אים אָפּגעבן די אייגענע ביינער... ניט נאָר גענומען. ער האָט זיי געגעבן, אָסקאַר, פון זײַן מאַרך און שווייס — זײַן אייפער און איבערגעגעבנקייט. געאַרבעט, געשאַפן פאַר היטלער־דײַטשן. איצט האַלט ער ווידער בײַם אַרײַנלאָזן זיך מיט איינעם פון זיי אין אַ געשעפט. האַלט בײַם אַרײַנ־פלאָנטערן זיך אין אַ נײַעם קאַמופלאַזש, וואָס זײַן ציל איז — געווינען צײַט אויף צו ראַנגלען זיך ווײַטער. און ווער עס ציט זיך צוריק פונעם קאַמף, דער פאַרלירט.

ער וויל ניט פאַרלירן, אָסקאַר. ער געהערט ניט צו די פאַרלירערס און געוויס ניט צו די שטאַרבערס. מוז ער קעמפן! איז עס אַ קאַמף? גיכער אַן אָפּנאַרערײַ, אַ מאַס־קאַראַד אַזאַ. און אַ מאַסקע טראָגט מען אַזוי לאַנג, ביז זי פאַלט אַראָפּ. זי מוז אַראָפּפאַלן, און דער מענטש בלײַבט דאָס וואָס ער איז. אַ האָז קאָן ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פיקסל, וואָס פאַרצוקט האָזן, כאָטש ביידע גייען זיי אויף פיר.

בלויז שמוציק בלוי, און שמוציק גרוי, און סאַלאַט־גרין, און מער קיין זאַך ניט... וואָס וועט דאָרטן געשען אין יענעם סאַלאַט־גרינעם, העל באַלויכטענעם צימער אום האַלבער נאַכט פון קומענדיקן פרײַטיק אויף שבת? פון וואָס וועט ער, אָסקאַר, אָנהייבן? מיט וואָס מאַניפּולירן, מיט וואָס פאַראינטריגירן און וווּהין פאַרפירן דעם פאַרטשאַדעטן פון ווילדער ייִדן־פײַנדשאַפט און באַזעסענעם פונעם ראַסן־אומזינען דײַטש? וועלכע רעוועלאַציעס קאָן ער, אָסקאַר, צוטראָגן דעם יעניקן, וואָס לעכצט נאָך עפּעס אויסטער־

לישס? אין וועלכן מיסטעריעז־איראַציאָנעלן לאַבירינט אים פאַרפירן, בכדי צו געווינען צײַט? אים, אָסקאַרן, איז לײַכ־טער צו זײַן אַ דײַטש, וואָס ער איז און וויל זײַן, איידער שפּילן אַ ייִדן, וואָס ער איז צופעליק פון געבורט און וויל ניט זײַן. אין ייִדישקייט איז ער אַ פּראָפאַן. פון ייִדן און ייִדישקייט איז ער געלאָפן ווי פון אַ פּעסט, ווי פונעם טויט.

די מורא פאַרן טויט. זי האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט צו אים און צו מאַרגין אין צימער. מען קאָן זי דאָ אָנטאַפּן. זיי שלאָפן מיטן טויט, עסן מיט אים פון איין טעלער. זײַנע טריט פויקן אָן אויפהער אינעם בלויען קאָרידאָר. פון דעסט־וועגן איז דער טויט געבליבן פאַר אָסקאַרן פרעמד און אומ־קאָנקרעט. ווי ער וואָלט ניט געלעבט מיט אים אויף איין פּלאַנעטע.

אָסקאַר גריק בלײַבט אָסקאַר גריק. קומט צו זיך. מאַכט זיך ניט וויסנדיק פון דער מורא, וואָס וויל אין אים אַרײַנ־דרינגען. ער איז אײַנגעשפּאַרט, גלייבט אין זײַן שטערן און פאַרלאָזט זיך אויפן אײַנפאַל, וואָס וועט געבוירן ווערן אין דער געגעבענער סיטואַציע און אים, אָסקאַרן, באַפליגלען צו אַ ווײַטערדיקן אַנטלויפן. ער פאַרלאָזט זיך אויפן אײַנ־פאַלערישן עקספּראָמט, כאָטש ס'איז באַוווּסט, אַז דער גע־ראָטנסטער עקספּראָמט איז דער, וועלכן מען גרייט צו פון פריִער.

דער סעקונדע־ווײַזער אויף זײַן זייגער צוקט, באַוועגט זיך, שטופּט די צײַט. אָסקאַר וואַרט. עס בליאַקעוועט אָפּ אויף די פענצטערשײַבלעך די טינט־שוואַרצע פאַרב. צו ביס־לעך פאַרציט זיי דער גרויער הויך פונעם אָנקומענדיקן טאָג.

ווו האַלט ער? דאָנערשטיק, פרײַטיק? צי האָט ער גע־רעדט מיט מאַרגין? געוויס האָבן זיי גערעדט צווישן זיך, ווי אין אַ זיסן חלום. וואָס איז ווערט אַזאַ חלום! זיי האָבן געשמועסט וועגן ספּעקטאַקלען און קונסט־אויסשטעלונגען,

וועגן לענדער, וואָס זיי האָבן באַזוכט. זיי האָבן איינער דעם צווייטן אויסגעדערציילט דעם אינהאַלט פון גאַנצענע ביכער, וואָס זיי האָבן געלייענט. מיט אַ באַזונדערער נשמה־צאַפּלע־ניש, מיט אַ סך דעטאַלן און אייגענע קאָמענטאַרן האָט אָסקאַר איבערגעדערציילט סטעפאַן צווײַגס „אַמאָק״, זײַן באַליבטע נאָוועלע, מיט וועלכער ער האָט זיך פאַרצווילינגט, כאָטש אַזוי ווײַט, אַזוי פרעמד זענען זיי איינער דעם צווייטן. בלויז די לײַדנשאַפט, די פאַסיע און די שטיקנדיקע אַט־מאָספער, וואָס האָט געדריקט אויף די פערסאָנאַזשן, זענען אידענטיש.

זיי האָבן גערעדט צווישן זיך — צוליב זיך און פאַרן דריטן. האָט עס אַ זינען צו רעדן אויך פאַר אים? נאָר ווער טראַכט וועגן אַ זינען. האָבן ראַדאַמעס און אַידאַ געטראַכט וועגן אַ זינען נאָך דעם, ווי מען האָט אַרויפגעוואַלגערט דאָס שטיק פעלדז אויף דער עפענונג פונעם אונטערערד, וואָס האָט זיי, לעבעדיקע, פאַרשלונגען? זיי האָבן זיך ליב געהאַט, און שוין. די פענטעס פונעם לעבן זענען פאַר זיי טאַקע גע־פאַלן, די וועלט פון לייד און פּײַן איז פאַרשוווּנדן. צוזאַמען מיט דעם — דאָס לעבן. ראַדאַמעס האָט געמאַכט דעם לעצטן אָנשטרענג, ס׳האָט אים אָבער ניט געקלעקט קיין כּוח צו רירן פון אָרט דעם אַרויפגעוואַלגערטן פעלדז. וועט אים, אָסקאַרן, געראָטן? ניט געווען ביז איצט קיין שטרויכלונג, וואָס ער זאָל ניט האָבן בײַגעקומען...

פּרײַטיק אָוונט, נאָך דעם ווי ס׳צאַפּלט אויף אין דער געדיכטער סומנעקייט דאָס בלויע ליכט. ניטאָ די ווײַזערס אויפן זייגער, ווייסט ניט אָסקאַר, ווי שפּעט עס איז. ער ווייסט נאָר, אַז די סעקונדעס לויפן איצט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, היפּערן אומגעדולדיק. ווען וועט שלאָגן צוועלף — האַלבע נאַכט, די אָפּגערעדטע שעה, די אָפּגעמאַכטע באַגע־געניש?

מאַרגי שלאָפט אַ מידע. מיד פון לעבן?

ער איז וואַך. וואַרט אָנגעשטרענגט, מיט אָנגעצויגענע נערוון. ער מוז אָנגורטן זיך מיט אויסדויער און קעמפן פאַר יעדער סעקונדע לעבן.

אַרויסגעריסענע, אַנטליִענע סעקונדעס פון לעבן. ביי וועמען אַרויסגעריסן? ביי וועמען אַנטליִען?

ייִדישע קאָנספּיראַציע. די ייִדישע פאַרשווערונג קעגן דער וועלט. די פאַרטיליקונג פון דער אַרישער ראַסע. די קלוגע ציון־עלטסטע וואָס זענען שולדיק אין אַלע פלאָגן פון דער מענטשהייט, און זייערע פּראָטאָקאָלן. זייערע געהיימע צו־נויפקומענישן און באַשלוסן. „אויך צו די מאַסאָנען־לאָזשעס װעלן מיר דערגיין"... װאָרע פּסיכאָפּאַטיע, איינגערעמלט אין װענט, סאַלאַט־גרינע — די געזונטסטע פאַרב פאַר די אויגן און נערוון. די לופט איז אָנגעפּאַרפומירט מיט שמע־קעדיקן ציגאַרעטן־רויך. ביים שרייבטיש — אַ צופרידן שמייכלענדיקע מאַסקע, שמייכלט װאַרטנדיק...

װאָס קערט ער, אָסקאַר, זיך אָן צו דעם אַלעם? װי װעט ער שפּאַלטן דאָס מויל, אַז זיינע ליפּן זענען צונויפגעקאָװעט? זאָל ער אויפרייסן די ליפּן מיט גוואַלד? און װי, װי? ער װיל צווינגען זיינע געדאַנקען אַרויסצוהייבן פון הינטערן האָריזאָנט דעם נאָך ניט געזעענעם, דעם נאָך ניט איבער־געלעבטן

מיראַזש וועגן — — —

— —

— —

— —

אין שווערע ווייען גייט אויס די נאַכט פון פרייטיק אויף שבת.

ס'קומט אָן דער שבת. צי איז ער טאַקע אָנגעקומען? און די באַגעגעניש?

ווי געווייִנטלעך טראָגט מען שווײַגנדיק אַרײַן דאָס עסן. דרײַ מאָל אין טאָג. ווי געווייִנטלעך.

שטיל רעדט צו אים מאַרגי. און ער — הערט זי יאָ, הערט זי ניט. ער וואַרט. איז ביז צום פּלאַצן אָנגעשפּאַנט, וואַרטנדיק. אפשר איז עפּעס געשען — דאָ־הי צי אויף די פראָנטן, אין דײַטשלאַנד צי אין דער וועלט?

און אויך דער שבת האַלט שוין בײַ ענדיקן זײַן גרויע עקסיסטענץ מיטן אײַנשליסן די שמוציק בלויע ליכט. ביז האַלבער נאַכט איז נאָך שבת.

מעגלעך ס'איז פאָרגעקומען אַן אומפאַרשטייעניש. אפשר — אין דער אָנקומענדיקער האַלבער נאַכט? ווי לאַנג איז ביז?...

איסטינקטיוו טוט אָסקאַר אַ קוק אויפן זייגער. אָ, גאָט! די גאַנצע צײַט האָט ער זיך געהיט ניט צו פאַרטשעפּען דעם סעקונדע־ווײַזער. און זיך ניט אויסגעהיט. ניטאָ אויך דער דאָזיקער ווײַזער. ער האָט פאָרט נאָך דערמאָנט אין לעבן. וואָס באַטײַט זײַן פאַרשווינדן? ווי לאַנג געדויערט אַ געווייִנטלעכע סעקונדע און ווי לאַנג וועט זי איצט געדויערן?

די נאַכט גייט פאַרבײַ. ס'קומט אָן דער זונטיק.

אַ רוטאָג. ס'רוט דער בלויער קאָרידאָר.

לויט דער געווייִנטלעכער אויסרעכענונג דאַרף מאָרגן שוין זײַן מאָנטיק.

אַז ס'איז טאַקע מאָנטיק, באַשטעטיקט דאָס געדיכט וואָרנדיקע פויקערײַ פון טריט אינעם קאָרידאָר.

טריט פאַרהאַלטן זיך לעבן דער טיר פונעם צימער, ווו אָסקאַר און מאַרגי...

אים רופט מען אַרויס. ווי שטענדיק: קאַלט, שטרענג, מיט אַ מינימום ווערטער.

מיטן באַקאַנטן וועג פירן אים צוויי וואַכמענער צום באַקאַנטן קאַבינעט.

דאָס זעלבע סאַלאַט־גרינע, מיט קינסטלעכן טאָגליכט אָפּגעגאָסענע צימער. דער זעלבער שרײַבטיש. הינטער אים — די זעלבע שאַפע מיט די „אינסטרומענטן". בײַם שרײַבטיש זיצט אָבער עמעצער אַן אַנדערער. אַ זייער פולער, אַן אָנגעבלאָזענער דײַטש. ווי אַ באַרג הויערט ער איבערן טיש. לויט די ראַנגצייכנס איז עס אַ שטאַנדאַרטנפירער, אַ הויכער דינסטגראַד, ווײַזט אויס — דער שעף אַליין. אַ פול, קינדערעכדיק פּנים מיט פּאַראַלעלע שראַמען אויף דער לינקער באַק — פּאַרגליווערטע שפּורן פון בלוטיקע סטודענטישע דועלן. ס'טיילט זיך אויס אַ טיפערער שראַם — דער שווערדנשפּיץ האָט געהאַט פּאַרכאַפּט די הויט בײַם לינקן ווינקל מויל און אַדורכגעפאָרן די באַק ביזן אויער. דער מוילווינקל איז געבליבן אַ ביסל פּאַרקאַשערט, אויפגעהויבן אויף אַרויף און ס'דאַכט זיך, אַז דער דײַטש שמייכלט די גאַנצע צײַט מיט אַ האַלבן מויל.

— אָסקאַר גריק ? — פרעגט ער מיט אַ ווייכער, פּוילער שטים. און פּלוצעם שפּאַרט ער אַרויס די אויגן פון זייערע פליישיקע באַהעלטעניש־קישעלעך : — יודע ? !

זײַן האַלבער מויל שמייכלט איצט שאָדנפריידיק.

אים איז ניט אָנגעבאָטן געוואָרן זיך צו זעצן, שטייט אָסקאַר פאַרן דײַטש מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט, ווי אַ ייִד מוז שטיין, נאָר אַנשטאָט צו ענטפערן אויף דער פראַגע, הייבט ער גאָר אָן פון דעם, אַז אין דער האַלבער נאַכט פון פרײַטיק אויף שבת האָט ער געזאָלט אַרויסגערופן ווערן צום הערן שטורמפירער. פּונקט מיטננאַכט... צו אַן עקסטראַ אוידיענץ. צו אַ געוויסן סעאַנס וועגן אַן ערשטראַנגיקער מיסיע...

צעריטשעט זיך דער דײַטש, אַן אײַנגעשפּאַרטער אין שרײַבטיש :

— בלעדזין ! אַבסורד ! מיך ווע‍סטו ניט פירן פאַר דער

נאָז! אַ געזעצבערעכער ביסטו, אַ דורכגעטריבענער שאַרלאַ־טאַן, אַן אַוואַנטוריסט פון גרויסן קאַליבער און אַ שווינדל־יודע!

בעתן רעדן טרייסלט זיך דער שווערער האַלבער קערפּער פונעם דײַטש און מאַכט אַזש ציטערן דעם שרײַבטיש.

ווי ניט אים מיינט מען עס, דערווידערט אָסקאַר האָ־פּערדיק:

— ביטע... מען זאָל זיך צו מיר באַציִען ווי צו איינעם, וואָס געפינט זיך ערשט אין דער אויספאָרש־סטאַדיע.

צעכאָכאָטשעט זיך דער דײַטש און קומט קוים צו זיך. לאַכנדיק שטייט ער אויף — אַ הויכער, פולער, אומגעלומ־פּערטער. אַ גרין־גרויע אוניפאָרם, אָנגעפּומפּט מיט לופט, קאַטשעט שווער זיך צו צום פענצטער און פרײַכט אַרויס:

— קום נאָר אַהער! אַהער! זעסט יענע דאָרטן אויף דער גאַס. זיי אַלע זענען אין דער אויספאָרש־סטאַדיע. ווער ס'געפינט זיך דאָ, איז...

ער האַקט איבער די פראַזע מיט אַ מאַך פון דער האַנט, וואָס דאַרף באַטײַטן: דער איז שוין דערליידיקט! און צעכאָכאָטשעט זיך ווידער. איצט — פון זײַן אייגענעם שאַרפ־זין און פונעם דעמאָנסטרירן אומבאַשרענקטע מאַכט איבער די מענטשן.

דער שטאַנדאַרטנפירער איז דעצידירט וואָס גיכער צו פאַרענדיקן די שפּיל. פאַרענדיקן, איידער דער שלימזלדיקער זאַך־באַאַרבעטער פון דאָזיקן פאַל קערט זיך אום צוריק. פאַרצויגן האָט יענער די זאַך מיט אידיאָטישע נאַרישקייטן און אַ געפּלאָנטער פון אומזיניקע צוטראַכטענישן. טעאָריע איז טעאָריע און פּראַקטיק איז פּראַקטיק. דער דאָזיקער קרומקעפּיקער אויספאָרשער פאַרשטייט ניט, אַז דער גאַנצער ראַסן־קוואַטש איז באַשטימט פאַר די אָפּגעשטאַנענע מאַסן. פאַרשטייט ניט, אַז אַ ייִדן איז ניט נייטיק צו דער־

וויַזן אַ וועלכע ניט איז שולד צי גאָר טראַכטן, אַז מען קאָן פון אים אַרויסהאָבן אַ וועלכן ניט איז נוצן. עס דאַרף ווערן אויס מיטן מיטאָס וועגן נוציקע ייִדן. אַזוי לאַנג ווי זיי עקסיסטירן, וועט דײַטשלאַנד דעם קריג ניט געווינען! לוטער האָט שוין פעסטגעשטעלט: „די ייִדן זענען אונדזער אומ־גליק!" ניט נייטיק אויך צו דערוויַזן, אַז אַ ייִד איז אַ ייִד. מען לאָזט אים אַראָפּ די הויזן, און שוין. און דאָ — אַ גאַנצער באַרג אַקטן, דאָקומענטן, באַריכטן, אָנפראַגעס, ענטפערס, אינסינואַציעס און פאַרפיקסירטע אונטערהערע־נישן. בלויז קאַליע געמאַכט קריגסצײַט טײַער פּאַפּיר. אַ פאַרברעכעריש צײַט־פאַרשווענדעניש זיך צו פאַרנעמען מיט אַ ייִדנפּאָר, ווען אַרבעט איז פאַראַן איבערן קאָפּ און אָב־יעקטן וואַרטן אין דער ריי. ער טוט אַ וואָרף אין אַ זײַט די טעקע מיט דער אויספאָרש־דאָקומענטאַציע פונעם פּאָר־פאָלק גריק. ענדיקן מיט דער געשיכטע, איידער דער קרומער קאָפּ קומט צוריק פון זײַן צעשטערטער נעסט!

— נאַ, לאָס, אַראָפּלאָזן די הויזן! — טוט כריפּענדיק אַ האַווקע דער שטאַנדאַרטנפירער. דער טיפער שראַם אויף זײַן באַק, פון מויל ביזן אויער, גיסט זיך אָן מיט בלוט, און אויף זײַן האַלבן מויל בלײַבט גליווערן אַ שמייכל, וואָס דער אַרויפגעהויבענער מוילווינקל פּרעסט אויף אים אַרויף.

— כ'קאָן עס טאָן אָן קוּוענקלעניש. שאַדן וועט עס מיר ניט. כ'אָנערקען אָבער ניט אַזעלכע מעטאָדן. פאַר מיר איז עס ניט קיין אַרגומענט! איך בין אַן עסטרײַכער! — זאָגט אָסקאַר פאַרריסן, מיט באַטאָנטן שטאָלץ.

אויסגעהערט די דאָזיקע פאַרשײַטע רייד, צעכאַכאָטשעט זיך ווידער דער שטאַנדאַרטנפירער. ער האַלט קוים אײַן דעם געלעכטער־ספּאַזם, וואָס טרייסלט אים אין גאַנצן. געוואָלט האָט ער בלויז אַ קוק טאָן אויפן ייִדן, וואָס האָט אַזוי פּיפּיק פאַרדרייט דײַטשן די קעפּ. ס'פאַרדריסט אים

ניט די קאָנפראָנטאַציע מיט אים און דער ציַיטאָנווער אויף דעם. געוויס, צום ערשטן מאָל שטויסט ער זיך אָן אין אַזאַ עקזעמפּלאַר. ער דערמאָנט נאָך, דער דאָזיקער ייִדישער שווינדלער, זײַנע און זײַן פרויס פּאָליסעס און פולע סייפן אין שווייצאַרישע בענק. דער שטאַנדאַרטנפירער וויל פון קיין זאַך ניט הערן און ניט וויסן. ער האָט באַשלאָסן וואָס גיכער צו פאַרענדיקן מיטן דאָזיקן פאַרברעכער. גענוג! שוין לאַנג ציַיט געוועז! פיר איבעריקע וואָכן האָט דער אַ יודאַ־באָלשעוויק פאַרנוצט זויערשטאָף פונעם דײַטשישן לעבנס־רוים, אויפגעפרעסן שפּײַז פון די אויסגעשעפּטע דײַטשישע רעזערוון. און קריגסציַיט!

פאַרענדיקן און געבן אַ לעקציע אין אָפּעראַטיווקייט זײַן צעדרייטן אויספאָרשער און זאַך־באַאַרבעטער! און וואָס עס קערט זיך אָן ייִדיש פאַרמעגן אין די שווייצאַרישע בענק, איז נייטיק אַ קליין ביסל געדולד. נאָכן פאַרנעמען די שווייץ וועלן אַלע בענק און זייערע סייפן ווערן אייגנס פונעם גרויס־דײַטשישן רײַך. ווי ס'זאָל ניט זײַן, ס'האָט זיך געלוינט די באַקאַנטשאַפט מיטן דאָזיקן דורכגעטריבענעם ייִדישן אַפּע־ריסט.

דער שטאַנדאַרטנפירער דאַרף זײַנע האַנדלונגען קיינעם ניט פאַרענטפערן. פון דעסטוועגן וויל ער, צוליב אָרדענונג, איבערלאָזן אַ דאָקומענט, אַ קוואַליפיצירטע עקספּערטיזע וואָס זאָל מיט איין קלאַפּ צו נישט מאַכן דאָס גאַנצע געבוי פון זײַן צעבאַלעמוטשעטן זאַך־באַאַרבעטער. טעלעפאָניש באַשטעלט ער צוליב דעם אַן עקספּערט, אַ פונקציאָנאַר פונעם ראָזענבערג־שטאַב און באַטאָנט, אַז ס'איז אײַליק, גאָר, גאָר אײַליק.

ביידע, דער שטאַנדאַרטנפירער און אָסקאַר, וואַרטן שווײַ־געוודיק ביז זײַן קומען. דער שטאַנדאַרטנפירער באַמבלט די גאַנצע ציַיט אינעם טיש מיט די פינגער פון דער רעכטער

האַנט, ווי אויסדריקנדיק דעם אומגעדולדיקן ווילן אַוועקצולאָזן אין גאַנג די פויסט. מיט רציחה טוט ער צו מאָל אַ קוק אויף אָסקאַרן, וואָס שטייט אַ רויִקער, אָן סימנים פון אונטערטעניקער קנעכטשאַפט און מורא, ווי קיין זאַך וואָלט אים ניט אָנגעגאַנגען. טוט דער שטאַנדאַרטנפירער זיך אַ הייב פון אָרט, גרייט מיט דער פויסט אַ זעץ טאָן און אָפּגיסן מיט בלוט די פאַרריסענע אומפאַרשעמטקייט, וואָס האָט אים אויפגעברויזט ביזן מאַרך פון די ביינער. שטעלט זיך אַרײַן אין דער אָ מינוט דער אַרויסגעפּאָדערטער „עקספערט" — אַ ריִרעוודיק דײַטשל אין אַ ברוינער אוניפאָרם מיטן האַקנקרייץ אויפן לינקן אַרבל. צוגעקלאַפּט די אַפּצאַסן פון זײַנע גלאַנציקע שטיוועלעך, הייבט ער אויף די רעכטע האַנט:

— הײַל היטלער! צום באַפעל!

דער שטאַנדאַרטנפירער לאָזט זיך שווער אַראָפּ אויפן שטול, טוענדיק אַזש אַ קרעכץ. אַלע שראַמען פון די סטודענטישע דועלן אויף זײַן לינקער באַק גיסן זיך אָן מיט בלוט, ווי אײַנזאַפּנדיק אין זיך ניט געשטילטע יוכע. פונעם „עקספערט" פאַרלאַנגט ער אויסצופּרוּוון אָסקאַרן „אויף יודאַיִזם". פאַרלאַנגט עס מיט ציין־קריצעניש, מיט געבייזער און זייער אומגעדולדיק.

— אין וועלכע נײַן טעג טאָרן עס די ייִדן ניט עסן קיין פליישיקס? — איז די ערשטע פראַגע.

אָסקאַר שווײַגט.

קומט אַ צווייטע פראַגע:

— וואָס טוען ייִדן, אַז יום־כּיפּור פאַלט אויס פרײַטיק? ס'הייסט, ווי גרייטן זיי צו אויף שבת דאָס עסן? וועלן זיי דען פאַסטן צוויי טעג נאָך אַנאַנד?

אָסקאַר פאַרשטייט ניט, וואָס מען וויל פון אים, און שפּאַלט ניט ס'מויל.

מאַכט דאָס פּיפּיקע דײַטשל:

— כ׳וועל, אויב אַזוי, שטעלן אַ לײַכטערע פֿראַגע: ווען גייען ייִדן צו אַ טײַך און שאָקלען אויס פֿון די קעשענעס זייערע זינד אין וואַסער אַרײַן?

קיין ענטפֿער קומט ניט. אָסקאַר שטייט פֿאַרשטיינערט. אַ געדאַנק טוט בלויז אַ ברי זײַן מוח: „מײַן פֿאָטער וואָלט אויף אַלץ געענטפֿערט״.

דער שטאַנדאַרטנפֿירער גיט אַ צייכן אויפֿצוהערן און זאָגט צום אייפֿערדיקן עקזאַמענאַטאָר, אַז ער איז פֿרײַ. ער דאַרף בלויז אָנשרײַבן, פֿאַרפֿיקסירן זײַן עקספּערטיזע שוואַרץ אויף ווײַס.

דער קנאַק מיט די אַפּצאַסן פֿונעם דײַטשל, אַ צייכן פֿון געהאָרכיקייט, ווי ער וואָלט פֿאַרזיגלט אָסקאַרס גורל.

איצט האָט דער שטאַנדאַרטנפֿירער שטאַרקע קאָרטן קעגן דעם אויספֿאָרשער, פֿון וועלכן עס קערט אים שוין לאַנג די גאַל. ער באַפֿעלט אָפּצופֿירן אָסקאַרן — וויל מער ניט האָבן פֿאַר די אויגן דעם העכסט פֿאַרברעכערישן, ג ע־ו ו י י נ ט ל ע כ ן ייִד.

בלײַבט איצט צו וואַרפֿן אַ בליק אויף דעם ייִדנס ווײַב, וואָס אויך זי פֿאַרנעמט אַ קענטיק אָרט אין דער אויספֿאָרש־דאָקומענטאַציע.

אין דעם טיף בלויען ליכט פֿונעם קאָרידאָר באַגעגענען זיך אָסקאַרס און מאַרגיס בליקן. אַן אייביקייט האָבן זיי זיך אָנגעקוקט, כאָטש עס גייען פֿאַרבײַ בלויז עטלעכע סעקונ־דעס. מאַרגי איז פֿאַרקלעמט. אָסקאַר — אויסערלעך פֿאַר־ריסן. אינערלעך — צעפֿרעסן פֿון באַדויער. ביידע ווערן זיי באַגלייט פֿון צוויי שטײַפֿע, גלײַכגילטיק שווײַגנדיקע, מײַ־זיש־גרוי אוניפֿאָרמירטע וואַכמענער, מיט שוואַרצע מאַנ־זשעטן און שוואַרצע שטייענדיקע קרעגעלעך. אים פֿירט מען צוריק אין צימער. זי — צום שעף.

איר אוידיענץ ביַים שטאַנדאַרטנפירער געדויערט גאָר ווײ־ניק. דער דײַטש באַקוקט זי מיט צוגעזשמורעטע אויגן פון הינטערן שרײַבטיש, ווי פון אַ לאָקערונג אַרויס. באַקוקט זי פון קאָפּ ביז פוס. מיט דער האַנט טוט ער אַ ווונק צו די וואַכמענער, זיי זאָלן בלײַבן אין צימער און גיט זיי באַלד אַ צייכן אַרויסצופירן דאָס פּראָוואָצירנדיקע צו „ראַסנ־שאַנדע" יידנווײַב. יאָ, ער פאַרשטייט. מאַנצלײַט קאָנען זי גלײַכגילטיק ניט אָנקוקן.

ביידע פאַרפירטע קאַרטלעך אויף דעם ווינער אײַנוווינער אָסקאַר גריק און זײַן פרוי, מאַרגאַריטע גריק, געבוירענע דאָלהיצי, ליגן פאַרן שטאַנדאַרטנפירער.

דער קלאַפּ פון דער פאַרמאַכטער קאַבינעט־טיר טוט ווי אַ שטויס זײַן האַנט צום בעכער מיט די בלײַערס, וואָס אויפן טיש.

פונעם וואָרט „יודענפאַרדאַכט" אין דער באַשולדיקונג־רובריק מעקט ער אויס מיט אַ רויטן טינטבלײַער די ענדונג „פאַרדאַכט", שטרײַכט צוויי מאָל אונטער מיט דיקן רויט דאָס געבליבענע וואָרט „יודע", אין ביידע קאַרטלעך אַזוי, און שטעלט אַוועק אין זייערע אונטערשטע לינקע ווינקלען די צוויי לאַטײַנישע אותיות „ex" — דאָס פאַרקירצטע „עקזעקוטירן".

און סאַנקציאָנירט מיט זײַנע איניציאַלן דעם גזר־דין, וואָס ער אַליין האָט אָקערשט אַרויסגעטראָגן.

Meir Yelin

Di mirashn funem amok-loifer Oscar Grik

(A novell)

©

Printed in Israel, 1981